ד י – אַרטיקל/פּראָנאָם --→ דער.

(?ב?) ד י א ב א ז - דער, בא. א טונקעלער בארג-מין, וואס ווערט גענוצט פאַר ברוקירן, פלאסטערן גאסן און ווי א בוי=מאטעריאל.

|| דיאבאזיש - אדי. פון דיאבאז |קטוו|. 18

ד י א ב ע ט (י ס) – דער, בא. א קראנקייט פון דעם אינטערמאגן=דריז, וואס פירט צו שטערונגען אין דעם אויסבייט פון קוילן=הידראטן, דער צוקער ווערט נישט אסימילירט; צוקער=קראנקייט.

1927 " ווען די צוקער |...| ווערט אין קערפער ניט צעלייגט |...|, באקומט זיך א שווערער דיאבעט (צוקערקראנקייט)". פער 151, נ' 21. 22

די-

ד י א ב ע ט י ק ע ר – <u>דער, מצ דז</u>. א קראנקער אויף

דיאבעט(יס).

1949 " סאציאלע פראגן (פארזיכערונג פון <u>דיאבעטיקער</u>

בעת דער קראנקייט און אין פאל פון אינוואלידיטעט) 25

|...|." <u>פער 152, נ' 6 - 7</u>.

די אַ ב ע ט י ש - אַדי. שייכדיק צו דיאַבעט(יס).

1965 "אַזעלכע דיאַבעטיש-עמפּינדלעכע קינדער |...|

טאָרן זיך קיין מאָל ניט איבערעסן". גלעזן, פּער155, VII/22. 27

VIII

ד י א ב ע ל ע ק - דער, בא. (סטוטש 516) מין

29 אזארטשפיל, געניוער בנב.

דיאָ ג אָ ט |<u>ווייכער "ט"</u>| ---> <u>דיאהאט</u>.

דיאַגאַנאַל – דער, =ן. 1. (<u>געאָמעטריע</u>) אַ ליניע וואָס פֿאַרבינדט צוויי אַנטקעגנליגנדיקע שפּיצן פֿון אַ געאָמעטרישער פֿיגור אָדער קערפּער.

2. ( <u>טעקסטיל</u>) אַ מוסטער פֿון טעקסטילשטאָף, ווו די וועבונג גייט אין גענייגטע שטריכן, וואָס בילדן צווישן זיך שאַרפֿע ווינקלען.

3. <u>אדי.</u> וואָס ליגט לויט דעם דיאַגאַנאַל <u>(ב׳1)</u> % <u>דיאַגאַנאַלער</u> פֿליין.

0 <u>דיאַגאַנאַל-לאַסטיק</u> – (<u>סטוטש 524</u>) אַ גראָבער געוועב, צייג מיט קאָסע פּאַסיקלעך.

ד י א ג י ט - ----→ דיאגאט.

ד י א ג נ א ז - דער, =ן. דער אויספיר פון אונטערזוכונגען
און פארשונגען פון א דאקטאר אויסצוגעפינען די סיבה
און כאראקטער פון א קראנקייט, בכדי זי צו היילן.

% שטעלן א דיאגנאז.

1923 " כדי ריכטיק צו קורירן, דארף מען קודם-כל
שטעלן דעם ריכטיקן דיאגנאז". פער 151, נ' 11. 49

1968 " מיין פאטער האט גענומען איבערצייגן דעם דאקטאר,
אז זייער דיאגנאז איז א פאלשער". יזב 2, 461. 44

0 דיאגנאז=ספעציאליסט - דער, =ן.

1951 " ד"ר מענדעלסאן איז געווען א דערפאלגרייכער
דיאגנאז=ספעציאליסט אין אינערלעכע קראנקייטן". 54
ל. סאווידזש, פער 106, 1176.

ד י אַ ג נ אָ ז י ס --- -----> **דיאַגנאָז.**

ד י אַ ג נ אָ ז י ר ן - טרוו, פֿאַר דיאַגנאָזירט.

שטעלן אַ דיאַגנאָז, פֿעסטשטעלן דעם כאַראַקטער פֿון דער

קראַנקייט.

1951 "אַ סך הולאתן אין ייִדישן לעבן האָט ד"ר יהודה

בן מרדכי הלוי הורוויטש |...| דיאַגנאָזירט ווי 52

סאָציאַלע צרות". פֿער 694,106.

ד י א ג נ א ז ע - ---> דיאגנאז.

ד י א ג נ א ס ט י צ י ר ן  - טרוו. פאר דיאגנאסטיצירט.

דזוו דיאגנאזירן.

1929 "|...| גיט די מעגלעכקייט כמעט ווי געגוי צו

58 דיאגנאסטיצירן אן אנצינגונג |...|". פער 151,נ׳ 12.

ד י אַ ג נ אָ ס ט י ק - די,בא. אַן אָפּטייל פון מעדיצין, וואָס שטודירט די סימנים פון די קראַנקייטן, די מעטאָדן און פּרינציפּן צו שטעלן אַ דיאַגנאָז.

1929 " צוליב די שווערקייטן דאַרפן מיר אין דער דיאַגנאָסטיק באַנוצן זיך אין אַ ברייטער מאָס מיט פאַרשידענע הילפסמיטלען. פּער 72. 63

ד י אַ ג נ אָ ס ט י ש - אַדי. שייכדיק צו דיאַגנאָז,
דיאַגנאָסטיק.

1929 " דערפֿאַר האַלט איך פֿאַר נייטיק ברייטער אַרומצורײדן
64 די סימפּטאָמאַטאָלאָגיע און די פּראַקטישע דיאַגנאָסטישע
מעטאָדן". פּער 70, נ' 1 - 2.

(?נ?) ד י א ג נ א ס צ י ר ן - דזוו דיאגנאזירן.

1930 "דיאגנאסצירן טובערקולאזע איז ניט גאנץ פּשוט".

66 פּער 70, נ׳9, ז׳12 |?|.

(?נ?) ד י א ג ע נ ע ס - אלטגריכישער פילאסאף, וועמעס נאמען איז געווארן א סימבאל פון א פורש מן הציבור, מתבודד, פון אן אפגעזונדערטן מענטשן.

1931-1926 " |ער| דארף גארנישט-נישט קיין היים, נישט קיין קינדער, ווי דיאגענעס, וואס איז געלעגן אין א פאס". אפאטאשו, 69,15. 70

ד י א ג ר א ם(ע)- די,=ען. א צייכענונג,גראפיק,
וואס דינט צו דערקלערן, באווייזן באשיימפערלעך
וויסנשאפטלעכע,סטאטיסטישע אע באארבעטונגען און
אויספירונגען.

1936 "אט זענען די צייכענונגען, מיינע הערן, - ווייזט
אשכנזי אך אויף די בלויע דיאגראמען". 72
י.י.זינגער, 449,6.

1965 "די גימנאזיע האט געהאט ספעציעלע קאבינעטן פאר
וויסנשאפטלעכע קעגנשטאנדן, מכשירים, וואס די קינדער 75
האבן אליין אויסגעארבעט:|...| קארטעס, דיאגראמען,
טאבעלעס,סכעמעס". פער 347,107.

ד י אַ ג ר אַ מ י ר ן - טרוו, פֿאַר דיאַגראַמירט.

אָהרו ווב. מאַכן דיאַגראַמען.

ד י א ד - ---→ דיאַטע.

1940 " פון שטיוול מיט דיאַד אויף אַ ווערסט האָט

78 געצויגן". אליעווסקי, 64,2.

שור: דו שמיר אים מיט האָניק, און ער שמעקט מיט

50 דיאַד [קטוו].

ד י אַ ד י ע - <u>דער, =ס.</u> <u>(סל, איר)</u> 1. פּעטער.

2. וועגן אַ דערוואַקסענעם מענטשן, פֿאַרשוין.

1961 "די קוק בעסער ניט אויף מיר! איך בין אַ בייזער

<u>דיאַדיע</u>! אוך אַ בייזער!". <u>בערגעלסאָן, 645,18</u>. 81

דיאדעם(ע) - די/דער, =ס. א פרויען-צירונג אין דער פארעם פון א ניט-גרויסער אפענער קרוין.

1952 "באלויכטן |...| פון אנגעצונדענע וועקסענע ליכט, האט די קאלירטע אייראפעישע קארטע געפינקלט אויף נאפאלעאנס טיש ווי א דיאדעמע פון איידלשטיינער". 87

שניאור, 62,12.

1972 "האט לאה זיך אויסגעצירט אין א גאלדענעם דיאדעם".

צאנין, 272,3. 84

(—דאָט, ס =.)

ד י אַ ד ק ע |צווייטער ד ווייך|. 1.דזוו דיאַדיע ב׳2.

2. איינער פֿון די עלטערע סאָלדאַטן וואָס לערנט די
יונגע רעקרוטן. 89

פּל: די חתונה איז געווען אין קאָנאַרע,//דער ווזוואַדנע
דיאַדקע איז אויך געווען דערביי".

Ик: дядько

ד י אָ ה אָ ט |ווייכער "ט"| – דער, באַ, פֿפֿ דיאָגאָט,

(זך) דיאָד. אַ טונקעלער פֿליסיקער סמאָלע=פּראָדוקט,

וועלכער באַקומט זיך דורך טרוקענער דיסטילירונג

פֿון האָלץ, טאָרף אָדער שטיינקוילן; דזשעגעכץ.

1885 "די מיט פֿוילע עפּעלעך, די מיט ווייסע לייט,

די מיט אַ צעבער |טעקסט: ציבער (דיאַל)| דיאָהאָט

(זעגעכץ)|...|". מ. ספּעקטאָר, פּער 74, 2/I.

ד י אָ ו ו ע ן - אוטוו. בנב.

1939 "דער גוי סטיאָפּקע האָט נאָך 'געדיאַוועט' און

96 האָט צוגעכאָרכלט". שניאור, 53,4.

1952 "קוים געדיאַוועט האָט דאָס קינד, אַ קראַנק נפשל".

98 שניאור, 105,12.

..........................................................

רעד: זען א ברייטערן קאָנטעקסט אין בוך. פון וועלכער שפּראַך?

..........................................................

ד י אַ ז ש ק ע - די,=ס. --←------- דזיאסקע.

ד י א ט א נ י ש - אדי.|סטוטש 283|.(מוזיק)

וואס באשטייט פון גאנצע טענער איין האלבטענער. 110

% דיאטאנישע גאמע. דיאטאנישער אינטערוואל.

(?נ?) ד י א ט ל ע - די, =ס. (אוק, נא)(זאאל) פױגל; פּיקהאַלץ.

1963 "די דיאטלע גיט אַ פֿלי. די פֿליגלען אויסגעשפּרייט

113 מיט שאטנס טונקעלע". א.אויערבאך, 179,7.

Ur: gelmeil

(?ב?) די אטעזיס - דער, =ן, פּפּ דיאטעזע.

1. גענייגטקייט,נטיה.

2. (מעד) די גענייגטקייט פון אן ארגאניזם צו געוויסע קראנקייטן.

1928 "א צווייטער ראסן-פאקטאר, וועלכער פארגרעסערט די ווידערשטאנד-פעיקייט פון יידן לגבי דער לונגען- 115 טובערקולאזע, איז לויט מיין מיינונג די אוריין- דיאטעזע, וועלכע איז זייער פארשפרייט ביי יידן".

פער 71, 25/XII. 25/XII

|| דיאטעטיש - אדי. |סטוטש 508,7|.

שייכדיק צו דיאטעזיס,ב׳1.

דיאַטערמיע - די, =ס. (מעד) דאָס היילן מיט דורכוואַרעמען די געוועבן פון אָרגאַניזם.

1936 " וויכטיקע באַדייטונג האָט די פיזיקאַלישע טעראַפּיע,
118 ד"ה אַנווענדונג פון עלעקטרישן שטראָם ביים קורירן
שטערונגען אין די נערוון=און באַוועגונג=אָרגאַנען,
אָדער דיאַטערמיע |...|". פּער 151,ג'נ'6.

1954 "די געזעלשאַפט 'טאָז' |...| האָט איינגעאָרדנט
119 פאַר די קינדער און יוגנטלעכע זומער-קאָלאָניעס, געהיילט
קראַנקע דורך קוואַרצלאַמפּן און דיאַטערמיעס". (ד)
יזב 115,10.

|| דיאַטערמיש - אַדי. שייכדיק צו דיאַטערמיע.
|סטוטש 254|.

ד י אַ ט ש י כ ע - די, =ס. (שש) די פרוי פון אַ דיאַק.

... "גייט דורך אַ דיאַטשיכע, טראָגט אַ דייזשע ברויט". 123

פמ.

דיאכט - דער, בא. דזוו דיטהאט.

1930 "ס'שמעקט מיט פרישן לעדער, דיאכט און ווארעם
125 זיסן וואקס". רויזענבלאט, 3, 36.

1932 "עטלעכע מאל אין דעם טאג |איז|ש. ארויפגעקומען
126 |...|, געקוקט אין גרויסן קיילעכדיקן קעסל ווו. עס
בולבעט זיך א פליסיקייט פון זשעווער-קאליר און
פון דיאכטקאליר". א.קאהאן,2,119.

ד י א כ ר א נ י ע - די, בא. (לינגוויסטיק)

היסטארישע המשכדיקייט אין דער אנטוויקלונג פון שפּראַך=דערשיינונגען.

|| דיאכראניש - אדי. שייכדיק צו דיאכראניע.

דיאכראנישקייט - די, בא. דזוו דיאכראניע.

... "זעט סאָסיר זייט ביי זייט מיט דער דיאכראנישקייט אויך דעם סינכראנישן אַספּעקט פון דער שפּראַך".

פער 94 א', XXIV, 75.

ד י א ל א ג - דער, =ן. געשפרעך, שמועס צווישן צוויי אדער מערער מענטשן.

1926 "אזוי האט זיך אנגעהויבן דער דיאלאג צווישן אונדז". באריישא, 2א, ז' !! 131

1959 " באשטייט נישט אפט דער דיאלאג פון צוויי מאנאלאגן, וואס מישן איבער איינער דעם אנדערן?. 133
ניגער, 9, 202.

1965 "ס'איז פאראן א מיטאס וועגן א דייטש-יודישן דיאלאג. דער איבערשמועס זאל האבן געדויערט איבער הונדערט פופציק יאר". ש.ביקל, פער 69,!!!V 20. 134

ד י א ל א ג י ז י ר ט - 1. פאר פון דיאלאגיזירן.

2. אדי. וואס איז געבויט,געגרינדעט אויף דיאלאגן.

1959 "די דראמאטיש-סימבאלישע אטמאספערע |...| פעלט אין

דער דראמאטיזירטער, אדער ריכטיקער, דיאלאגיזירטער

ליריק פון י.ל.פרץ". ~~פער טורג~~ פער 2048.

110 ג' ר

ד י א ל א ג י ז י ר ן - אוטוו. פאר דיאלאגיזירט.
פירן א דיאלאג.

1938 "מארוא דיאלאגיזירט איבער דעם לעבן".
139 קאראלניק, 1, 273.

|| דיאלאגיזירונג - די, =ען. אקט פון דיאלאגיזירן.
... "דיאלאגיזירונג פון די תפילות |...|".
137 פער 94 א, 97.

ד י א ל א ג י ס ט - דער, =ן. דער וואס פירט א דיאלאג.

|| דיאלאגיסטיש - אדי. באזירט אויף א דיאלאג.

ד י א ל א ג י ר ן - אוטוו. דזוו דיאלאגיזירן.

1970 " אויף זײַן אופן און מיט זײַן דרך וועט ער די

142 אויספֿאַרשונג פּירן: מיט דיאלאגירן מיט די שרײַבער".

זוהר, 1, ב׳2,91.

ד י אַ ל אָ ג ע וו ע ן - אויטווּ. (שנש,איר) דיאַלאָגיזירן.

1967 "קום,לאָמיר בייטן די ראָלן, ברודער פעלדז פאַר

143 שוועל |...|, ווּעסט דיאַלאָגיזירן מיט גאָט, כליפּען

טראַגישע לידער וועגן וועלטזיך". י. פרידמאַן,4,22.

145 דיאליזיס - דער, בא. (כעמיע) דער אויפן פון אפטיילן קאלאידן פון באמת צעלאזענע שטאפן.

105 || דיאליטיש - אדי. באזירט אויף א דיאליזיס.

ד י א ל י ז י ר ן – טרוו. דורכפירן א דיאליזיס.

ד י א ל ע ק ט - דער, =ן. באזונדערער אופן פון רעדן
די זעלבע שפראך אויף א געוויסער טעריטאריע.
% אין מזרחדיקן יידיש זיינען דא דריי דיאלעקטן:
דער דרומדיקער, צפונדיקער און צענטראלער.

1913 "די שפראך אונדזערע |יידיש| מוז זיין איינהייטלעך
און ניט געבונדן אין קיין איינציקן דיאלעקט. 152
פער 125 א,24.

1948 "א דיאלעקט פון די רהיין= און עלבא-געביטן
האט ביי די ברעגן פון ניעמאן באקומען א סלאווישן 151
צוגאב". חנא גארבער, פער 44, 7.

1959 "דאס איז געווען א געדאנק איינצושטעלן אן
איינהייטלעכן שפראך-דיאלעקט". צילי אדלער. 153
פער ס11 ג' 508.

ד י אַ ל ע ק ט אַ ל - אדי. (סאוו) דזוו דיאלעקטיש !! .

ד י א ל ע ק ט א ל א ג - דער, =ן. געלערנטער, וואס פארשט דיאלעקטן.

די אַלעקטאַלאַגיע - די, בא. אן אַפּטייל פון

שפּראַכוויסנשאַפט, וואס שטודירט דיאַלעקטן.

... |...| טעכנישע פּרטים פון דער אראבישער דיאלעקטאלאגיע".

פער 94 א' XXVI, נ'62. 159

ד י אַ ל ע ק ט אָ ל אָ ג י ש - אַדי. שייכדיק צו

דיאַלעקטאָלאָגיע. % דיאַלעקטאָלאָגישע עקספּעדיציע.

1939 "|...| באַשר ס'וואַלט ביים ענטפערן (די מינוט

161 זאָל ניט באַמינוטן) אויסגעקומען אָנצורירן דיאַלעקטאָלאָגישע

ענינים?". נ.פּרילוצקי, פער 92,נ'2.

1953 "עס פאָדערט זיך אַ פּרטימדיקע אָפּוועגונג און

160 אויסנוצונג פון זייַן דיאַלעקטאָלאָגישן רויוואַרג".

מ.ווייַנרייך, פער 38,XIII,2 - 3,ז' 44.

ד י אַ ל ע ק ט י ז ם - דער, =ען. א וואָרט אָדער אויסדרוק פֿון אַ געוויסן דיאַלעקט.

דיאלעקטיק - די, בא. 1. די וויסנשאפט וועגן די אַלגעמיינע געזעצן פון באוועגונג און אַנטוויקלונג פון דער נאַטור, געזעלשאפט און דענקען. % מאַטעריאַליסטישע דיאַלעקטיק.

1917 "איז אפשר יענער באַדן אַנגעזאַפּט מיט אַזעלכע זאַפטן, וואָס זיינען א סם-המות פאַר דער דיאַלעקטיק און מוזן |...| פירן צו איר טויט". זשיטלאַווסקי, 70,7. 172

1951 "אַזוי אַרום האָט מען אַנטוויקלט א דיאַלעקטיק, ענלעך צו דער דיאַלעקטישער מעטאָדע, וואָס האָט געהערשט אין אַלטערטום, אין מיטל-עלטער אין די תּלמודישע אַקאַדעמיעס". פער 608,106. 171

1959 "די דיאַלעקטיק וויל אונדז בלויז צעטומלען: אַז ווייס איז, אונטער געוויסע אומשטענדן, שוואַרץ, און אַז שוואַרץ קאָן, אונטער ספּעציעלע באַדינגונגען, אויסזען ווייס". ניגער, 160,9. 164

2. דער פּראָצעס פון באַוועגונג, אַנטוויקלונג פון עפּעס.

1951 "מיר זיינען פאַרליבט אין אינעווייניקסטער

דיאַלעקטיק און טאַקע דעריבער אַזוינע מתמידים און 168

לערנער אין די ישיבות און אוניווערסיטעטן".

א.שטיינבערג, פּער 106, 402.

1956 "שעקספּיר שילדערט אויך די דיאַלעקטיק פון דער

פּסיכיק און די צוויי עמביוואַלענטע כוחות, פון 165

וועלכע זי ווערט כסדר באַשטימט". י.י.טרונק,

פּער 169, מאי, ז' 206.

3. די קונסט צו פירן אַ וויכּוח, קלאָר און לאָגיש דערווייזן

אַ געדאַנק.

... [...] "אַ פּרווו אויפצווווייזן די השפּלה פון רשיס

פּירוש אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון 173

דער רבנישער דיאַלעקטיק". י.מיקלישאַנסקי, 94 א', XVIII.

1958 "אלע, כמעט דורכויס אַלע, געשטאַלטן אין "דער

174 מאַמעס שבתים" לעבן, ווי געזאָגט, אויף דער שווערד

פֿון דער מוסר-דיאַלעקטיק". ביקל, 1, 371.

די אַ ל ע ק ט י ק ע ר - דער, =ס. 1. אַ מענטש וואָס באַהערשט דיאַלעקטיק (ב׳ 3), אַ גוטער פּאָלעמיקער, רעטאָריקער.

1917 "אויב איר שטעלט פאַר אים אַ וועק אַן אַבסאָלוטע אַלטערנאַטיווע, שפּרינגט דער דיאַלעקטיקער אַריבער אײַער נעץ מיט דעם באַמערק, אַז דער אמת קאָן ניט זײַן אײַנגעשלאָסן נאָר אין איין אורטייל". 181

זשיטלאָווסקי, 13,7.

2. אַנהענגער פון דער דיאַלעקטישער פילאָסאָפיע.

(?נ?) ד י אַ ל ע ק ט י ר ן - אוטוו. פּירן אַ וויכוח, דיסקוטירן.

1910 "און דאָס צאַפּלענדיקע האַרץ זייַנע זוכט, דאָס

184 האַרץ פילאָסאָפירט, ער דיאַלעקטירט מיט זייַנע געפילן".

פער 125, אויגוסט, ז' 39.

דיאלעקטיש I - אדי. 1. שייכדיק צו דיאלעקטיק ב'1.

% דיאלעקטישע פילאסאפיע.

1912 "דער דיאלעקטישער מאטעריאליזם איז דער לעצטער

187 רעזולטאט פון דער אנטוויקלונג |...|".

זשיטלאווסקי,3,ז' |?|.

1951 "די געביידע פון תלמוד גופא איז געבויט אויף

185 פילפול, עס איז אוממיגלעך צו שטודירן דעם תלמוד און

דעם דיאלעקטישן מעטאד |...|". ל. גינצבורג,

פער 532,106.

2. שייכדיק צו דיאלעקטיק ב' 3.

1951 "דער מענטשלעכער פארשטאנד קומט צום בעסטן

186 אויסדרוק אין א דיאלעקטישן פראצעס,ד"ה דורך דער

אנטוויקלונג פון א מיינונג (טעזע) און א קעגנגעזעצטער

מיינונג (אנטיטעזע) ביז ס'ווערט אויסגעארבעט

די ריכטיקע מיינונג, ד"ה די סינטעזע". ש.אטלאס,

פער 106, 609.

„דיאַלעקטישקייט — די, ־ען. די אייגנשאַפֿט פֿון זיין

דיאַלעקטיש.

ד י א ל ע ק ט י ש  - אדי. שייכדיק צו דיאלעקט.

% דיאלעקטיש ווארט. דיאלעקטישע אייגנארטיקייט.

... "א דיאלעקטישער פאסיווער פארטיציפ |...|".

188 פער 94 א XXVI, 67.

דיאלעקטישע גראמען - |סטוטש 382| גראמען באזירטע

אויף דיאלעקטישע באזונדערקייטן, א שטייגער:

ליב - שטיב (אנשטאט שטוב).

ד י א מ א ג נ ע ט י ז ם - דער, בא. דער סכום מאגנעטישע
אייגנשאפטן פון שטאפן, וואס פארמאגן א נעגאטיווע
מאגנעטישע אויפנעמפעיקייט.

ד י אַ מ אַ ט - דער, בא. (סאַוו) קירצונג פון "דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם".

ד י א מ א נ ט - דער, =ן. 1. דזוו דימענט .

2. טיפאגראפישער שריפט, קעגל פון פיר פונקטן.

60 די -

ד י אַ מ אַ נ ט ע ר - דער, =ן. (לאַקל, אַנטווערפּען)

199 דימענטן-סוחר אין אַנטווערפּען |קטוו|.

ד י אַ מ ע ט ע ר – דער, =ס.א גראַדע ליניע, וואָס גייט
דורך דעם מיטלפּונקט פֿון אַ קרײַז, און פֿאַרבינדט צוויי
פּינקטן פֿונעם אַרומנעם.

ד י <u>א</u> מ ע ט ר <u>א</u> ל - <u>אדי/אדוו.</u> וואס געפינט זיך אויף
דעם קעגנאיבערדיקן, מער דערוויטערטן עק.

1930 "זיי זיינען אריבער |...| פון איין ווירטשאפטלעך-
פסיכאלאגישער קאטעגאריע צו דער <u>דיאמעטראל</u> קעגנגעזעצטער 211
- פון ניט=ארבעט צו יא=ארבעט". <u>פער 70, נ׳ 6,5.</u>

1946 " עס קענען אייציטיק איינלעבן זיך ביי מענטשן
צוויי <u>דיאמעטראל</u> היפוכדיקע פסיכישע איינשטעלן, 206
געוועגדט אן די באציונגען מיט דער סביבה".
<u>א.גאלאמב, 3, 193.</u>

ד י אַ מ ע ט ר י ש - אַדי/אַדוו. |סטוטש 54,17|.

דזוו דיאַמעטראַל.

די אַנטיסאָס + |סטוטש 614 אַ| גאָט פֿון ווײַן

און דראַמע אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע.

ד י א נ ע - |סטוטש 614 א| געטין פון דער לבנה און

געיעג אין דער רוימישער מיטאלאגיע.

(?נ?) ד י אַ ס ט אַ ז - דער, =ן. אַ פֿערמענט וואָס צעשפּאַלט
קראַכמאַל און גליקאָזען; געפֿינט זיך ביי בעלי-חיים און
געוויקסן-אָרגאַניזמען.

1923 "די פֿאַרוואַנדלונג פֿון קראַכמאַל אין צוקער קומט
222 פֿאַר דעריבער, ווייל אין די זוימען געפֿינט זיך אַ באַזונדער
שטאָף, וואָס הייסט דיאַסטאַז". מינקאָווסקי, 18,1.

ד י אַ ס ט אָ ל(ע) - דער/די, בא. איך צונויפהעפט:

O הארץ=דיאסטאל - אנטשפאנונג, אָפּשוואכונג פון

האַרצמוסקל, וואָס קומט גלייַך נאָך זייַן אייַנשרימפּונג

|סיסטאָל(ע)|.

ד י אָ ס ט אַ ל י ש - אדי. שייכדיק צו דיאסטאל(ע).

/7 דיאסטאלישער בלוטדרוק - "דער אונטערשטער ציפער

160 אינעם רערל פון דעם בלוטדרוק-מעסטער, וואָס ווייזט

דעם גרונט=בלוטדרוק אין די אַדערן". (י. גלען, 1).

1972 "אַ בלוטדרוק פון איבער 200 קען יאָ זיין געפערלעך,

226 ווען דער צווייטער, דיאסטאלישער דרוק איז איבער

הונדערט". (י. גלען, פער 155, IV/10.

(?נ?) די<u>א</u>סטר<u>אָ</u>פיזם - <u>דער, בא.</u> (<u>געאָלאָגיע</u>)

דער סך-הכל באַוועגונגען פון דער ערדקאָרע, אין רעזולטאַט פון וועלכע עס ענדערט זיך די פריערדיקע לאַגערונג פון די באַרג-מינים.

|| <u>דיאַסטראָפיש</u> - <u>אַדי.</u> שייכדיק צו דיאַסטראָפיזם.

% <u>דיאַסטראָפישע</u> ענדערונגען.

ד י א ס ל ע - די, =ס. |סטוטש 240|. (דיאל?).

יאסלע, צאנפלייש.

ד י אָ ס נ ע – די, =ס, געווייַנטלעך מצ. (רוס, נא)
יאַסלע, צאָנפּלייש.

1925 "דאָס פּיצעלע וויקט דעם אָפּל בייַם זויגן, בייסט
די ברוסט מיט די דיאָסנעס |...|". פּער 151, נ'8.
233

דיאספּאָרע - די, בא. 1. דאָס צעזייטקייט פֿון די ייִדן אין אַלע לענדער, אויסער ארץ-ישׂראל; גלות.

2. די ייִדישע יישובֿים אין דער וועלט; תּפֿוצות.

1930 "די שטאָט רוים האָט געהאַלטן ביי פֿאַרנעמען אין דער דיאַספּאָרע דעם אָרט פֿון דער אַלטער אַלעקסאַנדריע". 240

ז. קאַלמאַנאָוויטש, איבּז דובּנאָוו, 3, ז׳ |?|.

1960 "זיי קומען פֿון דער צענטראַלער ייִדישער דיאַספּאָרע, מכּל תּפֿוצות ישׂראל". ניגער, 327,10. 241

די אַ ס פּ ע ר ב ו י ם |דיאַספּערפּלוים?| - דער ~ ביימער.

(צווב) קולטיווירטער טראָפּישער פּרוכטבוים, מיט געלבלעך=

רויטלעכע פּרות; נאָכן צייטיק ווערן - זיס;

ווגב . Diospyros

דיאפאזאן - דער, בא. 1. (מוז) דער טאנפארנעם
פון א שטים אדער אינסטרומענט.

2. (פיג) פארנעם, ארומנעם, גרייס פון עפעס.
% דיאפאזאן קענטעניש.

... "ביי אזא ברייטן דיאפאזאן אינטערעסן איז קלאר,
245 אז אויך סאציאלע און פאליטישע פראגעס קומען צו רייד".
מ.ווינרייך, פער 94, ב' I.

1947 "דער שרייבער האט א מאל געשטרעבט צו פארברייטערן
244 דעם דיאפאזאן פון זיין פארשארפטער געזעלשאפטלעכער
קריטיק". דאברושין, 2, 61.

ד י אַ פּ אָ ז י ט י וו – <u>דער, =ן.</u> אַ דורכזיכטיקע פּאָטאָגראַפֿיע אויף גלאָז אָדער אַן אַנדער מאַטעריאַל; ליכטבילד.

1923 "איך די נאָענטסטע טעג וועט אונדזער באַפּולמעכטיקטער

אַרויספֿאָרן מיט אַ צויבערלאַמפּ און קאָלעקציע <u>דיאַפּאָזיטיוון</u> 240

און איך אַלע שטעט, וועלכע ער וועט באַזוכן, לייענען

לעקציעס וועגן טובערקולאָז". <u>פֿער 151, נ' 11.</u>

ד י אָ פ א נ י ק - די, בא. | סטוטש 277 | בנב.

דיאָפּטריע - די, =ס. דער איינס פון אָפּטישן כוח פון לינדזן (אין ברילן).

1925 "די ברעכקראַפט פון גלאָז גופא רופט מען דיאָפּטריע".

פער 151, נ'10. 257

די אַפּטריק — די, באַ. אַן אַפּטייל פון געאָמעטרישער אָפּטיק, וואָס שטודירט די פאַרשפּרייטונג פון ליכטשטראַלן אין דורכזיכטיקע סביבות.

ד י א פ ט ר י ש - אדי. שייכדיק צו דערשיינונגען, וואס קומען פאר אין פארשידענע דורכזיכטיקע סבביות.

ד דיאפטרישער טעלעסקאפ - |סטוטש 305| טעלעסקאפ, אין וועלכן די אפבילדונג פון די הימל=קערפערס באקומט זיך מיט דער הילף פון אפטישע גלאזן.

ד י אַ פּ ר אַ ג מ ע - די, =ס. (מעד) מוסקל=געוועב, וואָס טיילט אָפּ דעם ברוסטקאַסטן פֿונעם בויך=חלל.

1925 "דיאַפּראַגמע איז די וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם חלל פֿון בויך, ווו ס'געפֿינען זיך די געדערים, פֿון ברוסטקאַסטן, 266

ווו ס'ליגן די לונגען און דאָס האַרץ". פער 151, נ'2.

ד י א ק - דער, =ן. דער נידעריקסטער קולטדינער אין
דער פראוואסלאווער קירך.

... "איינדע, ביינדע, יאדע,// ארויס א נייע מאדע,//
אייבערשלאק, אונטערשלאק,//כאלושע זאל כאפן דעם 270
אלטן דיאק". קל, ציילעניש.

1868 " איר זאלט ניט מיינען |...| איך בין עפעס א
פארשיווע חסידל |...| וואס טראגט |...| א לאנגן 278
כאלאט מיט א גארטל אוך א וואטאווע היטל |...| ווי א
דיאק". פער, 177, נ' 44, III - 325.

1902 " האר האט ער זיך פארלאזט, ווי א דיאק, די מארדע
האט ער זיך אפגעגאלט - א פיין בחורל!". 272
שלום=עליכם, דר, 7, 262.

1958 "גלייך לעבן דעם דיאקס געסל האט זיך אנגעהויבן זיין
גרינס-גארטן". ש.סיימאן, פער 68, IX /12. 276

ד י א ק א ן - דער, =ען. דער געהילף פון גייסטלעכן
ביים דורכפירן א גאטדינסט (דער עיקר אין דער
פראוואסלאווער קירך).

1950 "דער דיאקאן איז ביים כהן |פון די פאלאשן| אן
ארויסהעלפער און א תלמיד". פער 94א,212. 280

1960 " און הינטער אים א דיאקאן - א ריז, וואס
|...| ברומט מיט א טיפן באס: 'גאספאדי פאמילוי' 282
(גאט, האב רחמנות!)". פער 68,V!!!/5.

דיאקע - די, בא. (לאקל(?), שלש) "א באלוינונג, אפדאנק" |קטוו|. % "די דיאקע פון א פריץ". |קטוו|.

290/1

Ик: дяка

ד י אַ ק ר י ט י ש - אַדי. אין לינגוויסטישן טערמין:

דיאַקריטישער צייכן/סימן - אַ סימן בײַ אַן אות, אונטער אים אָדער איבער אים, וואָס ווײַזט אָן אויף אַ ספּעציפֿישן אַרויסרייד, שטייגער, די נקודה איבערן "ש", כּדי צו אונטערשיידן צווישן ש' און שׂ.

1944 " עס וועט זײַן אוממעגלעך צו גאַיין זיך אין
292 גאַנצן אָן דיאַקריטישע סימנים" ש. בירנבוים, פּער 94, IV, נ' 3 - 108,6.

1957/8 " אַ ספּעציעלן |...| דיאַקריטישן צייכן איבער
293 כ, אַ שטייגער כּ". מ.ווײַנרייך, פּער 94א, XLI, 115.

די אראמע - דיָ, =ס. 1. א בילד געמאָלט פוןביידע זייטן פון א דורכזיכטיקן שטאָף און ספעציעל באַלויכטן צו באַקומען דעם איינדרוק פון פאַרנעמיקייט.

2. א בילד מיט פאַרנעמיקע פיגורן פאַר אים.

ד י אַ ר יי ע - די, בא. (מעד) לויזער מאָגן,

לאַקסירונג; שילשול.

D : Dieb

ד י ב - דער, =ן. (עלט) גנב.

... "זייערע קינדער ווייכן זיי אויס ווי דער דיב

305 דעם אָסטראָג". דיק, ציט פער 94 א, 1952, 147.

1908 " קיין פֿאלשער עדות זײַ, קיין דיב, // אַזעלכע לײַט

308 האָב איך ניט ליב". ראַזענפעלד, 2, 186.

דיב

1697 " דער הונט דער זאגיט אומטר נייך,// עז

304 איז מיר זיכר ניט ליב//אך דוא און זעליגער ביזר דיב,//

דוא ווילשט מייך הערן יוא ביראבן". ספר משלים,כט -II.

1775 " |..:| ער הוט זיין שער גנץ ליב // דיא שער

309 איז זיין פר קויפטר דיב". איין שין ליד פון די הנד

ווערקש לייט, פער 43,161.

ד י ב אַ ם |האַרטער "ד"| - אדוו. אין די אויסדרוקן:

שטעלן זיך/אויפשטעלן זיך דיבאַם - שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס (וועגן א פערד).

1873 "אז איך האב זי |די קליאטשע| א שטאַרקן צי געטאָן, האט זי זיך אויפגעשטעלט גאר דיבאַם און געבריקעט". מענדעלע, 1, קאנק' 133760.

1938 " די פערד שטעלן זיך דיבאַם". שניאור, 3, 69. 319

1955 " און די פערד די גרויע |...| דיבאַם זיך געשטעלט". 327

מאני לייב, 2, 23.

שטייען דיבאַם- (זיין שטייף, קאממיותדיק (וועגן האר).

1898 " שטייענדיק קעגן שפיגל, איינלייגנדיק די וואַנסנהאר |=וואַנצעסהאר|, וואס שטייען דיבאַם, 331

מיט א קליין בערשטעלע |...|". לעווונער, 9.

1932 " באַרד און האָר שטייען ביים חבר שמואל דיבאָם".

336 פּער 54,61.

1965 " זיין שפּיציק בערדל איז אים געשטאַנען דיבאָם".

322 ה.לייקאָוויטש, פּער 222,107.

די האָר שטעלן זיך דיבאָם – געזאָגט וועגן גרויס שרעק, מורא.

1887 " צווישן אַנדערע ענייַנים קלאָגט |ער| זיך זייער

321 אויף די איצטיקע מלמדים און דערציילט ברמיזה עטלעכע

מעשיות פֿון ווילנער מלמדים, אַז די האָר שטעלן זיך דיבאָם".

פּער 74, נ' 792,46.

אַרויסקוקן דיבאָם – דזוו שטיין דיבאָם.

1960 " שטעכיקע ברעמען, וואָס |...| קוקן אָפּט אַרויס דיבאָם

320 איינגעדריקט פֿון אַדורך די גאָלדענע שפּאַקולן".

י. קאַפּלאַן, פּער 38, נ' 38, 190.

ד י ב ו ק |דיבעק| - דער, =ים |דיבוקים|. לויט דעם

פֿאָלקס=גלייבעניש,בייזער גייסט אָדער נשמה פֿון

אַ געשטאָרבענעם אָדער חיה, וואס איז מגולגל געוואָרן

און אַרײַן אין גוף פֿון אַ מענטשן. % ארויסטרײַבן/ [illegible]

דעם דיבוק. עס רעדט פֿון אים ארויס דער דיבוק.

אַ דיבוק האט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אים.

ש.אנ=סקי האָט געשריבן זײַן דראַמע "דער דיבוק"

איינצײַטיק אין רוסיש און אין יִדיש.

1868 "אַ מאָל האָט מען אים געטרעבעוועט |=געפּאַדערט|

צו איין יונג ווײַבל, וואָס אין איר האָט זיך 369

אַרײַנגעכאַפּט איין דיבוק רחמנא לצלן".

אנ, דער אקציזניק, 29.

1886 "נעמט אײַך אַראָפּ אַ מוסר, יידישע קינדער! אַז אַ

כלי - און עס ליגט אין איר א דיבוק. שלום=עליכם,23,ב׳ 261. 228

1938 "זי פלעגט, ניט פֿאַר קיין שום ייִדענע געדאַכט,

228א קיין איין קינד ניט אויסטראָגן... עפּעס אַזוי ווי

א דיבוק וואָלט זיך אַרייַנגעכאַפּט צו איר און בייַ איר

געדישעט איין קינד נאָכן צווייטן". פּ.סיטא,

פּער 132, נ' 11, 27.

1974 " "איבערלעבן' - דאָס וואָרט איז אַרייַן אין מיר

227 ווי א דיבוק, ווען דאָס כאַפּן אין געטאָ האָט זיך

פֿאַרשטאַרקט". עלבערג, 2, 309.

(?נ?) ד י ב ו ק י אַ צ י ע - די, בא. (שנש) דאָס נאָכמאַכן דעם סטיל פֿון אַנ-סקיס "דיבוק".

1971 "אין דער צייַט ווען אויף די פּאַריזער יידישע בינעס הערשט פֿאַרשימלטע דיבוקיאַציע און שונד, עפֿנט 370
פּיאַט א פֿענצטער צו דער וועלט - דאָס לעבן רופֿט".
פֿער... | אידישער טעאַטער אין איירָאָפּע, ז' 313. ?

רעד: נאָכזען טעקסט; אפֿשר "דיבוקיאַדע"?

די בוקיש - אדי. (שנש) ווי פון א דיבוק,

שייכדיק צו א דיבוק.

1949 " די פעכיקע הערלעך האבן געלויכטן אויף זיין קאפ

230 מיט א דיבוקישן, שווארצן רייץ". שפיגל, 3, 65.

ד י ב ו ק ן |דיבעקן| – <u>אוטור</u>. (<u>שנש</u>) זײַן, פילן זיך ווי אין אַ דיבוק.

1945 " דאָס לײַב אין פחד <u>דיבוקט</u> מיטן קול פון אַלע:

וואָס וועט זײַן מיט אַלע, וועט אויך זײַן מיט אונדז". 231

<u>באַריישא, 474,3.</u>

ד י ב ו ר |דיבער| - דער, =ים |דיבורים|.

1. (ס'רוב געניצט אין מצ) רייד, ווערטער, א זאג.

1867 " חתן=לעב, חתן=לעב, הער אויף מיינע דיבורים, היינטיקער טאג איז ביי דיר יום כיפורים". 439

ליניעצקי, פער 177, נ' 43, !!! - 320.

1902 " גרויסע געלערנטע לייט פון דער וועלט וואלטן זיך געלאזט צו אים |צו ר' יוספל דעם רב| זען אים באשיימפערלעך און הערן פון זיין מויל אלע קלוגע דיבורים". שלום=עליכם, 7א, דערצ' די יורשים, ז'...

1926 " זי האט דאך אים געקאנט זאגן, אז |...| זי וויל נישט האבן צו טאן מיט א גנב. נו, וואלט ער געוווסט קלארע דיבורים, זיך איין מאל ארויסגעשלאגן פון קאפ און באסטא!". אפאטאשו, 5, 100.

1968 " דעמאָלט האָבן זיך די שויבן שטויביקע געשפּיגלט
אין דיבור ייִדיש פֿון יונגוואַרג". לעיעלעס, 6, 265. 374

2. שטייגער רעדן, אויסדרוק-אופֿן, ריידמאַניר | סטוטש 369 |.
% ער האָט אַ פֿיינעם חיתוך הדיבור.

3. דיבור דיברה, איינע פֿון די עשׂרת הדברות.
1906 " און דערום האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט, דאָס
דער דיבור לא תחמוד |...| איז שקול אַנטקעגן אַלע 394
עשׂרת הדברות". מנורת המאור, I - 26.

דיבור קל - 1. לייכטע, ניט ערנסטע רייד.
1959 " קיינער האָט ניט געוואָגט אין קאָצק צו לאָזן
פֿאַלן אַ דיבור-קל". הרב שוואַרצמאַן, פֿער 18, VII/3. 416

2. א װאָרט, אַ זאָג.

1887 "היינטיקע צייטן װאָס אַ שדכן גייט זיך אָפּ די פּיס,

445 ביז ער קריגט אַרױס אַ דיבור קל, כאַטש אַ שאָקל מיט דעם

קאָפּ". ה׳א׳נ׳ר, 1, 79.

פּוסטע דיבורים – סתם רייד, ניט צו דער זאַך, נאַרישקייטן.

% "מען האָט זיך שוין גענוג אָנגערעדט פּוסטע דיבורים,

426 די צונג טוט שוין װיי"% |קטוו|.

דאָס זיינען גאָר אַנדערע דיבורים – דאָס זיינען שוין

רייד צו דער זאַך.

דער דיבור איז אים (איר, ײַ) אָפּגענומען געװאָרן –

דזוו דאָס לשון איז אים אָפּגענומען געװאָרן;

אַנטשוויגן געװאָרן, פֿאַרשטומט געװאָרן, געבליבן אָן לשון.

1931 "אומעטום האט ער געגעבן קמיעות צו פארטרייבן דעם
שטן און די לילית. |...| מ'האט אים אראפגענומען צו
|...| שווערע האבערינס און צו קינדער, וואס ס'איז
זיי פלוצלינג אפגענומען געווארן דער דיבור".
באשעווים, 2, 45.

397

ם ---> 1.

1796 " ווען אבר איינר זיך נוקם איז וויל יענם ניט מוחל
זיין ער בילד זיך גאר פיל איין דעם דיבור דאש 389
מן רעט קיגן אים ווער אלץ זיין כבוד".
דרך=הישר לעולם הבא, שקלאוו, פרק ל"ט.

---> 3.

1713 "די צאל פון ניין אונ' פופציג (מצות) ווערשטו אין דלר
(דיבור) פינדן, אונ' איין מאן פון פאר שטאנד טוט זיא 375
הרויש שעפפן אונ' אויש' דען (דבור) ווערדן זיא בישיידן".
מחזור, 1, רלח - 2.

די בליצע – "דער אויסגעוויקסטער געמאַלענער דיב, וואָס מ'וואַרפט אַרויס אַלס אָפּפאַל" |טערמ. 7|.

רעד: 1. וואָס איז "דיב"? ניטאָ אין קיין איין סלאַווישער שפּראַך. 2. אין קאַרטל אָנגעוויזן ווי אַ מקור "טערמ, 7"; וואָס איז דאָס?

די בענט – דער, =ן. (לאקל, מלאווע, פוילן).

א שלעגער, א קאטארזשניק.

% "ס'איז א דיבענט א יונג" | י. אפאטאשו, פער 90, I, ב' 4, 188|. 454

ד י ב ע ם - ----> דיבאם.

ד י ב ע ס |הארטער "ד"| ! - ברעטער מיט עפענונגען, אין וועלכע מען פלעגט אין מיטל-עלטער איינשמידן ארעסטירטע.

1819 "ער זאָל מלמד נעהמין אין דער תפיסה אריין און זאל איהם אנטוהן דיבעס |...| מען זאל נעהמען דעם מלמד |...| אין דיבעס". פערל, 1, 34. 235

ד י ב ע ס |הארטער "ד"| II - מצ. אין אויסדרוק:

\[ ביין/שטיין אויף דיבעס - איינשפארן זיך, קעגנשטעלן זיך.

450 1882 " פון תקופת תשרי ביז תקופת טבת |...| א בלאטע אין אלע גאסן |...| און די יידישע גאזעטן גייען אויף דיבעס". ליניעצקי, 7, 5.

451 1963 "ער האלט פון 'אשרי יושבי ביתך". מ. וויגאדא, פער 155, XI /22.

ער שטייט ניט ווי אויף דיבעס אין זיצט ניט ווי אויף שפילקעס.

ד י ב ר ה |דיבּרע| - די, =ות |דיבּרעס|. אַנזאָג, געבאָט;

~~(דאָס וואָרט דיבּרה=דיבּרות ווערט~~ געניצט זעלטן ~~אין~~

~~יידיש אויך~~ נאָר וועגן די עשׂרת הדיבּרות(צען געבאָט)

וואָס משה רבינו האָט געקריגן אויפֿן באַרג סיני).

% די זעקסטע דיבּרה זאָגט:"זאָלסט ניט הרגענען".

1863 " און פֿון וואַסער איין אָרט קומט אים דאָס שטאַרקייט,

4560 |...| דאָס זענען די צען דיבּרות, וואָס זיי שטייען

אין דער תּורה |...|". אנ, נופת צופים, דף 277.

1968 " די גאַסן - // אַ ווימלדיקע גניזה פֿון לעבעדיקע

4561 ייִדן,// ווי שערבלעך פֿון די דיבּרות,// שמות פֿון

מזוזות, פּסוקים פֿונעם בענטשן". ל. טעלער, פּער 38, נ' 64,

ז' 138.

דב -

ם 1723 " דען די ערשטי פיר דברות גינגן אלייניג גאטש

כבוד אן". לב טוב, 2, דף 151. 4563

□ |דיבשטעל| ד י ב ש ט ל - גנבֿה |?|.

1701 "מיין ליבר הער לאזט זיא ערשט פאנגן אונ' פר
דאש גידיכט |גיריכט?| שטעלן אונ' וועז זיא דען <u>דיבשטל</u> 471
ביקענן אלזו לאשט אינן איר רעכט געבן".

<u>מעשה בוך, מעשה קע"ב.</u>

ד י ג ד י ר ן - טרוו. (לאקל, זאגער, ליטע)

אין טעקסטיל: דורכפירן א פראצעס אז דער 'סאמאדיאל'

|שטאף| זאל מער ניט איינלויפן ביים וואשן. 478

|פער 90, IV, 3 - 6, 138|.

דיגיטאַליס – דער. 1. (באָט) גראָזגעוויקס פֿון דער משפחה Scrophulariaceae.

2. שטאָף געניצט אין מעדיצין ווי אַ מיטל פֿאַר האַרצקראַנקע.

1929 " דיגיטאַליס האָט ניט איין האַרצליידנדן געהאָלפֿן אין אַ מאָמענט פֿון אַ סכּנה און אַזוי אַרום געראַטעוועט אים דאָס לעבן". פֿער 70, נ׳ 8 – 9. 483

1932 " דער ׳רויטער פֿינגערהוט׳ |...| אַנטהאַלט דיגיטאַליס (אַ האַרצגיפֿט), וואָס ווערט אין קליינע דאָזעס באַנוצט אין דער מעדיצין אַלס אויסגעצייכנטער האַרצמיטל". פֿער 151, נ׳ 12. 484

(?נ?) ד י ג י ט אָ ר - דער, =ן. |סטוטש 286|. (מוזיק)

אינסטרומענט פֿאַר פּיאַנאָ-געניטונגען.

-די

ד י ג נ י ט א ז ש - דער,=ן. דזוו דיגניטאר,ב' 2.

ד י ג נ י ט אַ ר – דער,=ן, פּפּ דיגניטאַזש. (רעג.פּוילן)

1. מלוכה־מענטש, הויכראַנגיקער פּערזאָן; חשובער מענטש.

P: dygnitarz

1936 " זיי האָבן זייער שלעכטע און גראָבע אַרבעט געמאַכט,

494 די דייטשן אין פּוילן, שווערע געוואַנט, וואָס זיינען

ניט געפעלן געוואָרן די פּריצים פון די גיטער, אויך

ניט די אָפיצירן, דיגניטאַרן און רייכע לייט".

י.י.זינגער, 12,6.

1957/58 " הויכע פּראַוואָסלאַווע דיגניטאַרן".

495 פּער 94א, XLI, 240.

1972 " זי האָט געהערט די פּליסטערייען פון קעראַוויניק,

492 וואָס איז תּמיד געווען פאַרנומען מיט מאַכן טראַנסאַקציעס

מיט דיגניטאַרן מיט טעקעס, וואָס פלעגן אים באַזוכן".

ראָזענפאַרב, 2, 363.

2. (שגל)מענטש מיט השפעה אין דער געטאָ=אדמיניסטראציע
אדער פארבונדן דורך קרובישאפט צי באקאנטשאפט מיט
אזא בעל-השפעה; אויך דיגניטאר |בלומענטאל, פער90, צות-99,3|.

ד י ג נ י פ י צ י ר ט - אדי, (רעג.גאליציע) (?נ?)

רעספעקטירט.

1966 " ער איז א דיגניפיצירטער, שיינער מאן".

498 נאדיר, 13, 208.

— דער, זע ס.

די ד |ווייכער "י"|, 1. זיידע.

1861 " איר ווייסט ניט ר'... די מעשה מיט דעם דיד און דער באביצע מיט די קינדערלעך |...|".

אקסענפעלד, 1, 17.

2. אלטיטשקער.

[] דיך דאַ באַבאַ ---> דזשאד דא באבא.

דזשאַד!

ד י ד אָ ז י ק ע - ----> דאָזיקער.

116 די-

דידאַקטיק - די,בא. אַן אָפּטייל פֿון פּעדאַגאָגיק, וואָס שטודירט דעם אינהאַלט, די מעטאָדן און פֿאָרמעס פֿון לערנען.

117 די־

די דאַקטיקער — דער, מצ דז. אַ ספּעציאַליסט אין שטח פֿון דידאַקטיק.

ד י ד א ק ט י ש - אדי. 1. שייכדיק צו דידאקטיק.

% דידאקטישע פרינציפן.

2. וואס איז כולל אין זיך א מוסר-השכל;מאראליזירנדיק,
באלערנדיק (וועגן ליטעראטור,קונסט). % דידאקטישע
פאעמע.

... " אין ברעסלוי, פלעגן די מער משכילים איינגעשטעלטע
520 יידן נעמען אנטייל אין ספעציעלע פורים=פארשטעלונגען
מיט א דידאקטישן אדער פילאנטראפישן צוועק".
י.שאצקי, 94א, XV, 1.

1949 " דאס איז געווען די דידאקטישע ליטעראטור פון
517 איר צייט, על-פי-רוב איבערזעצונגען פון דייטש".
שניאור, 11, 83.

1963 " דערציילונגען מיט א מאראליש=דידאקטישן אינהאלט
518 זיינען געווארן איינגעשלאסן אין די ספרים".
וו. בורשטין, פער 9,ר"ה תשכ"ד, 44/I.

דידיטש - דער, =ן, פּפּ (פּוילן) דזשעדזשיטש.

אַ גוט-באַזיצער, אַ פּריץ. % "לעבט ווי אַ דידיטש.

523 אַ גאַנצער דידיטש" |קטוו|.

Uk: gigur.

1959 " די פאַרחלומטע, אין זיך איינגעהערטע יונגע

523 פּאָעטישע 'דידיטשעס' און דידיטשקעס |טעקסט: דידעטשעס און

דידעטשקעס| האָבן דאָס דערוויל נישט באַמערקט".

ר.אויערבאַך, פּער 38, נ' 61,33.

|| דידיטשקע - די, =ס. ווע פֿון דידיטש.

120 די־

ד י ד ק ע – די, =ס, דזוו דיטקע | פּער 90, V, 48 |.

די (ה) - נאר אין די פראזעס:

דיה לצרה בשעתה |דאיאַ לאַצאַרע בישאַטאַ| - שוו:
די צרה איז נאך ווייט, ס'איז נאך פרי צו זאָרגן.

1869 " טאַ וואס זשע זאל איך טאקע אנהייבן זאָרגן
532 פאַר פרי? דיה לצרה בשעתה! דערווייל איז גוט א
חיי שעה!...". ליניעצקי, 9א, 46.

די=והותר |דיי-ועהויסער| - אדוו. מער ווי גענוג.

1911 " איך וויל מיך נישט מישן אין פרעמדע ענינים.
539 גענוג די אייגענע צרות די=והותר". שלום=עליכם,6ג,177.

... "האבן זיי נעבעך שוין געקריגן |...| פעטש און
543 קניפּן די=והותר". יזב 23, 622.

1970 " ניין, ניין, נישט די נעמען פון די ארבע
541 מיתות בית-דין האב איך געמיינט - איינע וואלט שוין
גענוג געווען און א מיתה משונה נאך דערצו די=והותר".
צוקר, 1, 50.

די-והותרדיק | דיי=וועהויסערדיק | - אדוו. (שנש)

דזוו די=והותר.

1951 " פארן טאטן |...| איז די=והותרדיק איין

552 פארבאהאלטענער בליק אין דער זייט פונעם קליידל".

מ.מאלי, פער 38, נ' 65, 100.

ד י ו ב ע ן - - --> <u>דזיובען</u>.

ד י ו א |סטוטש 383| ---> דיווע.

(?נ?) דיוואגאציע - די, =ס. (רעג, רומעניע?)

דאס אפטרעטן פון דער טעמע, דאס אריינמישן זייטיקע רייד, ענייניס.

1936 " האט זיך נאך מער פארשלאסן |...|, נאך מער

555 איזאלירט, געפירט זיין געשפרעך מיט זיך, א געשרעך וואס האט באקומען א באזונדער שארפקייט פון זינט די מלחמה האט אויסגעבראכן. ער האט דאך געהערט דעם שרייבערס דיוואגאציעס, אבער נאר דרויסנדיק".

מ.אלטמאן, 3, 116.

ד י וו אַ ן - דער, =ען/=עס, מצ דיוואַנעס/=ען.

1. אַ געוועב, אַ שטאָף (אַן אָרטיק) צו באַדעקן די פּאַדלאָגע אָדער
אויפֿצוהענגען אויף אַ וואַנט.

1880 " נאָך דעם ווי דער סולטאַן האָט זיך איינציקע שטונדן
אומגעקײַקלט אויף זײַנע טײַערע דיוואַנעס |...|" 575
דיק, 92א', 25.

... " שטייט שוין דאָרט דער לאַקיי |...| און טרייסלט
אַפּ דעם שטויב פֿון די טײַערע דיוואַנעס". 581
שלום=עליכם, קינדער-שפּיל, ז' 98.

1939 " אויף די ווענט הענגען דיוואַנעס". פּערלע, דא, 186. 553

1947 " די דילן - מיט דיוואַנען, און מיט שווערן זייד ~~581~~ ~~575~~
די ווענט פֿונעם סאַלאָן |...|". באַריישא, 4, 208. 561

2. (אַקצענט:דיוואַן).סאַפֿע.

1925 " ביי דער רעכטער וואנט - א דיוואן. איבערן
דיוואן - א פאליצע מיט ביכער". אנ-סקי, 3, 183. 580

1931 " ראבייקא האט אין גאנצן ניט געקאנט ריידן,
אפגערוט אנגעלענטערהייט אויפן ווייכן דיוואן". 578
פער 159, 164.

1965 " אין דעם ווייס אויסגעקאלכטן צימערל איז ביי
דער וואנט געשטאנען א שמאלער דיוואן ארומגעצויגן 557
מיט העל בלוילעכן ציץ". נאטע לוריע, 5, 10.

(אקצענט: דיוואן).
3. (עלט) מלוכה-ראט ביים סולטאן אין דער אלטער טערקיי.

1967 " מיט א טאג שפעטער האט מען מיך אויסגעהערט
אויף א זיצונג פון 'דיוואן'". ברוסילאוו, פער 10, 38. 565

|| דיוואַנדל - דאָס, =עך, פּקפּ פֿון דיוואַן (ב׳ 2).

1924 " פֿלוצלינג האָט זי זיך אױסגעריסן פֿון זײַנע הענט

586 און איז אַנטלאָפֿן צום קלײנעם דיוואַנדל".

פּער 100ב׳, 51.

ד י ו י ד ע נ ד – דער, =ן. רווח אויף דער אַקציע, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן די אַקציאָנערן.

1882 " דער **דיווידענד** (פּאַרדינסט) וואָס וועט דערפֿון

594 אַרויסקומען זאָל געהערן די וואָס האָבן די אַקציעס".

פּער 74, נ׳ 342,22.

1896 " מע לאָזט אַרויס אַקציעס אויף אַ הונדערטער און

590 מע צאָלט פֿאַר זיי דרײַ, וואָרום מע גיט 'דעוועדענט'".

שלום-עליכם, ג7, 50.

1933 " דערווײַל וועלן מיר מוזן פֿאַרקירצן די **דיווידענדן**

592 אויף 50 פּראָצענט און זיי אָפּשטיילן פֿון די רעזערוו=

קאַפּיטאַלן". מאַרקיש, 5א, 237.

ד י ו י ז י אַ ן - דער, =ען. (סאָוו) מיליטערישע איינהייט אין אַרטילעריע אָדער פּאַנצערטיילן.

דיוויזיע - די, =ס. 1. מיליטערישע איינהייט, באשטייט פון עטלעכע פאלקן אָדער בריגאַדעס.

% פּעכאַטע - דיוויזיע. צוויי טאַנקן=דיוויזיעס.

1927 " ביידע זיינען זיי געווען פון איין דיוויזיע".

599 י. י. זינגער, 22,4.

1951 " עס מאַרשירן אַריין קיין ליטע גאַנצע דיוויזיעס

597 רויטאַרמייער |...|". פער 302,106.

(?נ?) ◻|די ווײַל| ד י וו י ל א – כל זמן, בשעת. מה"ד:

die wîl(e)

... " בעודי – די ווילא איך: לעבא, ל׳ בעודני חי.

608 רייכלין 8, תהילים קמו, ב.

1675-80 " דיאווײַל דש איך האב געזעהן וואש פאר ביין

608א׳ אידרן לאנד טוט גשעהן". די בשרייבונג פון אשכנז

און׳ פאלק, צײַט פילאלאגישע שריפט ג׳, 537 – 551.

ד י ו ע – די, =ס. |סטוטש 544|. באוווסטע אקטריסע, זינגערין; פרימאדאנע.

It: diva

די=וועלט - בא. דאָס לעבן אויף דער רעאַלער וועלט (להיפּך צו "עולם הבא").

1914 "די האָסט פֿאַרדאַרבן מײַן די=וועלט און יענע וועלט". מ.ריבקין, 237,1. 617

|| די=וועלטיק - אדי. שייכדיק צו די=וועלט.

1912 " |...| דער, וואָס האָט |...| טיפֿער דורכגענומען דעם צער פֿון אונדזער די=וועלטיקן זײַן, וואָלט ניט וועלן אָװעקגעבן זײַן גאַנצן גיהנומדיקן לעבן פֿאַר איין רגע אין גן=עדן". זשיטלאָווסקי, 133,1. 618

ד י ו ע ן  ז י ך - אוטוו (אוקר, נא) "וווּנדערן זיך,

כאַפּן התּפּעלות, אַנציקן זיך" |קטוו|.

% "ער האָט זיך געדיווועט אויף איר, ניט געקענט אָפּרייסן

די אויגן, אַזוי שיין איז זי געווען" |קטוו|. 620

и: дивитися

ד י ו ו ע ר ג ע נ ץ - די, =ן. |סטוטש 154|. אונטערשייד,

דאָס פונאַנדערגייַן זיך, חילוקי=דעות, פּלוגתא.

ד י וו ע ר ט י ס מ ע̍נ ט - דער, =ן. 1. מוזיקאַלישע

אָדער דראַמאַטישע נומערן, וואָס קומען ווי אַ צוגאָב צו

אַ ספּעקטאַקל אָדער קאָנצערט.

1931 " זי וועט צוגענומען אַלס זינגערין פֿון רוסישע

לידער אויף די דיווערטיסמענטן, וועלכע מ'פֿלעגט |...| 627

געבן נאָך יעדער פֿאָרשטעלונג". פֿער 110א', 33.

1971 " אויב די פּיעסע איז ניט געווען פֿון דעם מין,

פֿלעגט מען צוגעבן אַ דיווערטיסמענט פֿון העברעיִשע אָדער 625

יִידיש-נאַציאָנאַלע לידער און רעציטאַציעס". י. שטיין, 1, 129.

2. טשיקאַווער צופֿאַל, אַמוזירנדיקע געשעעניש.

1933 " האַ=האַ=האַ! - האָט דער רײַטער געלאַכט און איז

מאָדנע פֿלינק פֿון פֿערד אַראָפּגעשפּרונגען - אָט דאָס 624א'

איז אַ דיווערטיסמענט!..". גאָדינער, 2, 89.

ד י ו ו ע ר ס א נ ט - דער, =ן. דער וואס פירט דורך דיוועורסיעס (ב׳ 1).

1937 " דער סאמער שארפער מעטאד פון |...| אונטעררייסישער טעטיקייט פון די |...| דיוועורסאנטן איז די ארגאניזירונג פון אוואריעס און באן=קאטאסטראפעס ". 628

איבן אנ, א. ווישינסקי, אייניקע מעטאדן...,ז׳ |?| .

ד י וו ע ר ס אָ נ ט י ש - אַדי. (צווב) (ווי) פֿון א

דיווערסאָנט.

דיווערסיע - די, =ס. 1. פיינטלעכע טעטיקייט צו שעדיקן מיליטערישע, עקאנאמישע און אנדערע אביעקטן פון שונא. % דיווערסיע=אקט.

1952 " יעדן טאג האבן מיר |די פארטיזאנער| דורכגעפירט
דיווערסיעס, צעשטערט די אייזנבאן, אויפגעריסן די 634
בריקן הינטער די דייטשע ליניעס". יזב 565,12.

1970 "די הערצל=פאן, //א שפיאן רופט איר אן?!// |...|
איז א קאמופלאזש און ווערסע//פאר סאבאטאזש און 631
דיווערסיע?!". זוהר, 1, 103.

2. (פיג) טעטיקייט צו שעדיקן די פלענער פון שונא.
אפצוציען זיין אויפמערקזאמקייט.

1890 "די כיטרע דיווערסיע האט איבער גורגיאסן ניט
מצליח געווען". פער 74,נ׳ 12,1. 632

-די

ד י וו ע ר ט י פ י צ י ר ן - טרוו. פארשיידנדיקער מאכן

|אויוו ווב| .

142 די־

(נ?)? ד י ר ט י – די,=ס. (אמ) אַפּצאָל, שטײַער |סטוטש 501|.

דיונע - די, =ס. זאמדבערגל, זאמדאנטראג, וואס דער ווינט רוקט אים איבער (ביים ברעג ים, אין מידבר).

1940 " דא, ניט ביי די זאמד=דיונעס, ביי דעם פליכעוואטן ברעג, האט אמעריקע זיך אנגעהויבן, אזוי ארעם, אזוי באשיידן, אזוי גרוי". קאראלניק, 253,3. 654

1951 "ליטע האט אויך געהאט ביי פאלאנגען א גאר פראכטיקן ים=ברעג, וואס איז געריממט איבער אייראפע מיט די 'דיונעס'פון ווייס=ווייסן זאמד געפינטלט מיט בורשטין". פער 36,106. 642

1968 " איך קלעטער אויף בערגער, איך גיי דורך טאלן, פעלדן און דיונעס". לעיעלעס, 6, 189. 651

(?נ?) ד י ו ס - בא. (אמ)אפצאל, מיטגליד=אפצאל.

1917 " איר האט קיין מאל קיין דיוס ניט געצאלט".

656 י. גארדין, 56,13.

145 די־

E: duke

(?נ?) ד י ו ק – דער, =ן. פירשט, הערצאָג.

1932 " מיר וועלן זיך שוין קיין מאָל מער נישט בוקן –

659 פאַר לאָרדן און פאַר פערשטן און פאַר דיוקן".

נאדיר, 4, 31.

ד י ו ק י ם - במ. (לל) דעטאלן, פיטשעווקעס.

1957 " דעם טאַטנס פאַרזאָג, אַז קיינער זאָל דערפון ניט
664 וויסן, האָט זיך אויסגעפירט מיט אַלע דיוקים".
איבן אַן,ליקוטי=דיבורים,דף ק"ז.

1965 " דעריבער האָט די תורה אַרומגערינגלט די דיני
660 נפשות מיט אַזוי פיל פּרטים און דיוקים, אַז פּאַקטיש
איז די פאַרווירקלעכונג פון מיתת בית-דין כמעט אַן
אוממעגלעכע זאַך". ה.זיידמאַן, פער 69,~~10~~/19.
(11)

ד י ר ש ע - די,=ס. סאַרט באַרנע; שמאַלצבאַר|פּער 90, V-2,47|.

(?ב?) דיזײַנער - דער, =ס. (אמ) דער וואס פּראַיעקטירט מאָדעס פֿון קליידער.

|| דיזײַנערין - די, =ס. ווע פֿון דיזײַנער.

1957 " ציליע איז געקומען פֿון שאַפּ ווי זי איז געווען
674 אַ גוט באַצאָלטע דיזײַנערין". מאלאדאווסקי, 30,2.

E: designer.

ד י ז ל - דער, |=ען?|. מאטאר פון אינעווייניקסטער
פאר ברענונג, וואס ארבעט אויף פליסיקן ברענשטאף.

1960 " איך בין א זון פון דור - נאך אלע שלים א פערפעקטע
מאשינעריי: שפייז נעם איך אויף אין זיך ווי דער 679
דיזל זיין בענזין". י. פרידמאן, 2, 65.

דיזל=מאטאר - דער, =ן. דזוו דיזל. דיזלשיף - 0
די, =ן. א שיף וואס ווערט געלאזן אין גאנג דורך א דיזל=
מאטאר.

ד י ז ל ע ן - אוטוו. (שנש) קלאַפּן, אַרבעטן ווי אַ דיזל.

1936 " איין וואַרעמער פֿולס// פֿון פּאַליוס ביז פּאַליוס

683 עס דיזלט". באריק, 3, 216.

**ד י ז ן** – דאַטיוו און אַקוז פון (דטשמ) "דיזער".

נאָר אין אויסדרוק:

**דיזן=דאזן** – (שנש) דאָס און יענץ.

ד י ז נ ע (געלט) - ----> אדיזנע.

ד י ז ע – וואָ אוך מצ פוך ~~(בטשמ)~~ פראז דיזער.

דיטשמערס שן פראַנאַם

ד י ז ע ו ו א ט ע - מד. בנב.

1895 " דערצו איז ער נאך געווען א שיינער פארשוין,

א ביסל זומערגעשפרינקלט, מיט א פאר גרויסע אויגן 708

דיזעוואטע און א קאפ צוגעהינקען". אנ. אמעריקאנער

גליקן, 114.

דיזענטעריע – די, בא. שארפע אנשטעקיקע קראנקייט,
וואס דריקט זיך אויס דער עיקר אין דער צעשעדיקונג
פון די געדערעם און ווערט באגלייט פון דיארעא=בלוטונגען.
% ליידן אויף דיזענטעריע. דיזענטעריע=אמעבע.
צווישן די פליטים האט זיך פארשפרייט אן עפידעמיע פון
דיזענטעריע. בלוטיקע דיזענטעריע.

1923 " די סיבע פון דיזענטעריע איז א באזונדער מין
באקטעריע, |...| פארקלייבט זיך אין אונטערשטן טייל 721
פון די קישקעס". פער 151,נ' 5 - 6.

1964 " ס'קינד זאל זיין געזונט, ס'זאל אפגעהיטן ווערן
פון טיפוס, פון דער דיזענטעריע, וואס בושעוועט 716
ארום איר". ב. דעמבלין, פער 38,נ' 79,49.

1972 " צוויי שכנים פון הויף זיינען אוועק פון דער
וועלט צוליב דער דיזענטעריע". ראזענפארב, 2, 187. 723א

ד י ז ע נ ע – שפּאַטיש אויף (דטשמ) דיזע. ...

1932 " |...| נאַר מיט אויגן פֿול ווי עמערס מיט

729 לבֿנה און מיט גלויבן אינעם רויטן סערפּ, איך די רויטע

שטערן האָט בלויז דער דיכטער פֿון דיזענע ריימען".

נאַדיר, 5, 22.

ד י ז ע נ פ ע ק צ י ע - ----→ דיזינפעקציע.

ד י ז ע ר – (דטשמ) אַנוווייזיקער פּראָנאָם, וורל: דיזע,

נמ: דיזעס. דער.

1865 " דיזע באַרבאַרן פּלעגן אומצוזעגלען דאָן מיט זייערע

703 לייכטע שיפּן אויף דעם מיטלענדישן מעהר".

דיק, 23, ז׳|?|.

1909 " אויף דיזן ליטעראַטור=אָקשן |=אַאוקציאָן| קריגט

689 איר אַלעס, וואָס פּאַרדאַרבן איז |...|". עדעלשטאַט, 4, 383.

1913 " ווען דיזער מענטש פּאַרט אָפּ אויף אַ קליינע צייט

262ב׳ און קומט נאָכער צו פּאַרן, באַקומט דאָס אָרט ביי אים

אַ נייעם אָנבליק". קאַמינסקי, 1.

ם דיזר.

.... " הזה – אובא דיזר ל׳ אם זה". רייכלין, שמואל א׳

264 כא, טז.

1734 " אונטר דעשך פור זוכי דיזה נייאה גשפאנשאפט
מיט אלי בצייגונג פון פריינדליכקייט גליבה פירט 701
צו פּפּלנצן". לשון זהב, II.

דיזר ווייז- אדוו. אויף דעם אופן, אזוי ארום.

1680 " איין טאפ דא פיל לייט איר עשין איין טון,
איינר זעצט צום הייער דער אנדר ציפט דער פון, 756
אלזו מיט דיזר ווייז,בלייבט און גיקאכט דיא שפייז|...|".
דער צוכט שפיגל.

160 די-

ד י ז ש ו ר - -----> דעזשוב.

161 די -

ד י ז ש ו ר י ר ן - ----> דעזשורירן.

ד י ז ש ו ר נ ע - ---← דעזשורנע.

די-

ד י ז ש ו ר ס ט ו ו ע - ----> דעזשורסטווע.

ד י ז ש ע – די, =ס. דזוו דייזשע.

1967 " בלאַס און יוירנדיק,// ווי אַ פּולע וויַיסע

777 דיזשע, ווייך געפּאַלדעוועט". קאַציזנע, 4א׳, 227.

.........................................................

רעד: וווּ קומט צום ליטוואַק קאַציזנע די אוקר פּאַרמע?
סײַדן ס׳איז אַ טעות הדפּוס אָדער פון אויסשרײַבער.

.........................................................

ד י ט א - דאָס זעלבע,אַזוי אויך.

1919 " זייַן היטל איז ווייך, דיטאָ זייַן כאַראַקטער".

784 נאַדיר, 1,61.

ditto

(?נ?) ד י ט י ע / ד י ט כ י ע – די, =ס. (לאקל, וולאצלאוועק)

789 דיטקע |קטוו|.

די טיראמב – דער, ־ן, פּפּ (נאַ) דיפּיראַמב.

1. אַ ליריש לויבליד, נאָענט צו אַן אָדע.

1964 " |...| פֿאַרבייַט ער זייַנע דיטיראַמבן און אָדעס אויף איראָניע". י. שיין, 269,1. 790/1

2. אַן איבערגעטריבענער לויב, גלאָריפֿיקאַציע.

ד י ט ע י ז ם – דער, בא. דאָס אַכפּערן צוויי געטער;

להיפּך צו מאָנאָטעיזם, (און) פּאָליטעיזם.

ד י ט ק ן – אדי. (עלט) וואס זיין פרייז איז א דיטקע
(הווב). % א דיטקענער קוכן.

ד י ט ק ע  - די, =ס. (עלט) א פּאַרצייטיקע מטבע אין פּוילן: א זעקסער, דריי קאָפּיקעס. % ניט ווערט קיין דיטקע.

P: dydek.

1895 " נו טאַמער וואלט איר מיין בקשה ערפילן, אַט נאָט אייך א דיטקע און שפּילט מיר א טאַנץ". 804

שאַרקאַנסקי, 1, 5.

1951 " די פּאַלאַנגער ייִדן האָבן זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע אַריין: קיין צעבראָכענעם פּיים ניט! קיין האַלבע דיטקע ניט!". י. מאַרק, פּער 1456,106. 803

1960 " האָט זי גענומען פּאַרן ווײַדל |=הערינג| א צווייער |...| בעת א גאַנצער הערינג האָט געקאָסט א דיטקע - א קופּערנער זעקסער". פּ. שטיינוואַקס, פּער 21/II,68. 801

// צוויי פּאַר א דיטקע - " א וואָלוועלע זאַך, ניט קיין וואַזשנער מענטש" |ב.י. ראָזען, פּער 90,VI, נ' 3 - 78,6|.

ד י ט ש ק ע - די, =ס. ווילד געוואַקסענער פּרוכט, בוים, אויף זייַנע פּרוכטן.

1963 " |...| געריסן די גרינע דיטשקעס און געשלייַדערט זיי אין אַלע זייַטן". קאַבריאַנסקי, פּער 131, נ׳1, 8. 810

Uk: gurka

ד יי וו ע ר ן - ----> דעווערן.

ם |דייונג| ד יי א ו נ ג - פארדייונג.

1680 " דו פארדערבשט אונ׳ בישווערשט דיא **דייאונג**

פון דיינם מאגין ". צוכט שפיגל. 856א׳

רעד: איז אויך געווען א ווערב ׳דייען׳?

ד יי ז ש ע – די, =ס, פקפ <u>דייזשקע.</u> א הילצערנע

ברייטע קיילעכיקע כלי, ווי א האלב פעסל, צו פארמישן

און קנעטן דאס טייג אויף ברויט, א מאל אויך צו האלטן

וואסער אדער זייערן אוגערקעס, קאווענעס, קרויט, עפל.

1887 " אויף דער נאכט טראגט מען צו אים צונויף |...|

856 צעשיטע ציבערס און <u>דייזשקעס</u>, און ער נעמט מיט אן

אלטער האק |...| און שלאגט אזוי אראפ די צעשיטע רייפן".

<u>פער 74, נ' 52,4 – 53.</u>

1904 " אלע, דריי שכנים באדארפן שעפן וואסער פון איין

860 <u>דייזשקע</u> און גיסן אין איין פאמעניצע".

<u>שלום=עליכם, 2ב, 154.</u>

1912 " |...| איבער הויפט, דער בכבודיקער לאבן ברויט,

837 וואס אים האט זיך ניט איינגעגעבן צוריק אריינצוקריכן

אין <u>דייזשע</u> ". <u>זשיטלאווסקי, 1, 164.</u>

1953 " מען האָט אַריינגעקאַטשעט די דייזשע רעגן=וואַסער,
824 וואָס איז געשטאַנען אונטער דער רינווע".
ברויסלאַוו, 1, 124.

0 דייזשעבאַרשט – דער, =ן. |סטוטש 258|.ברויטקוואַס.

דייזשעקוואַס – דער, בא. דזוו דייזשעבאַרשט |?|.

1881 " זיץ אין דער ליטאַ |...|.וואַסער איז דאָ לרוב,
853 די ערד ציטערט ניט |...|.קוויק זיך מיט עפּלקוואַס
אָדער גאָר מיט דייזשעקוואַס". שאַצקעס, 159,1.

1943 " און טרינקענדיק דעם זויערן דייזשעקוואַס//
854 אַן קינאה צו דיר, וועלט, און אַן א טראָפּן האַס".
היינהאַרן, 8, 14.

פּפֿ: אנגעבלאָזן (צעוואַקסן, געשוואָלן אאז"וו)

ווי א טייג אין א דייזשע - וועגן אַ גרויסן קאָפּ, פּנים.

א שיסל ווי א דייזשע

א שיסל ווי א דייזשע - שפּאַטיש וועגן אַ גרויסער שיסל.

ד יי ט י ק - אדי. (אבק ווב) באטייטיק.

ם | דייטלבוימליין | ד יי ט ל ב ו מ ל י ן - טייטלביימעלע.

XV י"ה " תמרורים - דייטלבומלין, אילנות הנושאים

תמרים לסימן". רייכלין 8, ירמיה לא, כ. 873

ד יי ט ל ע ך - אַדי/אַדוו. קלאָר, פֿאַרשטענדלעך, בפֿירושדיק.

% רעדן, שרייבן דייטלעך. זיך אויסדריקן דייטלעך.

דייטלעכע באַווייזן.

1877 " איר האָט מיר ניט פֿאַרטאַנעך, און איך זאָג אייך

953 נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע, נאָך דייטלעכער". ג.ראַוויטש,4,2.

1910 " |...| ס'איז דייטלעך אַלץ פֿאַרשריבן,// וואָס

884 ביי אים // איז ניט געבליבן". פֿרוג, 2, 207.

1940 " און צייכנט דייטלעך אָן פֿאַר דער פֿאַרטיי//

886 אַ קלאָרן וועג פֿון אַרבעט און פֿון שטרייטן".

קושניראָוו, 5, 24.

// דייטלעכקייט — די, רא. די אייגנשאַפֿט פֿון זיין דייטלעך.

ם טייטליך.

1711 " עס איז אויך און מיגליך דש מיר דאש טייטש פֿאַר

883 אייך אידר מן טייטליך גינוג קעניך בישרייבין".

שיני אַרטליכי גישיכטין, הקדמה, ציט 94א, 5 - 6.

ם

ד יי ט ן - אוטוו. טייטן, אנווייזן.

1661 " אונ ער דייטט אלעזר צו דען פריצים זיינען

גיזעלן דש זיא זאלטן לויפן אונ דש זיא זאלטן פאנגן 906

דען קיניג אגריפס". יוסיפון, 2, רכו - 2.

די י ט ע ר – דער, =ס. |ראכקינד וובן| (מאט) א ברוכצאל וואס ווייזט, אויף וויפל טיילן איז צעטיילט דער איינס; טייטער, טיילער, טיילווייזער.

% רעדוצירן צו איין דייטער. אויסגלייכן די דייטערס.

ד יי ט ש I - דער, =ן. 1. אנגעהעריקער צום גרונטפאלק
פון דייטשלאנד.

1929 " שוין דערפאר איז דער ייִד |...| געווען ביים
955 דייטש דאס אייבערשטע פון שטייסל". ספעקטאר, 142,5.

1948 " דער דייטש אליין האט אויפגעהערט צו שרייען,
1930 ארומגעצוימט די ייִדן און געפירט". סעגאלאוויטש, 49,12.

1962 " איך וואגאן זיינען זיך צונויפגעקומען איינע
971 דייטשן, קיין איין עסטרייכער ניטא". מ. לעוו, פער, 131, נ', 77.

1. בא. די שפראך פון די דייטשן.

1844 " אנדערע זאכען פון קריסטליפע דייטש פראנצויז
964 איבערזעצט". ליאן דאר, 1, 18.

1878 " ווען דער בירביייער געזעלן פּלעגט קומען, פּלעגט

964א ער אונדז אויף דײַטש אַנפּלוישן אַ פולן קאָפּ".

ימבר"ע, 1, 34.

1951 " ליטווישע יִדן שפּרינגען אָפּט איבער צו פּראַנצויזיש,

919 איבערהיפּנדיק פּויליש, אַזוי זײַנען ייִדן שפּעטער

אַריבער געשפּרונגען צו דײַטש". א. קאַצענעלנבאָגען,

פּער 104, 362.

3. אַ נאָמען (איר/פּעיאַ) וואָס טראַדיציאָנעלע ייִדן פֿון

מזרח-אייראָפּעאיִן 19טן י"ה האָבן געגעבן אַן

אויפגעקלערטן ייִדן, אַ משׂכּיל, וואָס האָט זיך געפירט

אויפן אייראָפּעיִשן שטייגער.

1864 " היינט וועט איר שוין זען ווי דער רב, וואָס

968 איז שוין כלומרשט אַ דײַטש פון די נײַע מאָדעס,

האָט אים אָנגעפּײַפּט און |...| פאַר אַ קערבל פּאַרקויפּט".

פּער 177, נ' 12, 187.

"... האָט מיר ר' שמשון [...] אָנגעזאָגט אויף עפּעס א נפש,

וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט פון אונדז,

961 אָנגעטאָן ווי אַ דײַטש, מיט אַ קאַפּעליוש אויפן קאָפּ".

מענדעלע, 21א, 9.

... "די וואַרשעווערין |...| האָט געוווּסט יעדן סוחר

957 "ייִחוס, געוווּסט וויפל יעדער פאַרמאָגט, צי דער

סוחר איז אַ חסיד צי אַ 'דײַטש'". אָפּאַטאָשו, 179,14.

1964 "לצים האָבן געפּרוּווט אָפּחוזקן פון די 'דײַטשן'

949 (די וואָס האָבן געטראָגן קורצע מלבושים)".

יזב 479,19.

4. אַ ייִד פון דײַטשלאַנד.

1900 "קוים איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז ליליענטאַל,

922א אַ דײַטש, אַ 'בערלינטשיק', איז געקומען קיין ווילנע

עפענען שקאָלעס פאַר ייִדישע קינדער". דער פּנקס, נ' 1,

אַפּריל, נ"י, ז' 25.

1907 "אזוי דערציילט די מאמע און לאזט אויס, אז
צווישן די דייטשן זענען א סך סנים אויך דא גנבים". 922
שלום־עליכם, 8א, 184.

5. א יידישער טאנץ.

1916 " דער פעטער אידי, א ייד א שטילער |...| איז
ער אויך געווען בגילופין, |...| פאראטשעט די פאלעס 923
און געגאנגען א דייטש!". שלום=עליכם, 3ג', 257.

0 דייטש=פורים - (גלש) גנבים־שליסל. |סטוטש 482,166|.

דייטשקראפ - "אזוי נענט מען די דייטשן אין פוילן.
מען מיינט נעמליך, אז איטליכער דייטש איז א באאמטער
און טראגט א דרייעקיקן הוט(קראפ)". י. בערנשטיין, 31, 78
(דייטשע שפריכווערטער און רעדנסארטן, 1, 67.

|סוף 18טן י"ה| " ווילט איר מיט מעה א"ב לערנען מיט

אזויא א מושלם ווי עה בין, דייטשקראפ איינר. 1065

אלס דער סוף איז גוט...,ו׳.

פפ: דרייען זיך ווי א דייטש אויפן קאריק - |סטוטש 201|.

אויסמיידן א קלארן ענטפער.

דייטש גיין - קליידן זיך לויטן אייראפעישן שטייגער.

קאלוואריער דייטש - |סטוטש 369| שלעכט דייטש(וועגן שפראך).

האלב דייטש - פאלאווינע רייסיש - |סטוטש 522|.

שפאטיש וועגן ניט יידישע מאדעס.

הלכה כדייטש - |סטוטש 538|.ניט לויטן יידישן דין, מינהג.

ער שרייבט דייטש - (לאקל, סאניק) ער גייט ארום שיכור איך 938

גאס |קטוור|.

שוו: אלע חכמות קומען ארויס פון דייטש - און אליין בלייבט ער א נאר - |סטוטש 236|. די דייטשן האבן א רייכע קולטור און וויסנשאפט, נאר זיי זיינען ניט קיין קלוגע מענטשן.

ווער ס׳עסט ביי די דייטשן פלייש, מוז זיי אפגעבן די ביינער - (שגל) "דאס שוו איז אויפגעקומען אין ווארשעווער געטא, בעת די מאכט האט געזוכט און ליקווידירט אפילו די יידישע מוסרים". |בלומענטאל, פער 90, XXIII - 55,2 - 56|.

יידישע צונעמענישן פאר דייטשן: דייטש אינדיק, דייטש ממזר, דייטש קראפ |סטוטש 236|.

ד־

~~ײדישע צונעמעניש֞ן פֿאַר דײַטש֞ן. דײַטש אײַנדיק, דײַטש ממזר, דײַטש קראַפּ |סטוטש 236|.~~

ם ←----- .2

1676 " מיר געפֿינדן ספֿרים דז זײַן גיוועזן חסדים וועלן

זי הבן גיזעהן בריף דז אײנר דעם אנדרן הוט צו גישריבן 916

שלום אודר אויף דײַטש גוט געב דיר גוטש אונ׳ דער בריף

איז אויף דער ערדן גילעגן |...|". ברנט שפּיגל, 3, פּרק ג.

ד ײַ ט ש !! - אדי/אדוו. פּפּ (פּטמ) דײַטשיש.

שײַכדיק צו דײַטשן, דײַטשלאַנד. % די דײַטשע אַרמײ.

אַ דײַטש דאָרף. דײַטשער סאָלדאַט.

1884 " |?| "אַט דעם דאַזיקן ספר, וואָס איז געשריבן אין

931 דער דײַטשער שפּראַכע |...| גיבן מיר היינט אַרויס

אויף אונדזער ייִדישן לשון". מענדעלע, 5,25.

1912 " איבער די דײַטשע פּעלקער ווילן אָפּזאָגן זיך פֿון

931א זייער אײגענער עקסיסטענץ און פּאַרטרונקען ווערן אין

דעם גערמאַנישן ים, טאָר זיי דאָס קײנער ניט פֿאַרווערן".

זשיטלאָווסקי, 4, 39.

1930 " בײַ מײַן גאַנצער ליבע צו דער דײַטשער שפּראַך

962 און דער דײַטשער קולטור מוז איך דאָך רעדן ענגליש

אום מײַן פּראַקטיק אונטערצוהאַלטן". אײַנהאָרן, 35,7.

1970 " ווי אומעטום, האט אויך איך סאנץ דער יודענראט אויסגעפירט די ראָלע, וואס איז פאר אים באַשטימט געווען אויסצופאַלגן די באַפעלן פון דער דײַטשער מאכט". 1042

יזכּב 15, 735.

0 דײַטשע מאַזלען – |סטוטש 420|. (אמ) אַ סאָרט פון מאַזלען.

E: German measles

17 ער גייט דײַטש מוטער באַרוועס – |סטוטש 360|.

אנגעטאָן אייראָפּעיש, נאָר אָרעם, אָפּגעריסן.

ד יי ט ש !!! - טײַטש, באַטײַט.

1626 " אודר נאך איין פשט(אין נסתר מחמת) איז דייטש

913 מען ווערט זיך לעתיד לבא ניט קענין פר ביגן פר

דער היץ פון דער זון". ספר המגיד, 1, יט - ח.

1711 " ער זאגט סורו נא אונ׳ ניט גשו נא, איז דייטש

937 גינעהנט אהער צו מיר". נחלת צבי, 1,בראשית, כז/ג.

ד יי ט ש אָ ן - דער, =ים/=עס. ---> דייטשון.

ד יי ט ש ו ו א ר ג - דאס, בא. (עלט) ספרים אויף יידיש.

1954 " הארקאוויס אויסטייטש אז 'דייטשוואַרג' מיינט
979 ספרים בלשון אשכנז (בתוך סחורה)' - איז לחלוטין נישט
ריכטיק |...| דייטשוואַרג מיינט דאָרט |אין דער תקנה|
'ייִדישוואַרג', ד"ה ייִדיש=דייטשע ספרים".
י. ריבקינד, פער 90,XIV - 2, 47.

1699 " הספרים הנדפסים בלשון לעז הנקראים דייטשוואַרג
980 |...| אסור להביא כלל מחוץ להמדינה למדינותינו".
ועד ארבע ארצות, 242.

ד יי ט ש ו ן – דער, =עס, פּפּ דייטשוק.

1. (שלש, פּעיא) א משכיל, אויפגעקלערטער, אַן אַפּיקורס.

1865 " און די אַפּיקורסים, די דייטשאַנים וועט ער אַפּילו
קיין פּלוספּעדער פון דעם שוואַנץ [פון לויתן] און 976
קיין ביינדל פון עם פּעטשע [פון שור הבר] ניט געבן
אָפּצולעקן". פּער 177, ב׳ 72,5.

1895 " לאָזן די דייטשונעס, די געבולבעטע זען [...]
אַז זיי אַליין מעגן זיך נאָך לערנען בײַ די חסידים 988
אַזא טײַערן סגנון שרײַבן". ליניעצקי, 9, 65.

1953 " דער יאַסנאַפּאַליער עקאָנאָם בידערמאַן, ער דערגייט
מיר די יאָרן, דער דייטשוק, דער בעל=גוף". ברוסילאָוו, 1, 29. 991

2. (שלש, פּעיא) א דייטש.

... "וואָס שטייט איר? – שרייט אויס דער צעהיצטער
דייטשון". פּעפּער, אויסדערוויילטס [?], ז׳ 321. 986

ד יַ י ט ש ו ק - דער, =ים/=עס. ---> דיַיטשון, ב' 1, 2.

ד יי ט ש ו ר ע - דער, =ס. |סטוטש 613|. ---> דייטשון.

ד יי ט ש ש ט ו ם - דאס, בא. (דטשמ) דער כלל דייטשן.

1951 " דאס שכנישע מערדערישע דייטששטום האט איינגעשלונגען

995 דעם קליינעם ליטווישן אינדזל פון זיכעקייט פאר יידן".

פער 106, 1019.

ד יי ט ש י ס ט - דער, =ן. (איר)אנהענגער פון דייטש ווי א שפראך פאר יידן אין די 20ער יארן אין לאטוויע |י. מארק, פער 122|. 997

ד י ט ש י ש – אדי/אדוו. דזוו דייטש !!, מער פטמ.

% דייטשישע מיליטער.

1930 " שוין פינף און צוואנציק יאר, אז ער האט קיין

998 דייטשישווארט נישט ארויסגערעדט". איינהארן,7,155.

1958 " פאר וואס איז דייטשישער אויפקלערונג נישט

1001 איינגעגאנגען אויף אידעאלאגישע קאמפּראמיסן?".

ניגער, 8, 180.

0 דייטשישקייט – די, =ן. אייגנשאפט אדער מצב פון זיין

דייטשיש.

1946 " די מינדסטע 'דייטשישקייטן' האבן ביי פוילישע

1005 פרומע יידן אויסגעקוקט ווי זיין אפגעריסן פון

כלל ישראל". י.י. טרונק, 5, 128.

LT דייטשישער שאפהונט, דייטשישער דאג – |סטוטש 247|.

זגאלן פון משפחה הינט.

ד יי ט ש ל - דאס, =ען, ביטלדיק צו דייטש !.

... " געוועז איז עס, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן,

אליהו הנביא, וואס האט זיך |...| איין א דייטשל 1012

פארשטעלט". פרץ, זיבן גוטע יארן.

ד יי ט ש מ י ל אָ ך – דער, =ן?,עס?. |סטוטש 613|.

דזוו דייטשון, דייטשוק.

דייטשמעריזם - דער, =ען. (לינגוויסטיק)

א ווארט וואס איז אריינגעגאנגען אין יידיש (ס׳רוב

אין דער ליטערארישער שפראך) פון דייטש אין 19טן

און אנהייב 20סטן י"ה.

1933 " ווען שמ"ר האט זיך געוואלט אויסצייכענען און זיין

איידל - האט ער געשריבן דייטשמעריש. דאס איז אגב דא 1029

בא שמ"רן דער באטייט פון זיינע אריינגעבראכטע דייטשמעריזמען!

מ. ווינער, 4.

1951 " דער צונויפגעשמאלצענער יידיש פון |קורלענדער

און ליטוואקעס | איז פריי אי פון דייטשמעריזמען, 1020

אי פון סלאוויזמען". ב. ריווקין, פער 415,106.

1955 " אין דעם פרט איז דער פאעט געווען א קינד פון זיין

צייט און א פארגייער פון יענעם שטראם דייטשמעריזמען, 1028

וואס מען האט ממשיך געווען דא אין אמעריקע אין די

ניינציקער יארן אפילו און עס האט א ביסל אריבערגערונען

אין דעם 20סטן י"ה אריין". פער XV,90 - 3, 80.

ד יי ט ש מ ע ר י ס ט – דער, =ן. באַנוצער פון דייטשמעריזמען
אין דער יידישער שפּראַך.

1939 " 'דער אַפּעטיט איז מיר אַנטשטאַנען' (ווילנע).
1023 עס מיינט פּונקט דעם היפּוך פון דעם וואָס דער דייטשמעריסט
מיינט. ניט: דער אַפּעטיט איז מיר אויפגעקומען, נאָר
פאַרקערט: דער אַפּעטיט איז מיר אָפּגעפאַלן".
מ. ווייַנרייַך, פער 92, 2.

דייטשמעריש — די, בא. די דייטשע שפראך אָדער פאַרדייטשט יידיש.

1819 " אונ' דיא וואס האבין קיין דייטשמעריש פארשטאנין,

1052 א' האבין גיבעטין דיא איבריגי זייא זאלין זייא עס

אויף פויליש אדער רוסיש צו פרשטעהן געבין".

י. פערל, 1, 8.

1947 " דעמאָלט האָט מען נישט געטאָרט שפילן אין יידיש,

1024 נאָר אין דייטשמעריש". יזב 8, 42.

ד יי ט ש ע וו ע ן - <u>אוטוו.</u> <u>(שנש)</u> פירן זיך ווי א דייטש, רעדן דייטש.

1964 " זיי רעדן מיט גרויס הנאה מיט זיי דייטש און סטארעווען זיך צו <u>דייטשעווען</u> אויפן גאר עכט דייטשישן 1041
שטייגער". <u>אפאטאשו, פער 69, 3/XII.</u>

ד יי ט ש ע ר ו ש ק ע - דער, = ס. (שנש?)דזור דייטשון,
דייטשוק.

1883 " זיי האבן געפרעגט איינער דעם צווייטן:

1044 ווער איז דער דייטשערושקע?". ד.ז. רובינשטיין,89,1.

דייטשעריש – אדי/אדוו. 1. אויף א דייטשן אופן;
באווירקט פֿון דייטשן, פֿון דער דייטשער שפּראך.

1819 " האב איך דאס בוך גינעהמן אונ' האב עס גיווייזין
מיין איידימל וואס איז אקורדאנר און האט דארט גילערנט 1054
אין דיא דייטשירישי שקאליס". י. פערל, 4,1.

1861 " איר, מיין ליבער ר' דוד=לעבן, טוט איצט א שידוך
אויף דייטשערישער מאדע". עטינגער, 1, 448. 1049

... " איך וועלדל זיך 'אריינלאזן' איז קיין שטייגער
נישט, עס וואלט שוין צו פיל 'דייטשעריש' אדער פריציש 1030
געווען". פרץ, קלאץ=געשיכטן, ז' 573.

2. אדוו. וועגן מלבושים, וועגן אנטאן זיך אויף א
אייראפעישן שטייגער.

1868 " ער |דער בן-טובים| וויל פארט ניט אויסטאן דעם
צלם אלקים און וויל זיך ניט אנטון דייטשעריש ווי די 1048
גזרה שרייבט!". פער, 177, נ' 11, !!! – 84.

1896 " די גזרות זענען פשוט גזרות שמד, ערשטנס וויל

1052 מען אונדז אַנטאָן דייטשעריש רחמנא לצלן".

בינשטאָק, 1, 3.

ד יי ט ש ע ר ק ע - די, =ס. ווע די דייטש I, ב׳ 3.

1931 " פונדעסטוועגן א טשערנאָוויצער מיידל, א

1059 דייטשערקע, א געלערנטע, אַן אַנגעלייענטע מיט די

גויישע באַבע-מעשות וועגן בהורים און בתולות".

זילבערבוש, 3, 95.

דיַטשקייט – די. בא. גייסט, כאַראַקטער, שטייגער פֿון דייַטשן.

1947 "|...| אַטאַקירט דעם דעמאָן, |...| וואָס איז דער דם-שונא פֿון דייַטשקייט". מ. ווײַנרײַך, 5, 23. 1063

ד יי ט ש ק ע - די, =ס. ווע צו דייטש !.

1947 " די דייטשקע האט זיך ניט געשעמט, האט אפגעשניטן

א דיך פענעצל ברויט, עס אפגעוויגן, נישט ווי אויף 1064

א האר מער ווי פאר די פאר פעניג". יזב 8, 368.

ד יי ם – דער, =ס. (אמ) מטבע פון צען סענט.

... "זרח, גיב א'דיים', וועל איך דיר עפּעס זאגן!".

1071א אפּאטאשו, 6, 114.

1920 "עס איז גוט, ווען מען האט א פולע קעשענע מיט

1071 דיימס און מען דארף נישט דעם מארגנדיקן טאג צו

ארבעטן". איינהארן, 7, 251.

1968 "גיט א דיים מיר אהער, א ניקל כאטש".

1073 לעיעלעס, 6, 77.

דיימאַנד - דער, =ן. |סטוטש 516|. (אַמ) קאַרטנמאַסט

אין דער פֿאַרעם פֿון א רויטן ראָמב; בובנע, לעקעך.

ד יי ן |דאַיען| - דער, =ים |דאַיאַנים|. דעם רבס געהילף,
איינער וואָס האָט סמיכות צו פּסקנען שאלות און משפּטן
אין אַ דין-תּורה.

1836 " און ווען דו ווייסט אַז ער וויל זיך ניט אָפּשיידן
1110 דערפֿון ביסטו מחויב צו גיין פֿאַר די (ראשים) אודר
דיינים". לב טוב, 2/2.

1900 " און חברה 'פועל-צדק' זיינען געקומען צום רב,
1079 צו די דיינים און צו די איבעריקע שבעה טובי-העיר".
שלום=עליכם, 6א', 52.

1960 " נאָך שבת האָט ער דעם דיין מיט זיין הויזגעזינד
1117 געגעבן אַ דירה ביי זיך אין שטוב |...|". ניגער, 105,10.

ד דיין אלמנות |אַלמאַנעס| - איינער פֿון די אַטריבוטן
פֿון גאָט, דעם באַשיצער פֿון די אַלמנות, פֿון די שוואַכע.

1904 " דאס מאל האט גאט, |...| דעק וואס איז |...|

1128 א דיין אלמנות, דערבארעמט זיך און האט |...| איר צוגעשיקט
א גרינגן טויט". שלום=עליכם, 2א, 234.

פּול: (שפּאסיק): אז דער מאן איז א דיין, איז דאס ווייב

1123 א דיניצע (ווארטשפּיל: דיניצע - ערדענער טאָפּ, איך
וועלכן מען שטעלט טשאלנט) |פער 90, !!, - 5|.

1595 " דיא דיינים זאלין זייר מחמיר זיין אויף דיא
1084 לייט דיא דא אויש בארגין |...|". קראקאווער קהלה תקנות.

1713 " עש איז גבאטן ניט צו פלוכן איינם דער עש ניט
1112 הערט, אויך ניט איין (דיין) וועז ער אים שון האט
וואש אב גפסקנת". מחזור, 1, כלא - 2.

ד יי ן - 1. גרונטפארמע פון פאסעסיוון פראנאם צווייטע פערזאן איינצאל, ווען דער פראנאם קומט פארן סוב אן אונטערשייד פון מין און בייגפאל: דיין מאן, דיין פרוי, דיין קינד, ווען דער פראנאם קומט נאכן סוב, בייגט ער זיך לויט מין און בייגפאל: דער מאן דיינער, די פרוי דיינע, דאס קינד דיינס. פון דעם מאן דיינעם, פון דער פרוי דיינער, פון דעם קינד דיינעם.

1814 " לאז דיר נישט קיין שלאף צו דיינע אוגן, קיין

1101 איינשלעפן דיינע אוגנלידער". איבן סאטאנאווער, 1, ו - 4.

1875 " יודל, אומריין, שמוציק איז דיין לייב, קענסט,

1103 חלילה, מיינע לייט פאר שמירן". מענדעלע, 143,10.

1095 1919 " איך וועל איך דיין פנים מיין טרויער דעקענען". סרגאל אמוילט, 3, 18.

1078 1968 " און געארבעט די שטעט נישט דיינע". לעיעלעס, 166,6.

2. (שש) סוב: דיינער, דיינע. דיין מאן, דיין ווייב.

1920 " די מומעס גלעטן זי און דערציילן איס אלע

1177 נייסן. עס זענען שוין געקומען אלע מחותנים און

'דיינער' האט געפרעגט: וואס מאכט מיין כלהשי?".

ז. סעגאלאוויטש, 4, 420.

ס'איז דיינע? - נא דיר אוועק - |סטוטש 482|. (גלש)

שפאסיק, ווען מען כאפט א גנב ביי דער האנט.

מיינס, דיינס - הפקר ציבעלע (פעטרישקע) - קיינעמס נישט,

ניט וויכטיק וועמעס דאס איז, צו וועמען דאס איז שייך.

דיין.

1. -----

1541 " זאג מיר ווער איז דיין ואטר און דיין מוטר".

1111 בבא מך, סטראפע 164.

1626 " עס איז גוט אונ' היפש צו לובן צו גוט אונ צו

1102 לובן דיינום נאמן דו איברשטר". ספר המגיד,1,תהילים,צב-ב.

1713 " דוא זאלשט ניט גילושטן דש חלק וואש דיר ניט

1121 צו קומט, דען וואש דוא האשט איז אוך ניט דיין".

מחזור,1, רמד - 1.

ד יי נ ו |דאיעינו| - אדוו. געגוג.

1885 " ווען דו זאלסט שוין בייטן ווי א ציגיינער דיינע

פערד און מיר מער נישט שענקען ווי דאס וואס עס 1137

קאסט דיר אפ דיין טאכטערס טאנצמייסטער |...| איז

מיר אויך דיינו". פער 74, נ׳ 5, 69.

1965 " דיינו - בלשון קדושים, הייליקע שאף, // איך

בין א שטיינהאקער און א סוף". מאלאדאווסקי, 38,3. 1133

פוול: עס איז דיינו שבדיינו - שוין צו פיל צרות

|טשערניאק, פער 90, XXV!!- 3|. 1138

ד יי נ ו ת | דאיאנעס | - דאס, בא. פראפעסיע אדער אמט פון
א דיין.

1880 " זיי האבן געלערנט דעם מענטשן ווי אזוי ער
1142 זאל ניצול ווערן |...| פון דער מלאכה פון דיינות
|...|". געלבארט, 1, 6.

1970 " |...| דערמיט וואס ער האט איבערגעלאזט דאס
1141 דיינות און איז איבערגעגאנגען ווערן א שוחט".
יזב 7, 75.

1612 " זא זאל ער זיכש אזו בלד לוזן מתיר זיין |...|
1140 ביי דעם רב דקהלתינו הקדושה אדרי ביי אנדרי רבנים
די דא אמפטן פון דיינות האבן". תקנות חכמי ומנהיגי
ק"ק פראג, ז' 347.

ד יי נ ט - ---→ דייגעט I.

ד יי נ ט ע | דאַיענטע| - די, =ס. דעם דיינס ווינר

... " כ'האָב דעם זיידן זייגערן געקענט, געווען רב

איך פראַנקפורט, - האָט ס'ווייב, אַ הויכע, אַ דאַרע,

מיט אַ גלות-פּנים, וואָס וואָלט געגוג געווען פֿאַר דריי

דיינטעס, זיך אָנגערופן ". אפּאַטאשו, 223,14. 1144

ד יי נ י נ ג - ר ו ם - דער, =ס. (אמ) עסצימער |סטוטש 114|.

ד יי נ י ק – 1. פראנאם (זן) דזוו דיין.

1945 " דער פויגל דיינקער איז ווידער אויפגעשטאנען".

1150 א. אויערבאך, 3, ז' |?|.

1966 " ארויסברעכנגען די דריטע קראפט, וואס רופט זיך:

1154 שיינהייט, וואס איז ניט בלויז די שוועל צו דיינקער

געוועגדט". האלקין, 4, 14.

2. סוב. דער וואס דו ביסט מיט אים נאענט; דאס וואס געהערט

צו דיר. % איך האב נעכטן זיך געזעגט מיט דיינקע,

נעם זיך דאס דיינקע און גיי געזונטערהייט.

... " קיינער פון דיינקע ניטא – נישט אלט, נישט יי

1151 יונג |...|". אהרן צייטלין, ליד "מלאך המוות", פעבר' 1945.

ם דייניג.

.2 <---

1621 " ווערט איר זיך בני אייך אנשטלינג העלפן דז

ער בייא דען דיינגן בלייבן קאן אונ ח"ו (חס ושלום) 1152

ניט דרום קומט". פראגער בריוו, ז׳ 19.

1685 " דאש איז טייטש הש"י ווערט דיך בענשן ווען דוא

ווערשט דש דייניג טון". דרך הישר לעולם הבא, נה - 2. 1149

1727 "אונ׳ טוא ווייטר מצות אונ׳ גמילות חסד אונ׳

צדקה מיט דעם דייניגן". שמחת הנפש !!, כא - !!. 1153

ד יי נ י ש | דאיאניש| - אדי, שייכדיק צו דייך, דייגות.

1939 " שפעטער האט מען טויבען צוזאמען מיט דער דייגישער

1156 פאטערשטול אריינגערוקט אין מיטן שטוב".

פערלע, 3א, 361.

226 דיי־

דיינסגאל - אדוו פר. (פד) דיינס גלייכן, אזא ווי דו.

1948 " די פארמען מיט=גאל זייענע כאראקטעריסטיש פאר דעם פוילישן דיאלעקט: זיינסגאל, מיינסגאל, 1160

דיינסגאל, אירסגאל, אונדזערסגאל, ענקערסגאל, זייערסגאל".

פער 90, VIII - 3 - 4.

ד יי נ (ס) ט/ה א ל ב ן - אדוו פר. |סטוטש 51.

פון דיינט וועגן.

ם

דיינטהאלבן.

1774 " זי הבן מיר אויך גיזגט |די סוחרים| דז זי פיל

1143 אום דיינט הלבן פר אובליגירט זייך צו טאן".

חנוך לנער, ח - ז.

דיינעט - פּפּ דיינט. נאָר אין אדוו פר פון/פאר דיינ(ע)ט

וועגן: פאר דיר, לטובת דיר.

... " אוודאי האָט ער געדאַרפט די עטלעכע גילדן אָנצוווערן

1168 און אהיימצוקומען פון דיינעט וועגן, אז דו זאָלסט אים

קענען". שטיינגער, 3, 436.

1907 " א בריוו פון דיינעט וועגן אָנגעקומען - אָט איז ער" .

1167 הירשביין, 8, 19.

1941 " |...| כדי מיר זאָל גוט זיין פון דיינעט וועגן".

1170 תרגום יהואש, בראשית, יב - 13.

ם פון דיין וועגן.

1166 1696 " עז איז מיר יוא פון דיין וועגן לייד". ספר משלים,

מז - יז - ז.

ד יי נ ע ר – דער, =ס. (לאקל, ווילנע ?) טייל פון געשפאַן.

" אויף דער האַלאַבליע, [פון וואָגן] ~~שיינט~~ אַנצוטאָן דעם אויער און

אַנצושפּאַנען די אַטאַסיע" |פער 92, 1938, נ׳5|. 1178

(?נ?) דייַסט – דער, בא. (לאָקל, קאַוועל) "אַ פֿאַרעניִנע, 1187
אַ טועכץ, דאָס עסקן זיך "|קטוו|.

רעד: ס'איז מסתמא פֿאַרגרייַזט פֿון "דייסטווע",
. geüctnbal ℓ ·ס/ן

דייסט(וו)עווען – אוטוו. (עלט, פטמ, רוס)

1190 טאָן עפּעס, פֿאָרען זיך, זײַן אַקטיוו.

1865 " אויף איין אָוונט |...| האָט מען זיך פֿאַרשריבן

1188 אין פּנקס פֿון דער חברה, און פֿון דעסט מאָל אָן האָט

זי אָנגעהויבן ווירקן (דייסטווּעווען)".

פער 177, נ׳ 4, ז׳ 55.

(?נ?) ד יי ע ט - דער, בא. |סטוטש 221|. דזשעגעכץ.

ד יי ע ל ן - טרוו. | אַמ, סטוטש 356 |. אַנדרייען, אײַנקלייבן דעם נייטיקן נומער אויפֿן ציפֿערבלאַט פֿון אַ טעלעפֿאָן.

ד יי ק א - ----> דייקע.

ד יי ק א וו ע ן |דייקעווען| - **אוטוו.** (**שנש?**) איינשפּאַרן זיך,

עקשנען זיך, אַמפּערן זיך.

1929 " ער איז נאָך ניט פֿאַרטיק געוואָרן מיט די יאָרן

פֿון זיך בחורן און פֿון **דייקאווען**". **איבן י. מארק, 1.** 1205

ד יי ק ן | דייקן| - דער, =ים |דייקאנים|.

|סטוטש 313|. (לל)פעדאנט, מקפיד, מדקדק.

ד יי ק נ ו ת |דייקאַנעס| - דאָס/די, באַ. פּעדאַנטיזם,

פּינקטלעכקייט.

1928 " אויב איר האָט געגנוג מילך און דאָס קינד זויגט

1207א גוט, זאָלט איר געבן דעם קינד די ברוסט ניט עפּטער ווי

אַלע 4 שעה, אָבער מיט דער גרעסטער דייקנות, דאָס הייסט

מיט דער גרעסטער אַקוראַטקייט, מינוט אין מינוט".

גערשענזאָן, 14,1.

ד יי ק ס ל - דער, =ען. (רעג, ליטע) דישל.

ארייַנפֿאָרן מיטן דייקסל אין שבת אַרײַן - "פֿאַרשפּעטיקן

1216 אויף שבת אַהיים" |מ.מארק,פער 90, X - 1|.

1897 " דו ביסט דאַכט זיך נעכטן געקומען |...| שפּעט,

1210 דאָס הייסט מיט דעם דייקסל אין צימעס אַרײַן".

בלאשטיין 1, 53.

דייקסיל.

1.

1711 " אונ' פון ווענן איין דייקסיל פון איין וואגן איז

1214 (חרב) געוואָרן איין שטאט דיא האט גיהייסן (ביתר)".

צאינה 2, קסח - 4.

1743 " איין מאל איז די טאכטר פון דען קיסר פר בייא

1215 גפאָרין דא איז צו בראכין גוואָרן דר דייקסיל פון איר

וואגן". שארית ישראל, יג.

דייִקע - אדוו. דזוו דווקא.

1866 " אַפילו דער ישראל איז דייִקע געקומען צו דעם מלווה
און זאָגט דעם מלווה דו זאָלסט וויסן דאָס משכון געהערט 1204
מייַן און פֿאַר מיר האָט זיך דער עכו"ם דאָס געלט
געליִען". מ.הלוי, הורוויץ,1, טז - ז.

1923 " תלמידי חכמים האָבן מיך אויך צוגערעדט,דאָס
איך זאָל שרייַבן דייִקע יודיש=דייַטש". ש.וו. מרגליות,1,|ז?|. 1201

1957 " בייַ יעדן איז פֿאַראַן זייַן שווער פּעקל, איז
די עצה: השלך על ד' יהבך", אויף אים דייִקע". 1202
י.י. שנייאורסאָן, ליקוטי דיבורים, 360.

1966 " דייִקע |אזוי אין טעקסט, אָן א פּתח| - אַנשטאָט
דווקא (דאָווקע), ווי עס איז פֿאַרשפּרייט אין ליטע. 1231
דאָ איז די ווירקונג פֿון הווייַסרוסישע ריידעניש".
גאַנזאָוויטש, פֿער 90,XXVI - 2, 53.

דיִקע [צווייטע "י" - אַ קאָנסאָנאַנט; dijke] - די, =ס. אַפּל פֿון אַן אײַטער.

1973 " די פֿינגער, וואָס ציִען די מילך פֿון די <u>דיִיקעס</u>, דעפּילן עס". <u>אליצקי</u>, 5, 328.

1227

(?נ?) דיירי - די, =ס. (אמ) מילך-רעסטאראן.

... "דא אין דעם הויז דארף זיין א מלעטשארניע -

1234 ער מיינט א 'דיירי', האט א ווייבל זיך אנגערופן".

אפאטאשו, 14, 105.

ד י ך! 1. אקוז פון פערזאניקן פראנ דו.

1908 " איך וויל דיך פרעגן דו זאלסט מיר דערקלערן".

1237 א׳ מ. ראזענפעלד, 2, 179.

1956 " מירן דיך האבן אויפן אויג, אויב זייַן עס וועט

1237ב׳ א נויט". פ. מארקיש, 11, 346.

2. דינט צו שאפן רעפלעקסיווע ווערבן צו דער צווייטער

פערזאָן, אנשטאָט 'זיך' (עלט אדער דיַאל).

1843 " דעמלט (הנך) וועסטו אליין זען (יפה דודי) אז

1237 מיין פריינדשאפט איז זייער גיט די זאלסט דיך גאר

אויספוצן און אויסצירן וועסטו איטלעכן געפעלן".

איבז בראנדיס, 19.

// שון: עס דיך אן אַיִדער די קליינע קומען, טו דיך אן

איידער די גרויסע קומען |סטוטש 238|.

ם -----> 1.

1544 " דא ליש ער באלד זיין בוטן צו אביגייל גון//

1237 ד׳ ווילשטו דוד נעמן ער וויל דיך גערן הון.

שמואל בוך, סטראפע 651.

1716 " פר וואר וויא טאג מערן בגריסם דיך אז איין

1237 ה׳ פרויא דיא א ין גווינרן איז". ספר מהגיד, 3, ירמיה,

יג - כא, סב - ז.

דיך II – דער/די, =ן. 1. דער אייבערשטער טייל פֿון
פֿוס צווישן דער קני און דעם בויך.

1878 " עס האָט אויסגעשטרעקט דאָס פֿיסל, אָנגערירט בנימינען
1254 אין דער דיך". מענדעלע, 16א׳ 50.

1931 " די נאַכט איז אַ וואַרעמע, פֿינצטערע, אַ גלאַטע ווי
1242 סאַמעט, ווי דער דיך פֿון מײַן פֿערד". ברעגמאַן, 31,1.

2. דער ווינקל צווישן אייבערשטן טייל פֿון פֿוס און בויך.

1932 " זאָל דאָס וואַסער מאַכן געשוואָלן דײַן בויך, און
דײַן דיך זאָל אויספֿאַלן". י.י. זינגער, 5א׳, 107.

1940 " און ער |מהודר| האָט זי |די שווערד| אָנגעגורט
1253 אונטער זײַנע קליידער אויף זײַן רעכטן דיך".
תּי, שופֿטים, ג – 16.

1963 " באַגורט מייַן לענד און דיך מיט דייַנער שטערק".

1251 סוצקעווער, 3 - 4, 201.

ם
**דיך.**

----> 1.

1602 " זא וויל איך קלאפין אויף מייני דיך דאש מיינט אז

1257 איינר דער זיך מצער איז אונ' טרויערט דען איך בין צו שנדן

גיוואָרדן". ספר ירמיה, לא - יח.

1716 " אונ' ער שטרעקיט אהוד זיין לינקי האנט אונ' ער

1258 נאך דאש שווערט פון אב זיינים רעכטן דיך".

ספר המגיד, השופטים, כא - ז.

245 די-

א 3'

דיך !!!" - דער, בא. (זן) אצ פון אטעם.

% מע הערט נישט קיין דיך און נישט קיין סליק".
(פרגל) אין פויליש: . Ani slychu, ani dychu

1945 " ער האט ניט באוויזן נאך קומען צו זיך,// דערהערט
האט ער נאענט א פאך פון א דיך". האלקין, 3, 178. 1248

די כ א וו י ט ש נ ע |הארטער ד׳| אדי. (אוקר) וואס האט א

קורצן אטעם; אסמאטיש.

ד י כ אָ ט אָ מ י ע – <u>די, =ס.</u> 1. דאָס פּסדרדיקע טיילונג אויף צוויי (טיילן אַ גאַנצע אויף צוויי טיילן, דערנאָך יעדן טייל אויף צוויי אאז"ו).

1266 1957/58 " ביי אחד=העמך איז קאָנטיק אַ <u>דיכאָטאָמיע</u>, פֿון איין זײַט האָט ער אײַנגעזען די פּוסטקייט פֿון אַ בלויזן נאַציאַנאַלי נאַציאָנאַליזם, פֿון דער אַנדערער זײַט איז ער אָבער געווען צו ווייניק זעלבשטענדיקער דענקער |...|". <u>רײַנעס, 94א,285</u>.

2. (<u>באָט</u>) געפּלדיקע צעצווײַגונג פֿון בלומען=שטענגלעך אָדער בלעטער אויף פֿאָרן.

|| <u>דיכאָטאָמיש</u> – <u>אדי</u>. שייכדיק צו דיכאָטאָמיע |<u>קטוו</u>|.

ד י כ ב יי ן - דער, =ער. |סטוטש 240| . בנב.

249. די-

ד י כ ג ע ל ע נ ק – דאס, =ען. |סטוטש 240|.

דאס געלענק פון דיך/לענד.

249 די-

ד י כ ט I - דער, =ן. (עלט) דזוו דיך II, ב׳ 1.

1919 |?| " ירך - דיכט". זאלער, 2, 90 - 92. 1272

ם דיכט/דיכיט.

1722 " הירך התחילה בעביר׳ ואחר כך הבטן (סוטה, ה).

איר דיכיט האט ערשט הנאה גהאט פון דער עבירה אונ׳ 1344

דער נאך דיא בויך". מנורת המאור, ז/א.

1798 " נאך דעם דאש מיר מיינע זינד זיינן צו ווישן גווארן

אזו קלאפ איך מיר אויף מיינם דיכט אונ האב גרויש חרטה". 1280

תחנות ובקשות, כז/ב.

ד י כ ט II - אדי/אדוו. (דטשמ?) . 1. דזוו געדיכט.

1872 " וואס דיכטער דאס פינצטערניש, העלער לייכט דאס ליכט".

1277 עפּפּעלבערג, 1, 71.

2. אדוו. זייער נאענט, האַרט צו... .

1935 " נאכגעפאַרשט די קלאַנגען, וואָס די נאכט האט איבערגעשיקט

1278 דיכט צו דער ערד". הירשביין, 5, 113.

ם דיכט.

.2 <-----

1723 " אזו זעצטן זיא זיך נידר דיכט בייא איין קבר

1279 אבר זיא האבן דאש ניט געווישט". ספר מעשה ה', יז/א.

... ווען מן ביידי הענד איבר אנגדר ליגט אונד זיא קענן

1273 דיכט איבר אנגדר ליגן זיא בטייט עז אויף (עשירות)|...|".

חכמת היד, 2, ב - II.

ד י כ ט !!! – דזוור דיקט |סטוטש 115|.

ד י כ ט ו נ ג - די, בא. פּאָעזיע.

1928 " דער פֿאָרמאַליזם איז געקומען צו רעוואָלוציאָנירן

1284 די רוסישע דיכטונג |...| און קריטיק". ניגער, 255,3.

1951 " דיכטונג איז פֿאַר אים |אליקום צונזערן| געווען

1284 א' איינס מיט געזאַנג אין דעם בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט".

פּער 106, 819.

1285 ד י כ ט ו ר ע - ----> <u>טעקטור</u>.

ד י כ ט ן – אוטוו. שרייבן פאעזיע, לידער, (געהיכטן).

1916 " ער האט ניט נאר דערציילט – ער האט געדיכטעט,

1298 געשאפן, געמאלן בילדער מיט אלערליי פארבן".

שלום=עליכם, 3ד, 193.

1921 " ער זיצט אין א חדר־מיוחד און דיכטעט און חלומט".

1297 זילבערבוש, 2, 93.

1951 " דערווייל האט בראדערזאן געדיכטעט אויף טיש און אויף

1288 בענק". י.י. טרונק, 8, 132.

1301 ד י כ ט ע וו ע ן  – אוטווו. (איר) דיכטן, שרייבן פּאָעזיע.

ד י כ ט ע נ י ש - דאַס, באַ. (ס'רוב איר) דאָס דיכטן, דאָס שרײַבן פּאָעזיע.

1958 " די נאַכט איז פֿרײַ פֿון הו און האַ, // און ער איז פֿול מיט דיכטעניש און דאַכטעניש". אלף כץ, פּער 9, 26/9. 1302

דיכטער – דער, =ס/מצ דז. פאעט.

1889 " וואס פאר א צוועק איז צו זיין א דיכטער ביי יידן?".

י.ל. גארדאן, 1, 28. 1307

1912 " אזוי ווי דער דיכטער וואלט איך זיי זיין אטעם

ארייננגעאטעמט, זיין טרוים אריינגעטרוימט". ניגער, 26,1. 1317

1947 " אכציק מיליאן זיינען זיי די דייטשן. אז ארבעטזאם

פאלק, מען האט זיי גערופן דאס פאלק פון פילאזאפן און 1304

דיכטער". סעגאלאוויטש, 11, 147.

1960 " ס'איז קלאר, אז דער דיכטער דארף ניט ארומריידן און

ארומפשטלען זיינס א ליד". גלאטשטיין, 2, 54. 1312

|| דיכטערין – די, =ס. ווע צו דיכטער.

1964 " דאס אויג פון דער דיכטערין האט אליין אויפגעכאפט,

פארצייכנט און עס אנגעטאן אין פערזן-קליידער". 1327
לעיעלעס, פער 69, VI/21.

1972 " זיין פארוואנדשאפט מיט דער דיכטערין איז געווען

1327 א׳ א ניט=געטאדיקע". ראזענפארב, 2, 184.

ד י כ ט ע ר ו ק – דער, =עס. (שנש, פעיא) דיכטער,

1324 פּאָעט. % "כוליגאַנישע דיכטערוקעס" |צאַנין, פער 169, 1962, ז |

ד י כ ט ע ר יי - די, בא. (איר) דאס שרייבן פּאעזיע.

1934 " און איך האב א לעבן אפּגעוויסט ביי דער דיכטעריי,

מייַן גארנישט מיט אלץ וואס ליגט מיר ווי א שטריק אויפן 1326

האלדז". מ.ל. האלפּערן, 5, 200.

ד י כ ט ע ר י ק - דער, =עס. בנב.

1911 " אוי, דער דיכטעריק זאל איַיך אַלע דאַ אויסדישען".

י. גאַרדין, 9, 37. 1328

רעד: ס'דאַרף זיין אַ נאָמען פון עפעס אַ שד, אַ טיַיוול?

ד י כ ט ע ר י ש - אדי/אדוו. שייכדיק צו דיכטונג/דיכטער; פּאעטיש.

1921 " ווען מע קלערט וועגן יהואשן, מוזן ארויפקומען אויפן

1338 זינען |...| עסטעטישקייט, דיכטערישע און פּערזענלעכע איינגעהאַלטנקייט". י. מארק, פער 160 א׳.

1940 " די בראשור איז אין גאַנצן געשריבן אין אַ העכערן

1333 סטיל |...| אויסגעפּלאַסטערט מיט דיכטערישע מעטאַפאָרן". פער 187, 144.

1958 " אין לייוויק=בוך דאָמינירט ליבעפולע ארײַנגעטוענקייט

1329 אין לייוויקס דיכטערישער וועלט". ביקל, 1, 251.

|| דיכטערישקייט - די, בא. |סטוטש 382|. אייגנקייט און מצב פון זײַן דיכטעריש.

ד י כ ט ע ר ל י נ ג - דער. (שנש,איר) אַ דיכטערס אַ קינד,
אַ קינד פֿון פּאָעזיע.

1971 " מײַדט ער זײַ אויס, ווי אַ ייִדישער דיכטערלינג
מײַדט אויס וואַסער". באַדיר, 14, 118. 1322

ד י כ ט ע ר מ אַ ן - <u>דער</u>. (<u>שנש</u>) דיכטער, פּאָעט.

1959 " אויב דו בינסט יאָ אַ <u>דיכטערמאַן</u> אָן אמתער, אָן

1340 עכטער - // פֿאַרשרייַב דאָס בייגעלע מיט שיינקייטן פֿון

טאַמע לעצטע לידער". <u>לייוויק, 12, 22</u>.

ד י כ ט ק ו נ ס ט - די, בא. די קונסט פון פאעזיע.

1889-1891 " ער |מאריס ראזענפעלד| איז פול מיט טאלענט

אונ גייסט, און די דיכטקונסט איז אים א געבארענע". 1342

פער 115, נ' 46.

■ ד י כ ט  ק נ א כ ן  – דזוו דיכגעלענק |?|.

1767 " שקד ג. כנוי לערוה און ירך |...| דיכט קנאכן.

ספר דברי יושר. 1343

ד י כ ע ן - אוטוו, פּפּ דעכען, (פּטמ) אָטעמען.

1865 " זי האָט אים ניט געלאָזט דיכען, רק מיט קריג, רק

1349 מיט שטירדעס, רק מיט ידלעריי |...|". צווייפל, 44,2.

1869 " עס וואָלט שוין גייט געווען מען זאָל זיי לאָזן

1356 אַ ביסל אָטעמען, אַ ביסל דיכען". מענדעלע, 11, 19.

1965 " וואָס, |ער| ווייסט ניט, אַז איך בין ניט געזונט,

1395 אַז קוים וואָס איך דיכע, אַז איך קאָן אָף די פיס ניט שטיין?".

באָטע לוריע, 5, 264.

Ик: дыхати

ד י כ ע נ ע ן - אוטוו. בנב.

1870 " אין דעם געפּילדער דיכענט ער איבער אַ 12 ־ יעריקער

1352 כּלה-מויד, וואָס שרײַבט גאָר אַ מליצה-בריוול צום מחותן".

פּער 177, נ׳ 7, !! - 51.

.................................................................

רעד: אפשר דאַרף זײַן "דוכענען"? אָבער ווי קומט עס אין דעם קאָנטעקסט? זען דעם מקור...

.................................................................

ד י ל I - <u>דער/די, =ן.</u> דער אונטערשטער אנבעט, באדעק
אין א געביידע, אויף וועלכן מען גייט ארום, טרעט;
פאדלאגע, פאל. % הילצערנער/שטיינערנער <u>דיל</u>.
וואשן די <u>דילן</u>.

1887 " דער <u>דיל</u> |...| וואר א מאל אויסגעשמירט מיט
1372 ליים". <u>זאביעזענסקי, 1, 23</u>.

1936 " |...| געגאסן שעפערס וואסער אויף די געוואקסענע
1372 א' <u>דילן</u>, כדי מען זאל נישט קענען טאנצן אויף זיי".
<u>י.י. זינגער, 6, 104</u>.

1947 " מיר האבן דאס וואר פאדלאגע ניט געניצט |אין ראסיין|,
1375 בלויז רייכערע הייזער האבן זיך פארגונען דעם לוקסוס
פון דילן". <u>ל. פיינבערג, פער 90, נ' VII, 70</u>.

1972 " ס'איז דאָרטן נישט געווען קיין דיל. ס'האָט

אַרײַנגערעגנט און אַרײַנגעשנייעט". באַשעוויס, 1377

פּער 155, IX/29.

|| דילעכל – דאָס, =ער, פּקפּ פון דיל.

1959|?| [...] שדעלע אויף דילעכל// צעיאָגט זיך, ווי

אַ מילעכל". בראָדערזאָן, 8, 230. 1455

ד י ל !I |וויי/ער ל| - דער, =ן. |סטוטש 183| (שש)

אַ שטויס, אַ קלאַפּ, אַ בויקער.

272 די-

ד י ל !!! - (אמ) אין איסדרוק מאכן א דיל - שליסן א

געשעפט, אן אפמאך |קטוו|. 1369

E: deal

273 דיל-

ד י ל IV - די, =ן. (באַט) געוויקס [וונ [Anethum graveolens

1914 " קֶצַח - דיל, צערנעשקע". ישעיה כח - כה,

גורדון, 1, 62 [תי: שוואַרצקימל]. 1374

דילאַטאַמעטער - דער, =ס. (פּיז) מכשיר

פֿעסטצושטעלן דעם פֿאַרברייטערונג=קאָעפֿיציענט פֿון אַ שטאָף

ביים אָנוואַרעמען |די נייע שול, ווילנע, 1920|. 1403

275 -די

ד י ל ג ע ל ע - די, =ס. (רעג, ליטע) "קראפּעווע, שטעכגראָז"+ |קטוו|.

Lit: dilgėlė.

ד י ל |ווייכער ל׳|/ד י ל י ע - דער/די, =עס. גראבע ברעט, קלאץ.

Uк: диль; B: дылiя < MHD: Diele

1954 " די שטוב האט געהאט טאפלטע ווענט. די דרויסנדיקע, די שטיינערנע און די אינעווייניקסטע, געמאכט פון די דיקע ברעטער, דילעס." ראלניק, 4, 9. 1441

ד י ל = ד ל פ ן |=דאלפן| -(גלש) גנבים=שליסל |הווב|.

278 די-

ד י ל ו ב ע ס - במ. (לאקל, קעלעם, ליטע) סופיט,

סטעליע |קטוו|. 1411

279 די־

ד י ל ו ג |דילעג| – איך אויסדרוק מאַכן א דילוג¦סטוטש 494|

אַנזעצן, ניט באַצאַלן.

1412 1957/58 " ער האָט געמאַכט א דילוג". דב סדן, 94 א׳, XLI, 10.

ד י ל ו ו י ו ם - דער, בא. |סטוטש 75|. (געאלאגיע)

די מייז-תקופה.

די לחכימא ברמיזא |די לעכקימא בערעמיזע| - פר.

(לל) פאר א קלוגן איז גענוג א רמז, א ווונק.

1917 " אויף דערויף איז דאס יידישע פאלק א קלוג פאלק,

1418 א 'די-לחכימא-ברמיזא-פאלק'". זשיטלאווסקי, 5, 97.

די=לחכימאדיק |דיִ לעכימעדיק| - אדוו. (שנש)

אנצוהערנדיק, רמזדיק.

1967 " ווינקען שטערן די=לחכימאדיק זיך איבער."

אהרן צייטלין, 6, 126. 1419

ד י ל י אַ נ ק ע - -----> דעליאַנקע.

ד י ל י ב ע ן - טרוו. (דיאל, ליפשיץ 2) דזוו דלובען.

1423 ד י ל י = ד ל - דזוו בדיל-הדל.

דילישאנס - דער, =ן. (עלט) פילערטערדיקער גדעקטע
געדעקטער געשפאַן, עקיפּאַזש צום איבערפירן פּאַטשט, פּאַסאַזשירן
און זייער באַגאַזש.

1868 " איך בין היינט פּאַרטאָג אָנגעקומען מיט דעם
דילידזשאַנס פון ניקאָלאַיעוו קיין כערסאָן". 1824
פער 177, נ׳ 27, !! - 199.

1905 - 1916 " אסתר-תענית נאָכן האַלבן טאָג האָט זיך אין
איינער פון די יידישע שטעט |...| אָפּגעשטעלט א דילידזשאַנס 1426
און ס׳איז אַרויסגעשפּרונגען פון דאָרטן אַ פאַרשוין |...|".
שלום=עליכם, 1ג, 225.

1945 " די קרעטשמעס און די בעל=עגלות, // דער טרייסל
פון די דילידזשאַנסן". סעגאַלאָוויטש, 9, 81. 1431

1434 (?נ?) ד י ל י ע ן - <u>טרוו</u>. רייַבן, אָפּרייַבן |<u>קטוו</u>|.

2

ד י ל מ א |דילמע| - אדוו. (לל) אפשר, טאַמער.

1929 " אפשר שטעל זיך, יוסף-חיים, פאר זייער פאַרשמאַלצענער

1436 יחוס=וואַנט און שטעל א קשיא וויא א דראַנג פון אייזן

אַזוי צו פרעגן: דילמא - טאַמער?". אהרן צייטלין, 76,2.

Aram: דלמא

ד י ל ן I - טרוו. |סטוטש 183| (שש) קלאפּן, זעצן, בויקערן.

| |
|---|
| רעד: אין וואַלין: דיליען. |

ד י ל ן II - טרוו. |סטוטש 516|. (קאָרטנשפּיל)
געבן, טיילן (קאָרטן).

ד י ל ן !!! - אוטוו. (אמ) האבן צו טאָן, מסחרן, האָבן/פֿירן געשעפֿטן.

1916 "ער האָט שוין געהאַט זייַן פּלאַץ, זייַן פֿאָן=בראָקער|?|, מיט וועלכן ער האָט אימער געדילט". ליבין, 1, 103.

1463

ד י ל ע – די, =ס. |ליפשיץ 1| . (אוק,נא) עסק, געשעפט,
משא-מתן.

Uu: gilv.

ד י ל ע ט אַ נ ט - דער, =ן. װוּע קע. דער װאָס איז

איבערפּלאַכלעך באַקאַנט מיט אַ געװיסן געביט אין װיסנשאַפט,

קונסט אאַז"װ.

1916 " איך 'המליץ' |...| זײַנען פֿאַראַן אַך אים גענוג=גענוג

1444 דילעטאַנטן". שלום=עליכם, 3 ד', 65.

1927 " געװען דאָ רובינשטיקס חברים פֿון דער קונסטשולע

און בחורים דילעטאַנטן, װאָס דרייען זיך אַרום קונסט".

י. י. זינגער, 4, 67.

1948 " ליבע משה הושיעס איז געװען מער װי אַ דילעטאַנט,

1446 װײַל אַלץ האָט ער געקאַנט און געװוּסט כמעט גרינטלעך".

פּער 44, נ' 3 - 4, 13.

דילעטאנטיזם – דער, בא. אויבנאויפיקע באציִונג צו עפּעס, אין רעזולטאַט פֿון מאַנגל אין אויסשעפּיקע קענענישן.

1948 " ער גייט איבער אַך שום דערשיטערונג פֿון שונא

1451 צו געניאַליטעט און פֿאַרקערט, פֿון אָריגינאַליטעט צו שאַבלאָן,

פֿון ווייסנשאַפֿט צו דילעטאַנטיזם". ז. שניאור, פֿער 118,X/1.

ד י ל ע ט א נ ט י ש - אדי/אדוו. ווי (פון) א דילעטאנט; אויבנאויפיק.

1938 " און דער דילעטאנטישער ווינט גרימלט אז ס'טועך ווייי די אויערן". מאנגער, 2, 227.

1448

|| דילעטאנטישקייט - די, בא. (ראכקינד ווב) די אייגנשאפט פון זיין דילעטאנטיש.

דילעמע – די, =ס. א מצב ביי וועלכן דער אויסקלייב
פון צוויי קעגנזייטיקע מעגלעכקייטן איז שווער אין דער
זעלבער מאָס. % לייזן א דילעמע.

1951 " די דילעמע ביי דער געגעבענער קאָניונקטור איז
1462 נאָר געווען די: פאַרשפּילן מיט ערע |...| אָדער פאַרשפּילן
אָן כבוד". פער 106, 278.

1972 " ער האָט ניט ליב געהאַט קיין דילעמעס און צעריסנקייטן
1458 |...|". ראָזענפאַרב, 1 |?|, 30.

Z7 זיין אין/שטיין פאַר א דילעמע – זיין אין א פאַרלעגנהייט,
אין ספק, ניט וויסן ווי צו לייזן א פּראָבלעם.

1951 " ווי אָבער ליטע איז געוואָרן א באַזונדערע ליטווישע
1459 מלוכה, איז אָט דער פינקעלשטיין און אַנדערע אַסימילירטע
אינטעליגענטן געשטאַנען פאַר א דילעמע – וואָס טוט מען איצט?".
פער 106, 1092.

1970/71 " פון דער אנדערער זייט אבער זיינען מיר געווען

אין א דילעמע, און מ'האט ניט געוווּסט ווי אזוי 1460

צו רעאגירן". פער 7, 38.

ד י ל ע ן  ז י ך - אוטוו. בנב.

1893 " דאָס שאַדט ניט, עס קאָן קומען ווער עס וויל

1464 און זיך מיט איר דילען, ביז די זאַך וועט ניט צו שטאַנד

קומען מוז מען יעדן אויסהערן". אָרנשטיין, 2, 115.

ד י מ א נ ט - ----> דימענט.

ד י מ אָ ר פ י ז ם - דער, בא. די עקסיסטענץ פון שארפע אונטערשיידן אין געבוי, ביי דעם זעלבן זגאל בעל=חיים.

ד י מ אָ ר פ י ש - אדי. וואָס פאַרמאָגט דימאָרפיזם.

% דימאָרפישע שטאַפן טערמינעס אין כעמיע, ווילקאָמירער

ייִדישע רעאַל־גימנאַזיע, 1926.

1475

ד י מ י אַ ן - דער, =ען. "אַ גרויסע גלעזערנע פֿלאַש פֿון 5 ביז 100 ליטער, אַריבערגעפֿלאָכטן מיט אַ קויש, געניצט צו האַלטן בראַנפֿן, עסיק אָדער בוימל" |קטוו|. 1478

פֿון בחון [?]

דימיון | דימיען | דימיוינעס | ר - דער, מצ דימיונות

1. פֿאַנטאַזיע, דאַכטונג, פֿאָרשטעלונג=קראַפֿט.

1913 " כּל-זמן דער שכל האָט מיט פֿילאָסאָפֿישע פּשטלעך |...| 
403 נאָך געקענט באַווייזן אַז משיח און וווּנדער זײַנען ניט
קיין קראַנקע דימיונות". זשיטלאָווסקי, 5, 105.

1916 "דאָס אַלצדינג וואָלט געווען זייער גוט, ווען ס'זאָל
392 ניט זײַן קיין דימיון, קיין חלום". שלום=עליכם, 38, 18.

... " דײַן מידער דמיון (?) ראַסט און רוט // אין זײַן
385 ווייכן בליק". סוצקעווער, 3, 131.

1975 " זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן קישן און געלאָזט די
383 דמיונות ווי עמעץ לאָזט אָפּ פֿון א קייט א מחנה הינט".
באַשעוויס, פֿער 155, 7/!!!.

2. (זן) ענלעכקייט, פֿאַרגלײַך.

|...| טאַקע גאָר גלײַך - בײַם רבין אַ שלוש=סעודות-טיש און

דאָ אין ליובאַוויטשער שטיבל אַ שלוש-סעודות טיש, א שיינער 393

דימיון, כ׳לעבן!". וויערניקאָווסקי, 1, 7.

ד י מ י ו נ ד י ק |דימיענדיק| - אַדי. דזוו דמיוניש.

1973 " עס איז געווען אַ חלום אויף דער וואָר וואָס האָט

412 זיך דמיונדיק געוועבט אין זיין וואַכיק, צעברויזט געמיט".

יזב 16, 397.

ד י מ י ו נ י ש |דימיוויניש| – אדי/אדור. פאנטאסטיש,

געדאכט, אויסגעדאכט.

1958 " אַך אמת קינסטלערישע יצירה איז אַ שאַפונג, וואס

415 האט זיך אויסגעטאָן פון דעם היינט און שטרעבט –

דמיוניש=מעשהדיק – צו זיין אַ ניצוץ פון מאָרגן".

האגער, פער 38, נ' 28, 234.

1964 " |...| מיטן פנים אנטקעגן אַ דמיונישער וועלט".

414 נ' 49, 85.

די מירנען |דימיענען| - אוטור. (שנש) פאנטאזירן.

1945 " רייד, ערשט געדימיונטע, פארפלעכטן זיך מיט וואלדי

1479 וואלדגערויש". באריישא, 3, 24.

417 " וואס זשע דימיון איך?". 1957 רויזענבלאט, 8, 26.

ד י מ י ט י ר ן - טרוו. אַפּזאָגן עמעצן|הווב|.

ד י מ י נ ו ט י ו ו - <u>דער, =ן.</u> (<u>גראַמ</u>) פֿאַרקלענער=פֿאָרמע, אויך אַ וואָרט אין פֿאַרקלענער=פֿאָרמע.

1959 " אוריאל ווײַנרײַך האָט האַלט געהאַט <u>דימינוטיוון</u> און מיט רעכט געזען אין זיי אַן אומאויסשעפּלעכן מקור פֿאַר דער באַרײַכערונג פֿון ייִדיש". <u>מ. שעכטער,</u> <u>פֿער 38, 243.</u> 1482

1963 " |...| מיט אַן אָפּזאָג אויפֿן געפּיליקן <u>דימינוטיוו</u>". <u>ד. סדן, פֿער 38, נ׳ 46, 184.</u>

309/1

די־

ד י מ י ס י א נ י ר ן  -  אויטוו, פאר דימיסיאנירט, פא דעמיסיאנירן. |סטוטש 463| .זיך אפזאגן פון א[illegible] שטעלע, אנגעבן זיך אין דימיסיע. % דימיסיאנירן פונעם אמט.

310

600 -די

דימיסיע - די, בא, פא דעמיסיע. דאס אפזאגן (זיך)

פון אן אמט, דאס דימיסיאנירן. % געבן דימיסיע,

באקומען /קריגן דימיסיע.

1865 " ער האט איינגעגעבן זיין דימיסיע |...| פון

1488 פרעזידענטשאפט אין דער קאמיסיע פון דער וועלט=אויסשטעלונג".

פער 177, נ' 20, 299.

1949 " ווי נאר דער, אוויך איז ארויס אין דימיסיע,

1489 איז געווארן א ביסל לייכטער". שניאור, 11, 132.

// אנגעבן זיך אין דימיסיע - דימיסיאנירן.

געבן דימיסיע - אפזאגן פון א שטעלע.

1916 " אין דער גרויסער שטאט האט מען דעם זיידן וועוויק

1487 געגעבן דימיסיע". שלום=עליכם, 3 ג', 144.

3411 די–

ד י מ נ י צ ע – <u>די, =ס.</u> (<u>רעג, ווײַסרוסלאנד</u>)

"א פֿויערישע כאטקע, פֿון וועלכער ס'ציט זיך שלעכט

ארויס פֿונעם אויוון=קוימען דער רויך". |<u>קטורו</u>|. 1491

B: дымніца

312-3 די-

ד י מ נ י ק - דער, =עס. עפֿענונג, רער וואס פֿאַרנעמט דאס
אָרט פֿון א קוימען ארויסצולאָזן דעם רויך פֿון א
הײַזל, כאטע.

p: dymnik

1960 "בײַ ברכה איטשעס האָט שוין גערויכערט דער
1493 אויוון און דורכן דימניק ארויסגעשיקט די ערשטע
קנוילן רויך". פ. שטיינוואקס, פֿער 68, II/7.

1972 " איך פֿאָדער=הײַזל, בײַם פֿעטער, איז דאָ א דימניק
1495 ארויפֿצוגייען אויפֿן דאך, דורך דאָרטן זײַנען די גנבים
געקומען". ראזענפֿארב, 1, 127.

ד י מ ע ט - דער, =ן. (פּטמ) דזוו דימענט.

1861 " ווען איז דאס געווען, הע, מיר דאכט זיך דעם

1501 עלעפטן, יאָ, האבן זיי מיר איינגעשיקט א גאנץ קעסטעלע

מיט צירונג, פּערל און דימענטן". עטינגער, 1, 433,

צ״ט 1925.

זיינע רימעטלעך מעגן אריבער דיינע דימעטלעך -

|סטוטש 497| וועגן זייער א רייכן מענטשן.

ד י מ ע ט וו א ר ג - -----> דימענטוואַרג.

ד י מ ע ט ן - ------> דימענטן (אדי).

ד י מ ע ט ע ר - דער, =ס. |סטוטש 382| .(פּאעזיע)

צווייפּוסיקער דאַקטילישער פֿערז.

דימען! - אוטוו. (סל, נא) רייכערן, טשאַדען.

1973 " וואָס האָט דעם לעצטן פּריִיטיק אַזוי געדימעט

1507 (גערויכערט), אַז אַלע נאָכן אַפּוואַשן זיך - זענען געוואָרן

שוואַרץ ווי קויל". בלומענטאַל, 1, 32.

ד י מ ע ן II – אַדי. (עלט) פֿון אַ ציג, שטאָף מיטן נאָמען
'דים' אָדער 'דימען'; גענויער בנב. % דימענע קאַפּאָטע.
דימענער קאַפּטאַן.

1866 " ווינטער |פֿלעגט דאָס נגידיש יינגל טראָגן | אַ דימען
1509 טולעפּל מיט ווייס פֿוטער אָדער גרוי געשטרייפטע קעץ".
פּער 177, נ׳ 4, 54.

1869 " אַ פֿוס איבער אַ פֿוס איבערגעלייגט, זעט מען ארויס
1604 דימענע הויזן, צוגעבונדן ביי דער קני צו די ווייס=
געלבלעכע זאָקן". פּער 177, נ׳ 19, II - 225.

319 די-

ד י מ ע ן !!! - (דיאל) דזוו דומען !.

ד י מ ע נ ז י ע - ---> דימענסיע.

דימענט – דער, =ן, פּפּ: דיאַמאַנט, (פּטמ) דימעט.

1. דזוו בריליאַנט (איידלשטיין). ~~ברט=געשליפענער=דימענט~~

שלייפן דימענטן, ניט=געשליפענער דימענט.

1551 פּל "כ'האָב געהאַט אַ טייערן דימענט// און האָב אים אָנגעוואָרן".

1878 " געבענטשט און איינגעוויקלט מיט דימענטן זאָל

1541 ווערן דער דאָזיקער וועלכער עס וועט דעם טייערן אוצר

פון בנימינס נסיעה איבערטראָגן אויך אין לשון הקודש".

מענדעלע, 16 א, 5.

1927 " ביי דעם אַמעריקאַנער עולם איז אַ פּאַלירטער קויל

1543 וויכטיקער ווי אַן אומפּאַלירטער דימענט". ווינטשעווסקי,

4, 165.

1951 " אַ שאָפער |...| איז דער וואָס קען שלייפן אַ טייערן

1515 שטיין, מאַכן, אַז ער זאָל לייכטן העלער, מער כּישופֿן,

ניט נאָר זאָגן, צי איז עס אַן עכטער דימענט אָדער ניט".

ש. ניגער, פּער 106, 1055.

2. (פיג) וועגן עמעצן, וואס איז לייער שיין מאראליש/ גייסטיק אדער פיזיש.

1539 " בטבע איז ער דווקא א גוט מענטשל, א דימענט".
שלום=עליכם, 7א׳, 38. 1539

... " געקומען איז א גוטער קריסט, א דימענט ממש מחסדי אומות העולם". פרץ, דערצ׳ ׳בשעת מגפה׳, 62. 1533

1910 " די כלה – א דימענט, א שפיגל! ". פרוג, 3, 245.

3. (טיפאגראפיע) "נאמען פארן קלענסטן שריפט".
|י. ריבקינד, פער XIV,90 – 2|.

4. (גלעזעריי) טייל פון מכשיר צו שניידן גלאז.

0 דימענט=איינפאסער – דער, =ס. |סטוטש 529|.

דימענט=הענדלער – דער, =ס. |סטוטש 523|.

דימענט שטויב - דער/דאָס, בא. |סטוטש 216|. דער שטויב וואָס באַקומט זיך ביים שלייפֿן, פֿאַלירן דימענטן.

דימענטשלייף - דער, =ן. "אַזאַ מין שלייף |פֿעטליע|, אַוווּ דער קניפּל איז אַריַינגעזעצט אין בענדל אַזוי ווי אַ דימענט; געניצט פֿון פֿלאַקסבינדער אין פֿאַרבינדן דאָס בינטל פֿלאַקס" |קטוור|.

דימענט=שלייַפֿער דער, =ס/מצ דז. דער וואָס שלייַפֿט דימענטן.

דימענט=שלייַפֿעריַי - דאָס, בא. |סטוטש 529|. פֿאַך, די מלאכה פֿון שלייַפֿן דימענטן.

דימענטשאַפֿט - דער, =ן. |סטוטש 204|.מין מינעראַל.

דימענטשפּיץ - דער, =ן. (סטאַליעריי, אַרכיטעקטור) "פּיראַמידפֿאַרמיקער שפּיץ" |קטוור|. 1588

שווארצע דימענטן - |סטוטש 204| שטיינקוילן.

א דימענט פון א פרעסער - (רעג, גאליציע) "ביים עסן קלייבט
ער נישט איבער" |קטוור|.

1536 האבן דימענטלעך אין האלדז - קענען שיכורן, מאכן א כוסע.

1938 " אפילו שמעון-בער האט געמוזט מודה זיין, אז די קונצן=
1564 מאכערס האבן 'דימענטלעך אין האלדז' און אז זיי קענען
מאכן א כוסע". מאנגער, 2, 72.

פפ: אויגן ווי דימענטן; גוט ווי א דימענט; א הארץ ווי א דימענט;
היטן ווי א דימענט; שיין ווי א דימענט.

שוו: נישט יעדער דימענט פינקלט - (רעג, גאליציע) נישט אלע
מאל קען מען אויפן ערשטן בליק באמערקן די ערלעכקייט, די
מידות טובות, די שלמות פון א געוויסן מענטשן.

325 די-

פּורל: ער איז א דימענט, מען קען מיט אים שניידן גלאז -

סטוטש 567 איר וועגן א שלעכטן מענטשן.

ד י מ ע נ ט וו א ר ג - דאס, בא. זאמל=נאמען פאר דימענטן.

1815 " ~~איל~~ איך בדארף אז דו זאלסט ברענגען אלירלייא דומינט ווארג

ווארן איטליכר אבן טוב האט אונ זוך |איך זיך| איין 1558

אנדרי סגולה". סיפורי מעשיות, מעשה מחכם |ז' יח/א|.

1892 " זיי |די שׂרי המלוכה| האבן געזאגט צו די ווייב

פון סוחר, מיר האבן געהערט אז דיין מאן איז א גרויסער 1472

פארשטענדיקער אויף די דימאנטווארג". י.מ. הכהן, 1,ח - !.

דימענטיק - אדי/אדוו. 1. ווי א דימענט.

1886 " יוסעלע האט זיך |...| צוגערוקט |...| צו אסתרן,

1562 באטראכטנדיק זי ביי דער האלבקיילעכיקער לבנה מיט די

דימענטיקע שטערן, וואס האבן זיך אפגעשיינט אין אירע

ליכטיקע אויגן". שלום=עליכם, 3 ב׳, 76.

1938 " אט וועט א גלאנץ טאן דימענטיק א שטערן".

1561 ליעסין, 3, 88.

1972 " דער דאך איז געווען פארדעקט מיט א דיקן שיכט שניי

1560 און האט געשימערט און זיך דימענטיק געזילבערט".

ראזענפארב, 3, 496.

2. גוטהארציק. (פיג) א דימענטיקער מענטש.

ד י מ ע נ ט ן - אדי. פּפּ דימעטן (פּטמ). 1. (ווי) פון דימענט אָדער מיט איַינגעפּאסטע דימענטן.

1864 " אין דעם ערשטן טאָג צום אויספּאַרקויפן דאס מאַגאַזין

1498 |...|האָבן וויַיבער פּאַרגעסן אויף דער סטויקע א דימעטן פינגערל". פּער 177, נ׳ 42, 639.

1957 " שמחה דער סטאָליער וועט שלאָפן אין א גאָלדענעם בעט

1565 מיט אויסגעפּרעגטע לייבן און מיט דימענטענע מגן-דודס". שניאור, 13, 197.

1967 " די כמאַרעס אין די הויכן בויען א דימענטענעם פּאַלאַץ - פּאַר משיח בן דוד אַ געהויז". י. פרידמאַן, 4, 98.

2. (פּיג) גוטהאַרציק, איידל.

1888 " געוויינטלעך זיַינען זיי דימענטענע מענטשן, וואָס

1566 נעמען ביַי יענעם אַרויס די נשמה מיט גוטן".

מענדעלע, 3, 177.

1896 " וואס זאל איך דיר זאגן? ער איז טאקע א דימענטערער

מענטש. [illegible] גילדענבלאטט, 33, 28. 1514

17 דימענטענע חתונה - 75סטער יארטאג פון דער חתונה.

ד י מ ע נ ט ן ( ז י ך ) - אוטוו. (שנש) פינקלען, בלאנקען.

1950 " פאר זיינע טריט דימענט זיך דער פרימארגן=טוי".

1570 ראדאשיצקי, 1, 80.

1969 " סע ציטערט מיט מין אויגס א לעפל // וואס דימענט זיך

1568 אין נעפל". אליצקי, 6, 8.

331 די־

ד י מ ע נ ט ע ר - דער, =ס. | סטוטש 529 | אַן אַרבעטער, וואָס שלייפֿט דימענטן; דימענטן=שלייפֿער.

ד י מ ע נ ט ש ט יי ן - <u>דער, =ער.</u> <u>דזוו</u> <u>דימענט.</u>

אַנהייב 19טן י"ה " מסחרין ער וועט אַרום רונגלין דיא

צדיקים צו זיצין עלי תכי אויף איין שטיל |שטול|

בכבוד וגוחלתא פון דימיד |=דימענט| שטיינר". 1582

<u>סדר אקדמות מיט עברי טייטש, ז' 1/בט.</u>

ד י מ ע נ ס י א נ א ל - ----> דימענסיאנעל.

די מ ע נ ס י אַ נ ע ל - אַדי. שייכדיק צו דימענסיע.

1958 " איך האָב, נאַטירלעך, קיין גרונט נישט צו צווייפלען
1590 אין דער דימענסיאָנעלער ערטקייט פֿון דער דאָזיקער
נאַטוראַליסטישער וויזיע". גראָס-צימערמאַן, פֿער 38, נ׳29, ז׳269.

1965 " די אַלטע געאָמעטריע |..| באַהאַנדלט בלויז דריי=
1511 דימענסיאָנעלע רוימען און קערפּערס (לענג, ברייט און טיף)".
פֿער 107, 719.

ד י מ ע נ ס י ע – די, =ס. 1. א רוימלעכע (געשפרייטיקע)
גרייס וואס לאזט זיך אויסמעסטן (לענג, ברייט, הייך);
אויסמעסט(ונג).

1936 " דער רעדאקטאר עקס איז פלאך אין אלע דריי דימענסיעס!".
1599 נאדיר, 10, 239.

1954 " נישטא פאר אונדז, אין אלע פיר דימענסיעס, קיין
1599 א' ארט, קיין צייט קיין אנדערע |...|". מ. ראוויטש,
4, 355.

1965 " הערמאן מינקאווסקי האט פארגעבראכט א נייע
1512 מאטעמאטישע דיסציפלין –א לערע וועגן 'פילפעלטיקן רוים'
דאס מיינט ארוים פון א סך דימענסיעס". פער 719,106.

2. (פיג) ארומנעם, היקף, גרייס.

1951 " דאָס פּאַרמעגן איז ניט געוואַקסן אין קיין גרויסע
1592 דימענסיעס". י.י. טרונק, 8, 193.

1952 " די פּאַדערס געשטאַלטן און סימבאָלן פֿון אויסערגעוויינטלעכע
1595 און איבעררעאַלע דימענסיעס". ניגער, 7, 498, |?478|.

1955 " פֿאַר די וועלכע האָבן געקענט די שטאָט אין דעם
1601 היינטיקן יאָרהונדערט איז, לויט די גראַדנער באַשיידענע
דימענסיעס, דער מרחק צווישן בית=המרחץ |...| ביזן הקדש
געווען אַ גאַנצ הפשער". פּער 44, נ' 8, 74.

ד י מ ע ר - נאַמען פון אַ שטעטל אין קיִעווער געגנט;

אין פּויל |סטוטש 109| : ווילנע אין ירושלים דליטא און

דימער - ירושלים דבלאַטע.

R: Димер

338 די־

ד י מ ק ע – <u>די, =ס.</u> סאָרט קליינע ציבעלעס, געניצט

1611 ווי פֿלאַנצן צו באַקומען גרויסע ציבעלעס.

P: dymka

די ן I - דער, =ים. 1. געזעץ לויט דער הלכה.

% על-פי דין. עובר זיין אויף א דין.

1816 " וואס מען פר קרעמט דעם משפט צו פסקענין בכוון

פר קערט ווי דר דין איז". פרקי אבות, |...|. 1660

1873 " דערפאר זאלן פרעמדע ביי אייך איינפירן דעם דין

פון ערבות אין אלע זאכן". מענדעלע, 1, 128. 1672

1960 " דא רעדט זיך ניט וועגן אפהיטן א דין און טאן

א מצווה". ניגער, 10, 265. 1687

2. פסק-דין.

1832 " דיא תפלה וואס איך טו מיט מיין האלז זאל איין

האלטין שלעכטין דין". מחזור, 2, מב/ב. 1656

3. מישפט, דאס מישפטן. % דער טאג פון דין.

1832 " און ווייל גאט זיצט דעם טאג |...| אויף דער שטול
1654 פון דין איבער דעם האט דר פייטן אן גיהויבין מיט דעם
ווארט מלך". מחזור, 2, ט/ב.

0 דין(מן) שמים | דין שאמאיים | - (לל) גזרה, פסק=דין
פון גאט.

1844 " אויב די חיות רעות וועלן אים אויפעסן, זאלן זיי
2433 זיינע ביינער ברענגען צום ראש ישיבה, כדי ער זאל
אים מספיד זיין ווייל ער האט אויף זיך מקבל געווען
דעם דין שמים". פאוויר, 1א, ה - ז.

דין-תורה - זבז.

דיני ממונות |דיניי מאמוינעס| - מצ. דינים געזעצן אין
געלט= און מסחר=ענינים.

1832 " ער האט דיא תורה מסדר גוועןן מיט סימנים אונ
מסורת אונ דקדוקים אונ חקירות, מיט דיני ממונות |...|". 1973
מחזור 2א׳, קנב/א.

... " |...| זיצט דער אַסעסאַר, וואָס פּסקעט אי דיני ממונות
אי דיני נפשות און האָט צו שאַפן איבער טויט און 1972
לעבן". פּרץ, 15, 36.

[ד.נ. = ראָפּאָ נאָס]

דיני נפשות – דינים וועגן שווערע פאַרברעכנס.
1867 " ער מיינט, ער איז ערגעץ פאַרוואָרפן |...| אין
א יידישע קהילה מיט פּרנסים און קהלס לייט, וואָס 1976
זענען דן דיני נפשות, קנסים, חרמות און נזיפות".
פּער 177, נ׳ 15, ד – 115.

1934 " |...| דאָרטן ווו, עס האַנדלט זיך וועגן דיני נפשות
גילט ניט דער ענין פון תשלומי ממון". זעצער, 1, 24. 1977

שוו: קראנקייט ברעכט א דין - ווען מען איז קראנק, מעג מען עובר זיין אויף געוויסע דינים.

|פער 90, XXIII - 2, 53|.

א מינהג ברעכט א דין - דער כוח פון א מינהג איז שטארקער פון א דין, א געזעץ.

בעפין דעם דין, דער היתר קומט שפעטער - פריער פון אלץ מוז מען וויסן וואס עס איז דאס ריכטיקע, ערשט דערנאך קען מען גיין אויף פשרות. |פער 90, X - 2, 60|.

דין פרוטה כדין מאה |דין פרוטע קעדין מייע| - (לל) דאס געזעץ בנוגע קליינגעלט איז דאס זעלבע ווי בנוגע גרויסגעלט.

1874 "מיט די כללים זאלסטו רעכענען הן איין קליינעם סך, הן א גרויסן סך ווארום דא איז דין פרוטה כדין מאה". 2400

אויך אין, מלאכת מחשבת, 60 - 61.

1959 " אבער אויך אזא סומע געפינט מען ניט אין גאס -

2398 ודיך פרוטה כדיך מאה". פער IV,68 / 8.

ם
## דין

1. ----

1610 " ווידר ענטוורט דר (תובע) אלי דינים זאגשטו אזו

1685 בלד אויז אונ׳ מיין דין ליגשטו אב". טייטש=הומש,

דברים, טז - יח.

1721 " דארום וועך גלייך דוא ווערשט איין גין מיט אונז

1658 ניט וויא דער(דין)אויש ווייזט ווער ווערט דאש קענן

פר וועקסלן אונ׳ ענדרן". מחזור, 2, קנג - 2.

## דיני ממונות.

1732 " ווילשטו קלוג ווערן טואה דיני ממוניות לערנין אונ

1971 וואל אויש קלעהרן". עיון יצחק, ב / 26.

די ן II – אדי/אדוו. 1. קליין אין קווערשניט; דער היפוך פון דיק. % דינע האר. דינער באוול. דינע הויט. דינע סטרונעס.

...פאלי האט אויף גיך איינגעפעדעמט א דינע נאדל".
1673 אפאטאשו, 6, 71.

1961 " און דארט פאמידארן, מיט בעקעלעך רויטע,// זיי
1657 דרעמלעך שוין איין אויף די שטענגעלעך דינע".
א. בראנפמאן, פער 131, נ' 75.

1972 " פון אירע אויגן האט ארויסגעבלישעט א דין פייערל
1622 גלייך אויף אים". פער 69, IV/10.

2. דאר, מאגער. % דינע פינגער.

1936 " מיט א געל שפראציק בערדל, |...| א דינער, א
2351 באוועגלעכער". י. י. זינגער, 6, 67.

(ראַפֿיניוט)

3. (פֿיג) אײדל, דעליקאַט, צאַרט. % דינע ניואַנסן.

1920 " טריפֿן מיט אַ דינעם אַראָמאַט". מ. קולבאַק, 1, 74. 1623

1922 " שטיל איז געװען אי אויבן אי אונטן - שטיל.//

דין איז געװעזן אי אויבן, אי אונטן - דין: // 1629

אַ שטילקייט אַ דינע, אַזוי װי אַ האָר". אהרן ציילין, 1.

1929 " ראַיסעס דין קרעכצעלע האָט אים דעם קאָפּ געריסן".

יאַפֿע, 1, 131. 1627

1955 " בן=גוריון איז צוגעגאַנגען צו מיר מיט דער איילעװדיד -

קייט, װאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים, מיטן דינעם

שמייכל". א. אויערבאַך, 5, 169. 1652

4. (פֿיג) שאַרף, חריפֿותדיק.

1960 " אויפֿכאַפּן דעם שאַרפֿן פּילפּל אין די דינע חידושים

פֿון דעם ראש ישיבה". סיימאַן, 2, 95. 1642

5. געמאכט פון ניט קיין דיקן מאטעריאל.

1928 " דא האט זיך געפונען סאלטשע אין א דינעם

1671 וועגמאנטל און אין א העל איינפאך היטעלע".

מ. ספעקטאר, 4, 83.

1968 " |...| אין דינע ווייסע איידעלע געווענדער".

1671 א' לעיעלעס, 6, 251.

/7 דינער דארם - דער. באטייט זען ציטאטע.

1921 " פון מאגן גייט די שפייזקאשע אריבער אין די געדערעם,

2379 וועלכע זענען אויס ווי א מין לאנגער רער, אין אנהייב זייער

דין (דער דינער דארם)". איבן איסעל, 1, 31.

דין גרעזל - דאס. (לאקל, סאניק) וועגן א דארער פרוי,

|ראבאק, פער 90, XV!! - 1|

דינע זופּ - די. | סטוטש 258 | . בוליאן.

דינע ריפּ - די. | סטוטש 259 | . (קצבוש) בנב.

דינע קאשע - די. | סטוטש 258 | שיטערע קאשע.

פּפּ:

אין ב׳ 1: דין ווי: א האר, א פלאקס, א סטרונע, גלאז,
רויך, זייד.

אין ב׳ 2: דין ווי: א שטעקן, א פּגר, א דערניק, א סוכאטניק,
פון סוכאטע, ער וואלט געפאסט הפסקות (תעניתים),
פון היציק שלאפקייט, פלאנדרע, שפאן, א הונט (אין די ביינע)
א פייג, א גרוגרת דרבי צדוק.

דין ווי א בלעטעלע, א פידעלע, א פעדעמל, א שטרויעלע.

א אײדל, דעליקאט:

שוו: ווו· ס׳איז דין רייסט זיך גרינג.

ם
דין.

.2 ----

1610 " אונ׳ נון זיבן עהרן דין אונ׳ אויש גיקלאפפט

1616 דער ווינט שפרושטן נאך זיא. טייטש=חומש, בראשית,מא - ו׳.

(?נ?) ד י ן !!! - דער, =ען. |סטוטש 360|. (אָמ) דעקאַן.

ד י נ א |דינע| — אראמעיש , דזוו דין I. אין די אויסדרוק:

דינא דמלכותא | דעמאַלכוטא| - (לל)דין המלכות,

דער געזעץ פון דער מדינה.

1915 " נאַר צוריק אָבער - מלחמה! דינא דמלכותא! און

1704 אַזאַ זאַך ווייסט איר מיט וואָס עס שמעקט? מורד במלכות -

איז אחת דינו להמית". שלום=עליכם, 5א׳, 150.

דינא דמלכותא- דינא - (לל) געמיינט אַז ייִדן דאַרפן אויך

אויספילן די געזעצן פון דער מדינה, ווו. זיי לעבן.

1867 " אבער ׳דינא דמלכותא דינא׳ האַלט איר דאַך אַלע,

1705 ווי טאָר מען עובר זייַן אויף דעם געזעץ פון אונדזער

|...| רעגירונג?". פער 177, נ׳ 33, III - 253.

1921 " אַ זעלנער איז דאַך נישט קיין בער! אַז מ׳מוז - מוז

מען דינא דמלכותא - דינא". בימקא, 2, 92.

(.[...])

די נאַזאווער - דער, =ס. פּטמ פֿון דינאַזאור. רײזיקער פֿױזענדיקער בעל-חי פֿון די פֿריערדיקע געאָלאָגישע תקופֿות.

1931 " ווי אַ דינאַזאווער |...| שלעפּט זי אָוועק איר שוואַרצע שלעפּע פֿון קלײד, איר אַלטע שוואַרצע באַשעפֿעניש". 1707

ברעגמאַן, 1, 272.

דינאמא - דער, =ס. (עלט) גלייכשטראם=גענעראטאר.

1948 " עס האט א צארטע, בלאסע מאמע געבוירן מיך אין

1717 א ווארשטאט, ווו ס'האט באגריסט מיך א דינאמא, פון

גיסעריי דער קוילן=טשאד". א. פאמעראנץ, פער 44,נ'38,2.

1974 " די עלעקטרישע פארבינדונג אין איבערגעריסן, מע

1714 האט דען געקאנט ארייַנשמוגלען א דינאמא, צו פראדוצירן

אייגענע עלעקטרע?". עלבערג, 2, 150.

0 דינאמא=מאשין - די, =ען. |סטוטש 436| דזוו דינאמא.

☐ א מענטש א דינאמא - |סטוטש 433| וועגן אן אויסערגעוויינלעך אקטיוון, ענערגישן מענטש.

ד י נ אַ מ אָ מ ע ט ע ר - דער, =ס. | די נײַע שול,
ווילנע, 1920 | .קראַפטמעסטער, אַן אַפּאַראַט צו מעסטן
די גרייס פֿון כּוח.

1960 " אין אַ צאָל עקספּערימענטן האָבן געלערנטע געניצט אַ
דינאַמאָמעטער בײַם מעסטן מוסקול=אָנשטרענגונג". 1721
י. וואלאך, פֿער 69, 27/XI.

ד י נ א מ י ז י ר ן - טרוו. פאר דינאמיזירט. |סטוטש 394|

אקטיוויזירן, געבן ענערגיע.

די נאמיט - דער, בא. אויפרייס=מאטעריאל פון ניטראגליצערין.

1902 " האט ער זיך גענומען לערנען ווי צו מאכן דינאמיש".

1735 איבז,אנ, נ.אי. קיבאלטשיש, לאנדאן.

1920 " דינאמיט אנטהאלט א דריטל ניטראגליצערין |...|".

1729 פיינסטאון, 1, 262.

1947 " |...| אויפרייסן די פאבריק דורך אונטערצינדן דעם דינאמיט=מאגאזין". יזב 8, 200.

1737

ד י נ אַ מ י ט י ז י ר ן - טרוו, דזוו דינאַמיטירן.

1970 " |...| דינאַמיטיזירן אַפּילו דאַס גאַנצע הויז,

1736 אויב זיי געפינען אין זייַנעם א ווינקל |...| וואַפּן".

זוהר, 1, 269.

ד י נ א מ י ט י ר ן – טרוו. אויפרייסן מיט דינאמיט.

357 די־

די באַמיטעוועז – טרוו. |סטוטש 452|. ד׳ 1153

ד. נאַמיטירן.

דינאַמיק – די, בא.1.(פּיזיק) די לערע וועגן
באַוועגונג פון קערפּער.

2. (פיג) באַוועגונג, גאַנג, אַנטוויקלונג.

1953 " ניי איך אים נאָר די רעוואָלוציאָנערע דינאַמיק,
די גרייטקייט דעם טעזיס טאַקע דורכצופירן". 1749
גרינבערג, 1, 13.

1970 " די דינאַמיק פון די געשעענישן האָט נישט איינגעבראַכן
זייער בליק און נישט געשפּאָלטן זייער ביטחון". 1745
מ. מאַיראָוויטש, יזב 51.

די נ אַ מ י ר ן - טרוו. (שנש) דזוו דינאַמיטירן. (?נ?)

1953 "סאַקאַלאָוו וואָס באַוווּנדערט און אײַנספּירירט, באַבי

1752 באַגײַסטערט און דינאַמירט". שוואַרץ, פּער 38, 223.

<u>רעד:</u> ניט קיין קאָרעקטע נײַשאַפונג:ס׳איז ניטאָ קיין וואָרצל "דינאַם..."

דינאמיש – אדי/אדוו. 1. שייכדיק צו דינאמיק ב' 1.

% דינאמישע ענערגיע |סטוטש 104|. דינאמישע געאלאגיע.

2. וואס געפינט זיך אין א צושטאנד פון אקטיווער באוועגונג.

1932 " די עפאכע פון עקאנאמישע, פאליטישע און קולטורעלע
איבערפארמירונגען אין דער געזעלשאפט איז א דינאמישע, 1762
א שטורמישע |...|". ד. פלינקער, פער 181 א', 37.

1960 " זייך גלויבנס=געפיל איז עכט און דינאמיש".
ניגער, 10, 236. 1766

דינאמישקייט - די, בא. אייגנשאפט אדער מצב פון זיין דינאמיש.

1953 " זייער פראקטישע באדייטונג באשטייט אין דער דינאמישקייט

1769 וואס זיי רופן אין אונדז ארויס". ה. גרינבערג, 144,1.

דינאַסטיע - די, =ס. 1. הערשנדיקע פאַמיליע,
אַ רייַ הערשנדיקע פערזאָנען פון איין פאַמיליע, איין הויז
(דער עיקר וועגן מאָנאַרכן). % די ראָמאַנאָווס דינאַסטיע
אין רוסלאַנד.

2. (בײַ ייִדן) וועגן רבנים און רביים פון דער זעלבער
משפּחה.

1932 " אַ רבישער הויף איז, להבדיל, ווי אַ קייזערליכער הויף.
דער כּוח ליגט אין דער דינאַסטיע. בלויז איינער דאַרף 1779
בלייבן". י.י. זינגער, 5א׳, 180.

1951 " רבי שניאור זלמן האָט ניט געלייגט פיל אַכט אויפן
צדיקיזם, כאָטש ער אַליין האָט אַרויסגעגעבן איינע פון 1774
די שטאַרקסטע דינאַסטיעס (ליבאַוויטשער) פון חסידישע רביים".
א. קאַצענעלנבאָגען, פּער 106, 357.

1970 " דערמאָנען |...| אין דער ייִדיש=חסידישער שטאַט,
ווי די האַלבערשטאַם=דינאַסטיע |...| האָט געהערשט". 1775
יזב 15, 803.

ד י נ א ס ט י ש – אדי/אדוו. שײַכדיק צו דינאַסטיע.

% דינאַסטישער הערשער. דינאַסטישע רעכט.

1953 "דאָס איז געווען די שוועדישע אַרמיי פֿון קיניג קאַרל X,

1782 וואָס האָט געהאַט זײַנע דינאַסטישע חשבונות מיטן

קרובישן פּוילישן קיניגלעכן הויף". איבּ י. מאַרק, 37,3.

1953 " עסטרײַך איז געווען דינאַסטיש פֿאַרבונדן מיט

1783 שפּאַניע". דצוו, 171.

ד י נ אַ ר – דער, =ן. 1. גאָלדענע אָדער זילבערנע מטבע אין פּאַרצײַטיקן רוים.

1930 ״ריכטיק האָט געטאָן דער סענאַט, וואָס האָט אויף אַ יעדן
1792 פֿון אײַך אַרויפֿגעלייגט צו צאָלן צוויי דינאַרן אַ יאָר
פֿאַרן קאַפּיטאַליסטישן יופּיטער״. י. י. טרונק, 2, 373.

1938 ״עס איז געגליכן, זאָגט ער, צו אַ מלך וואָס
1789 פֿאַרמאָגט מיליאָנען פֿון גאָלדענע דינאַרן און דאָ קומען
לויבזינגער און באַזינגען זײַן זילבער״.
קאַראַלניק, 1, 9.

2. אַ מטבע (וואַליוטע) אין אונדזערע צײַטן אין געוויסע לענדער (איראַק, ירדן, א״א).

ד י נ אַ ר י ש – **אַדי.** אין די טערמינען **דינאַרישע ראַסע**,

**דינאַרישער טיפּ**: איינער פון די אַנטראָפּאָלאָגישע טיפּן.

1929 " דער מקור פון פּערזאָנען, וועלכע אונטערשיידן זיך

פון אַרמענאָידאַלע טיפּן נאָר מיטן הויכן וווּקס, אין 1794

די **דינאַרישע** ראַסע". פּער 72.

ד י נ ג – דער, =ען. (עלט) זאַך. אין מאָדערנעם=ייִדיש

קומט נאָר אין פֿראַנאָם אַלצדינג (אויך דינק, טינק), אין עלטער

2טע העלפט [illegible]

Mhd: tinc

1919 " ער האָט צוויי אויגן פֿאַר פֿאַרשיידענע דינגע".

1811 נאדיר, 1, 62.

1963 " צי האָט אונדזער ליטעראַטור טאַקע שוין אַ גראַמאַטיקע

1812 און אַלע אַנדערע דינגע אַרום דעם?". ליוויק, 336,14.

ם

דינג.

XV י"ה " מדבריו – זינש דינגש, ל׳ ענינו. רייכלין 8,

1797 תהילים, קיב, ה.

1701 " אונ׳ עז איז קיין דינג אויף דער וועלט זוא הארט

1800 אודר ער שניידד עש איין צווייא". מעשה בוך, מעשה ק"ד.

ד י נ ג א - דער, =ס. ווילדער אויסטראַלישער הונט.

ד י נ ג = אַ ן = ז י ך – פֿילאָסאָפֿישער טערמין פֿון קאַנטס

טעאָריע (אין ציטאַטע –איראָניש). < Ding-an-sich [?]

1937 " דאָס גלעזל איז פֿאַר ווּעמען אַן אָביעקט, אַ דינג=אַן=זיך?

פֿאַר מיר, אײַער געטרײַער לעזער, קאָסטעלשפּענער! 1807

נאַדיר, 11, 160.

ד י נ ג אָ פּ מ אַ ך - דער, =ן. (מאַרק וונ 455)

קאָנטראַקט צו דינגען אָדער פֿאַרדינגען עפּעס.

370 די-

ד י נ ג ו נ ג - <u>די, =ען.</u> דער אַקט פֿון דינגען (<u>אוּוו ווב</u>).

ד י נ ג ע ו ו י ר ץ - דאס, (עלט) געווירץ, געניצט ביים ברענגען קרבנות.

1885 "[האבן מיר ניט] קיין פאליש פון בית=המקדש און קיין דינגעווירץ, קיין בלוטשפריינגונג, קיין ווידוי און קיין רינד צו איין חטאת אויף יום כיפור". 1813

מחזור, 4, 253.

ד י נ ג ע ן – טרוו, פֿאר געדונגען. 1. אָננעמען עמעצן
אויסצופֿירן אַן ארבעט אויף געוויסע באַדינגונגען.

1844 " מען האט געדונגען דעם זעלביגען פורמאן וואס
1862 איר האט געבראכט". ליאָן דאָר, 1, 22.

1901 "|איך צימער|איז קוים געווען א פלאַץ פֿאַר די צען
1831 מיידלעך, וועלכע ער פֿלעגט אָפּט דינגען אָפּצושערן די
קופּאָנעס פֿון זיינע פּאַפּירן". איש יהודי, פער 37, נ׳38.

1972 "לאה האָט געדונגען פֿרומע יידן וואָס זאָלן וואכן
1816 ביים טויטן און זאָגן תהילים". באשעווים, פער 155, !!!, 12.

2. נעמען עפּעס (א פֿארמעגן) אויף א צייטווייליקן באַנוץ
פֿאַר אַ געוויסן אָפּצאָל; קאָנטראַקטירן. % דינגען
אַ צימער. דינגען אַ קראָם.

1819 " האט די נפקא גיזאגט, זיא וועט איהם געבין איין
1849 עהרליכין מאן אונ׳ א בטוח וואס ער וועט די מיהלין דונגען".
פערל, 1, 26.

1905 " ער שרייבט מיר, דער גראף, אז מע דינגט ביי אים

וואלד, מע גיט אים |...| איין אייזערנעם פרייז". 1868

שלום-עליכם, 15 ("צעזייט און צעשפרייט").

[7 שוו: צען דינגען נאר איינער קויפט - |סטוטש 484| בנב.

דינגען. □

-----> 1.

1544 " דא שיקטן דיא בון עמון ויל זילבר אונ' גולד.//

אונ' דינגטן ויל שטארקיא אונ' גאבן איין גרושן זולד". 1828

שמואל בוך, סטר' 1186.

1686 " דא איך מעכט בייארט גיפינדן לייט די דא וועלן,

איין מלמד דינגן קינדר צוקנעלן". ספר משלים לא - I. 1820

1735 " דר לנד גראב דינגט דען איילין שפיגל דש ער אים

זול זיין גנץ שלאס אויז מאלן גאר שין". איילין שפיגל, 7. 1856

ד י נ ג ע ן   ז י ך – אוסוו, פֿאַר געדונגען.

1. פירן א משא-ומתן צו באקומען א ביליקערן פרייז פאר
א סחורה אדער באדינונג.

1907 "מיין ברודער אליהו דינגט זיך מיט אים, נעמט מיין
1873 אויפגאַב און זאגט מיר, אז איך בלייב שוין דאָ".
שלום-עליכם, 8א, 20.

1943 " מעקלערס האבן געמעקלערט, הויזירער האָבן געדונגען זיך,
1879 שנאָרערס האבן געריסן נדבות". י.י. זינגער, 8, 190.

1948 " מען דינגט זיך שוין ווידער פאַר מערק און פאַר
1974 לענדער |...|". סעגאלאוויטש, 12, 123.

2. אמפערן זיך, ניט מסכים זיין.

1966 " און אנדערש, גאר אנדערש דאס זינגען טוט קלינגען,//
1878 ווי גלייך מיט זיין גורל טוט יעדער זיך דינגען".
האלקין, 4, 45.

פּוּל: א רענדל אַרויף, א רענדל אַראָפּ - אַבי זיך ניט געדונגען.

ד י נ ג ע נ י ש  –  דאָס, =ן. (ס׳רוב ביטלדיק, איראַניש)

דאָס דינגען זיך לאַנג, כסדר.

1900 " מען דאַרף אַזאַ חברה=מאַן אָנלערנען. עס ווערט אַ דינגעניש, דאָס הייסט דער עולם דינגט זיך". 1886

גאָרין, 4, 16.

1947 " ערשט אין 1812 איז נאָך לאַנגע אַסיפֿות און דינגענישן געלונגען די קהילות פֿון פֿירשטענשאַפֿט וואַרשע זיך 1888

באַפֿרייען פֿון דעם דאָזיקן שטייער". יזב 8, 13.

ד י נ ג ע ר - דער, ס. דער וואָס דינגט.

... " נאָר דער דינגער |פֿון דער אַרענדע| האָט זי נישט

1897 געוואַלט האַרכן ער זאָל קומען לדין". אנ, ספר דובר שלום,

II - 21.

1924 " מיט קללות, מיט קלאָגן ווערט ער נישט געשלאָגן,

1898 דער דינגער, דער קויפֿער, דער צווינגער". מ. ווינטשעווסקי,

פֿער 40, 17.

|| דינגערקע - ווע פֿון דינגער.

1960 " א פֿרוי א דינגערקע פֿלעגט אָנגערופֿן ווערן א

'קושעניירקע'". פֿער 155, IV/16.

ם דינגר.

1713 " דער גדינקלטר אונ' דער דינגר און דיא זיא שוחד גאבן

1896 צו העלפֿן אהן |...|". מחזור, 1, קעא - 2.

ד י נ ג ע ר יי - דאס, =ען. דאָס דינגען זיך, שפּאַרן זיך אַ סך.

1949 " שווער אַבער ווערט אויף דער נשמה, ווען איך

1899 דערמאָן זיך די מערק פֿון פּוילן |...|. פּויערים און

ייִדענעס מיט יענעם טײַערן ליאַרעם פֿון האַנדל און

דינגערײַ". סעגאלאוויטש, 10, 73.

379 די-

ד י ן = ד אַ ן - (אַנאַמ) קלאַנג פון א גלעקל אָדער פון אן אַנדער קלינגענדיקער זאַך.

[סוף 19טן י"ה] " עס קלינגט אַזוי טרויעריק // דין=דאַן

1906 און דין=דאַם! פרץ, ביי א פרעמדן חופה=קלייד, ז' 114.

ד י נ ד א ר נ י ע – אין דער פּראָזע:

ד קענסט קריגן די דינדאַרניע – קענסט לאַנג וואַרטן, ביז מען וועט דאָס דיר געבן, מאַכן |סטוטש 473|.

ד י נ ו ו ע נ ט ל ד י ק – אדי. וואס האט דינע ווענטלעך.

1926 " נאענט צו דער גלײַכער קישקע |ביי דער פראַש|

1915 ליגט א דינוווענטלדיק ווײַיס זעקעלע – דער אוריך=פענכער".

יאכינסאן, 3, 158.

ד י ן = ו ח ש ב ו ן |דין=וועכעזשבן| - דער. באריכט, ראפארט וועגן דורכגעמאכטע ארבעט, טעטיקייט.

% אפגעבן א דין = וחשבון. פאדערן א דין=וחשבון.

1832 " דאש נפש וועט דארפין געבן דין וחשבון אויף יענער וועלט". מחזור, 2, קיג/א. 1923א'

1907 " ביידע צוזאמען האבן זיי געשוועבט אין דער אומענדלעכקי
אומענדלעכקייט פון זייערע אידעאלן, נישט אפצוגעבן זיך 1923
דין=וחשבון, וואס זיי טוען". שלום=עליכם, 3א', 31.

1960 " זיי מוזן אבער פילן, אז עס איז דא עמעץ, וועמען
מען איז שולדיק א דין=וחשבון, אז עס איז דא עפעס אייביקס". 1930
ניגער, 10, 236.

ד י נ ו נ ג - די, בא. (עלט) דאָס דינסט, גאָטסדינסט.

1918 " והצלתי אתכם מעבודתם. איך וועל אײַך ארויסנעמען

1938 פון זייער דינונג, איר וועט ניט מער דינען די געטער

פון מצרים". זאַלער, 1, 102.

... " מיר זאָלן קענען דינען דײַן ריינע און הייליקע

1939 דינונג". מחזור, 6, 125.

ד י נ ט ש י ק - אדי/אדוו. (שש?) זייער דין.

1909 " ביי נאכט האט דער גאנצער 'הויף' אויסגעזען,

1947 ווי פארהאנגען מיט א דינטשיק=דין געוועב - א דימיון=געוועב".

וויעוויארקא, 1, 12.

1949 " קלינגט א קלויסטערל א צווייטער// קינדערש הילפלאז,

1949 דינטשיק=דין". י. רובינשטיין, 1, 97.

1948 1953 " אבי לאקשן זאלן זיין דינטשיק=דין". רויזענבלאט,29,7.

ד י נ י |דינײ| ~~א~~ ערשטער טײל פון צונױפהעפטן מיט

דיך !: דיני-נפשות א"א.

ד י נ י ט ש ק - אדי. זייער דיך.

1911 " דאס דיניטשקע ציטעריקע הייטל האט געהיט דאס
1959 אויג". אש, 1ד, 47.

1912 " אויף זייערע דיניטשקע גאָלדענע בלעכן |...|
1960 זענען מייסטערהאפט אויסגעקלאפט ווייַנטרויבן=שטאנגען".
ניגער, 1א, 24.

1964 " איך זע נאך דעם דיניטשקן פוק// אינעם ווינטיקן
1957 בלאז". ב. העלער, 2, 135.

ד י נ י נ ק - אדי. זייער דין.

1953 " דינינקע ישראל=ישראל=פעדעם האבן ארומגעשוועבט

1983 מיט א זיידענעם שימער". ברוסילאוו, 1, 70.

ד י נ י ע |הארטער ד׳| - די=ס. געוויקס (Cucumis melo וּוסנ) מיט א גרויסער, רונדלעכער אָדער לענגלעכער פרי מיט זיסער ווייכער קערלעך; ווערט קולטיווירט אין א באַשטאַן; מעלאָן. אויך א קירבעס.

1994 " דערנאָך האָב איך געמאַכט אַ לאַמטער פון אַ גרויסער אויסגעהוילטער דיניע". פרץ, 7, 282.

1986 1900 "עס וועט נאָך גיין א סדרה פון ווײַנשל, פון פלאָמען פון דיניעס און פון קאָווענעס". שלום=עליכם, 2ב׳, 17.

1987 1960 " אַ חודש שפּעטער וועלן שוין דאָ זײַן קאַווענעס, דיניעס". סיימאָן, 2, 52.

0 דיניע=קערלעך /קערן.

1889 1935 " |...| צעגראָבן און פאַרזעצט ארבוזן-קערלעך און דיניע=קערלעך". הירשביין, 5, 74.

דיניצע – די, =ס, פּפּ דוניצע ב׳.2 (פּד) אַ ברייטער

נידעריקער טאָפּ מיט צוויי אויערן, דער עיקער צו שמעלץ

טשאָלנט. % אַן ערדענע/אײַזערנע דיניצע.

1948 " איטשע=מאיר פֿאַרלירט זיך ניט, הויבט מיט איין

האַנט אויף ס׳הייסע טשאָלנט, נעמט אַרויס די שטאַרץ 2015

פֿון דער דיניצע". אַפּאַטאַשו, פּער 68, אויגוסט.

1956 " אין דער צווייטער פּיִערקע האָבן אויך געזאָטן אַ דיניצע

מיט קאַרטאָפֿל". אַקרוטני, פּער 169, סעפּטעמבער, ז׳318. 2017

1970 " |...| גענומען זיך פֿאַרען בײַם אויוון. זי האָט

אָנגעטאָפּט די דיניצע, וואָס האָט זיך געוואַרעמט". 2026

י. ערליך, 1, 11.

□ פּפּ: ער האָט אַ קאָפּ ווי אַ דיניצע – ~~צונעמען פֿאַר די~~

אײַנוווינער פֿון שטעטל סעמיאַטיטש אין ווײַסרוסלאַנד |דצוו|.

וועגן אַ נאַר [פּנ׳ 90, xxiii–2, 41].

סעמיאַטיטשער דיניצעס – צונעמען פֿאַר די.

פּוול: אז דער מאן איז א דיין איז דאס ווייב א דינײצע

|סטוטש 617|.

ד י נ י ש ק ע - ----> דענישקע.

ד י נ ל ע ר I - אדי. אפשוואך־פארמע פון דין; אביסל דין.

ד י נ ל ע ך !! - אדי. (עלט) וואס דינט, איז ניצלעך.

1870 " נאך איינע טיפערע פאליטישע אורזאכע איז דארט

2035 |אין פוילן| דינלעך דעם חסידותמוס". פער 177, נ׳6, !!!-44,

דיהנליך.

1739 " דיזו, (ספר) נוך איזט איין מאל אין קרימונא אין

2034 איטל:גדרוקט ווארדן מיט איין (פירוש)זוא אבר נור

פר (לומדים) דיהנליך". ספר מבחר הפנינים, הקדמה.

ד י נ ס ט I — די, =ן. א פרוי, א מיידל וואָס דינט
בײַ יענעם, פירט אויס פֿאַרשידענע שטוביקע אַרבעטן;
דינסטמיידל, משרתטע.

1864 " די וועלט האָט זיך שוין איבערצײַגט אַז ייִדן פּאַלט
נישט אײַן איבערצורעדן אַ קריסטלעכע דינסט |...| 2081
זיך מגייר צו זײַן". פער 177, נ' 34, 534.

1928 " ערשט שפּעטער האָבן זיך אַרויסבאַוויזן א פּאָר איבערג[illegible]
איבערגעשראָקענע דינסטן". קושניראָוו, 3, 24. 2053

1970 " ס'איז ניט געווען אַזוי לײַכט זיך אָפּצוהאַלטן.
מיר האָבן אַליין געהאַט א דינסט און כ'פלעג פֿריִער קומען 2065
צו איר באַנאַכט אין קיך". י.וואָרשאַווסקי, פער 155, II/13.

ד י נ ס ט II – די/דאס, בא. 1. דאס דינען אין דער ארמיי,

דאס אויספילן מיליטערישע פליכטן.

1878 "מען האט געהייסן אפלאזן אונדזערע פארשוינען פריי

2058 פונעם דינסט". מענדעלע, 16א, 118.

... " איינער א גענעראל האט אים א פרעג געגעבן |...|:

2123 צו וואס ווילסטו זיך איינגעבן אין דער דינסט?".

שלום=עליכם, 5א, 216.

1939 " דער עלטערער זון האט אפגעדינט זיין דינסט

2087 און געקומען צו פארן א העלד". פער 42, 83.

1970 " דער עלטערער ברודער אייזיק פארט קיין אויסלאנד,

2107 כדי אויסצומיידן דעם לאנגן מיליטער=דינסט ביי די רוסן".

יזב 7, 123.

2. צוויַיג פֿון אַרבעט אָדער באַדינונג, אויך דער אַמט, די אינסטיטוציע וואָס פֿירט אָן מיט דער דאָזיקער אַרבעט.

% אויסשפּיר-דינסט. די מעדיצינישע דינסט. מעטעאָראָלאָגישע דינסט. ציווילדינסט. רעגירונגס=דינסט.

1970 " די מענטשן פֿון |...| סאַניטאַרדינסט זענען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דער בלוטיקער שחיטה"; 2080

יזב 15, 832.

0 דינסט=פֿעיִק - אַדי. פֿעיִק צו אַרבעט.

∠7 דאָס אַקטיווע דינסט - דאָס דינען אין דער רעגולערער אַרמיי.

שטיין צו דינסט - זיין צו יענעמס דיספּאָזיציע,

טאָן א דינסט - זיין גרייט צו טאָן עפּעס פֿאַר יענעם. דזוו דפּוו.

שור: ביי א דינסט איז ניט גוט צו דינען - איינער וואס

דערגרייכט גדולה, איז מכביד אויף זיינע אונטערטעניקע.

אז די דינסטן קריגן זיך, ווערט די בעל=הביתטע געוויר

פון אלע גנבות - אז מען קריגט זיך, זאגט מען אויס סודות.

ם דינשט, דינסט.

.3<----

1676 " איין מלך הוט צווייא קנעכט איינר אלז אים ולייסיג

2073 איך זיינם דינשט |...|". ברנט שפיגל, פרק 6.

1713 " אז דש ווערק פון קלארן ציגלשטיין האט ער זיא

2042 אין אירן דינשט גהיט". מחזור, 1, 10 - 2.

.4 <-----

1544 " גוט יתברך דינסט האט איר אל מול גיטון".

2062 שמואל בוך, סטר׳ 868.

1752 " ניט צו הערן צו אן רייצר אונ׳ די וואש פר

2083 שטוסן פון גאטש דינסט". ספר עץ חיים, 3 - 1.

ד י נ ס ט א ג - ------> דינסטיק.

(?ב?) ם |דינסטבאַר| ד י נ ש ט ב א ר – אַדי. וואָס איז פּעיִק צו דינען.

1685 " דער מענש ווייז ניט וויא לאנג אַז מן רייך איז ווער ווייז ווי עש אירן קינדר ווערט גין דאז זיא ניט 2136
דינשטבארמוזן ווערן איין פרעמדי הענד". דרך הישר לעולם הבא, עמ׳ – 1.

1765 "דער לטינוס האט גשריטן מיט די איין וואונירז... אונ׳ הט זי צו דינשטבארי דינג גמאכט". יוסיפון,4,ד –ז׳ז–ז׳. 2135

|| דינשט בארקייט – אייגנשאפט פון זיין דינסטבאר.

1716 " ווערט אים לויבן מיט אלי מדות פון דינשט בארקייט אונ׳ ער קען קיין רעכטן דינשט טון". חובות הלבבות,1,ק – 1. 2140

ד י נ ס ט ב י כ ל - דאָס, =עך. (אין צאַרישן רוסלאַנד)

אַ דאָקומענט פֿון אַ דינסט מיט אינפֿאָרמאַציע וועגן

איר סטאַזש, באַלוינונגען א"א.

1886 " איז די דינסט אַוועקגעגאַנגען |...|. אירע זאַכן און

דאָס דינסטביכל האָט זי צוריקגעלאָזט |...|. האָט די בעל= 2141

הביתטע צו וויסן געגעבן דער פּאָליציי און צוגעשטעלט

דאָס דינסטביכל". פֿער 74, נ' 9, 139.

ד י נ ס ט ג ר יי ט - אַדי. |סטוטש 556|. וואָס איז
גרייט צו העלפֿן, צו טאָן אַן אַרבעט.

|| דינסטגרייטקייט - די, בא.

1936 " די קעניגין האָט באַוווּנדערט זייַן ריטערלעכקייט
2145 און דינסטגרייטקייט". צאַנין, 1, 25.

(?נ?) ■ |דינסטהאפטיק| ד י נ ש ט  ה פ ט י ג  – וואס איז
גרייט צו דינען.

1676 " איך אונזרר גמרא שטיט דז דיא ווייבר האבן דען
מאנן מוזין די ווייך זעלברט מיט וושיר מושין דז 2147
זיא זיך ליפליך אונ' דינשט הפטיג שטעלט".
ברנט שפיגל, 3, פרק א.

ם |דינסטהויז| ד י נ ש ט ה ו י ז - הויז פון קנעכטשאפט. (?ב?)

1679 " גידענקט אן דיזן טאג, אן דעם איר אויז מצרים,

אויז דעם דינשט הויז גיגאנגין זייט". י. בליץ, 2148

שמות יג, ג.

1716 " איך האב אויף גיבראכט אייך פון |מצרים| אונ'

האב אויש גיצוגין אייך פון דעם דינשט הויז". 2149

ספר המגיד, 3, כד - ד.

405 די-

ד י נ ס ט ו ו יי ב ל - דאס, =עך. (עלט?) דינסט, דינסטמיידל.

1864 " זי האָט מיט זיך געבראַכט אַ דינסטווייבל אָדער
2151 אַ פּאַקאַיופּקע". דיק, 19, 9.

1880 " גלייבט מיר, אייער דינסטווייבל אַז זי קאָכט עפּעס
2152 איז טאַקע זייער גוט צו עסן". ברוך שפּטרני, 1, 19.

ד י נ ס ט ו ר י ל י ק - אדי. |סטוטש 466| .

וואס איז גרייט צו דינען.

406/1 די-

ד י נ ס ט ו י ר נ ג - די. =עך. (נש) באַדינונג, סערוויס.

1949 "פאַרמיטלערס זייַנען די וואס שפּילן די ראָלע פון

פאַרבינדלערס צווישן פּראָדוצענטן און קאָנסומענטן פון 2150

גיטער און דינסטוירנגען |...|". פער 94א׳ !!!XXX, 65.

ד י נ ס ט = יִ ד ע נ ע - די, =ס. (עלט) דזוו דינסט.

1870 " מרדכי פיש=שמש און די דינסט=ייִדענע גייען

אַרויס אַקעגן". פּער 177, נ׳ 28, ד׳ - 205. 2131

ד י נ ס ט י ק – דער, =ן. פפ דינסטאג. דריטער טאג פון דער וואך.

"אנהייב |XIX| דינסטאג, דעם טאג דעם טאפלט גיטן// הייבן זיך אן די געסט צו שיטן". עטינגער, 3, 11. 2126

1951 " דער נס פון בטל מאכן די גזרה איז געשען אין א דינסטיק א' אדר שני שנת תקמ"ג (1783)". מ. ווישניצער, פער 106, 73. 2155

1962 " גלייבט דאס פאלק, אז 'דינסטאג איז א מזלדיקער טאג'".
~~גלייבט דאס פאלק, אז 'דינסטאג איז א מזלדיקער טאג'".~~ 2127
מ. בערשטיין, פער 155, 11/II.

פוּלוּ: דינסטיק איז א גוטער טאג.

נאך שבת דינסטיק – (איר) קיין מאל ניט.

ד י נ ס ט י ק ד י ק – אדי. שייכדיק צו דינסטיק, פון דינסטיק.

% ער איז ארויסגעפארן אין א דינסטיקדיקן פארנאכט.

ד י נ ס ט ל ע ך - אדי/אדוו. 1. פארבונדן מיט אויספילן א געוויסן דינסט, אמט; אמטלעך.

1973 " אין די וויינקע צוגן |...| זענען אין דער ערשטער

2160 ריי ארייגעלאזט געווארן אוניפארמירטע מיליטערלייט,

די וואס האבן |...| געקענט באווייזן, אז זיי פארן

דינסטלעך". פרייבערג, 1, 26.

ם דינשטליך.

2. באהילפיק, טויגעוודיק, דינעוודיק.

1716 " אונ' דיא חכמת בשמוש וועלכי דינשטליך איז אום

2162 פיל וועלטליכע זאכן צו פר שטין". חובות הלבבות, 1,א - 1.

ד י נ ס ט מ אַ ן - דער, ־ לייט. (עלט) דער וואָס פֿירט
אויס אַן אָפֿיציעלן דינסט. ער

1885 "די האַמבורגער פּאָליציי האָט אַפֿילו געשטעלט ביים וואָקזאַל
2165 אַ דינסטמאַן (פּאָליצייסקי) ער זאָל ניט לאָזן אַרייַנפֿאַלן
די עמיגראַנטן אין די הענט פֿון די שווינדלער".
פּער 74, נ׳ 2, 19.

ם
דינשט מן.

1544|?| " דעם אידילן גויטן מרדכי, דיינן דינשט מן,//
2166 דען וולט ער האב גיהנגין דארן. מגילה ליד, ש׳ 1286–1287.

ד י נ ס ט מ ו י ד - די, =ן. דזוו דינסטמיידל,

אפט פעיאָ אָדער ביטולייק.

1870 " ווי ערגעץ אַ דינסטמויד, אַ חסידישער יונגערמאַנטשיק,

2167 אַ משרת, אַ בעל-מלאכהלע - פלעגט צו אים אָנשלאָגן |...|".

פער 177, נ' 7, ו - 50.

1932 " מיט אַ יאָמער זיך די קאַץ ארומגעטראָגן |...|

2170 און די דינסטמויד מיך געשלאָגן". שטיינבארג, 1, 40.

413 די־

ד י נ ס ט מ ו י ד י ש - אדי. (שנש) שייכדיק צו א
דינסטמויד.

1927 " פון פשוטן דינסטמוידישן לידל ביז יהואש".

2173 י.מארק, פער 122.

ד י נ ס ט מ י י ד ל - דאס, =עך. פֿפֿ דינסטמויד.

1. דזוו דינסט !.

1881 " אַז עס קומט צו דיר אַ דינסטמיידל פֿרעגן אַ שאלה
2179 |...|, דאַרפֿסטו קודם-כל גוט באַטראַכטן דאָס מיידל
בטביעת עין של תלמיד חכם". דלוגאַטש, 2, 44.

1907 " און אַלע מאָל האָט דאָס דינסטמיידל פֿאַרגעסן אַרײַנוואַרפֿן
2177 צוקער |אין גלאָז טיי|". שלום=עליכם, 3א, 64.

1962 " ס'קומט אַרײַן שטיל, אין דעם ווײַסן פֿאַרטוכל,
2182 מיטן ווײַסן אייבערל אויפֿן קאָפּ, דאָס נײַע דינסטמיידל".
א. שעכטמאַן, פֿער 131, נ' 3, 18.

דינשט מייד. ם

2. שקלאַפֿין, שיפֿחה.

1679 " ווען איינר ווערט פור קויפין זיין טאכטר פאר

2176 איין דינשט מייט זוא זאל זיא ניט אויש גין, גלייך דיא

קנעכטן אויש גין". בליץ, שמות, כא, ז.

1743 " אונ׳ ער בפעהלט זיין דינשט מיידן |...| דש זי

2169 אים וואול זאלין אויף פאסין אונ׳ אויף ציהן ביז דז ער

ווערט גרוש ווערן". יוסיפון, 3, כה.

(?נ?) ם |דינסטמענטש| ד י נ ש ט מ ע נ ש - בנב.

1775 " דאש דינשט מענש וויל איבר דר פרויא הערשין// אבר אויז דיא טעפף קאנין זיא פלייסיג נאשין". 2187
איין שיין ליד פון די הנד ווערקש לייט, 49, 29.

1775 " דיא דינשט מיינשיר נעמט מאן אויך מיט אן הויז האלטונג מאכין זיא גרוש פרא פיט". דצוו, 49, 29. 2186

417 די-

ד י נ ס ט ש י י ג ע ץ - דער, ~שקצים | ~שקאַצים.

אַ יונגער קריסטלעכער דינער, משרת.

1911 " דער דינסטשייגעץ איז צו אים צוגעגאַנגען און

2196 אַרויסגעשטופּט אים אין דרויסן". ווײַסענבערג, 87,2.

ד י נ ס ט ש י ק ס ע - די, =ס. אַ קריסטלעכע דינסט
אָדער איראַניש וועגן אַ ייִדיש דינסטמיידל.

1929 " זײַן מאַמע איז די דינסטשיקסע, דו - דער משרת, ער
2197 וועט מיט אײַך ביידן שלאָגן כפרות". גאָלדפאַדען,4,אקט 1.

ד י נ ע - די, =ס. (פּיזיק) מאָס פון כוח

2199 די נייַע שול, ווילנע, 1920.

ד י נ ע ו ו ד י ק - אדי. |סטוטש 409| וואס קען דינען
ניצן צו עפּעס; טויג, געוודיק, נוצלעך.

ד י נ ע ן I - אוטוו, מיט דאטיוו.

1. זײַן א דינסט, אַ דינער, א משרת, אַרבעטן בײַ אַ בעל-הבית אין דער היים. % דאָס מײדל דינט בײַ דער גבירנטע.

1888 " בײַ איר איז געבליבן צו גײן אין דער פֿרעמד, דינען, פֿאַרדינען און אָפּדינען די ליבע עלטערן אין דער נויט". 2339

מענדעלע, 3, 12.

1900 "פֿון די רײַכע הײַזער, ווו זי האָט געדינט, האָט זי אַראָפּגעכאַפּט אַ געוויסן שניט...". ב. גאָרין, 4, 36. 2308

1958 " די צווייטע, פּערל, האָט געדינט בײַ אַ דאָקטער". 2240

פֿרידלאַנד, פּער 18, 18/IV.

2. זײַן באַשעפֿטיקט אויף אַ געוויסער אַרבעט, פֿיזישער אָדער אינטעלעקטועלער, פֿאַרבונדן מיט באַדינונג, סערוויס, ניט מיט פּראָדוקציע.

1865 " ער פירט זיי אלע ביי דער נאז, ער דינט שוין
3ען יאר בעזפאראק|ערלעך, פערפעקט|". 2266
פער 177, נ' 46, 700.

1875 " וואס קאן נאך עלנטער זיין אין דער וועלט אלס
אזוי איין גישעף (באשעפעניש), וואס דינט ביי איינער 2330
אנדערע פרוי אין קראם, דאס איז ווי די ווארהייט צו
זאגן איינע שאבאצענע|הינטישע|סלוזשבע". דיק,77,30.

3. אויספילן די מיליטערישע פליכט, זיין א מיליטער-מאן.

1906 " א פריץ, א טשינאווניק גייט אוועק אין אפיצירן;
א סוחר, א קרעמער דרייט זיך אויס מיט געלט פון 2223
סאלדאטן, און דינען דינט מער ניט ווי א נאש בראט
|אונדזער ברודער|". אנ, די מעשה פון פיער ברידער,20.

1921 " זיי אלע מוזן אוועקגיין מיט אים דינען אין

2328 איין פאלק אריין". בימקא, 2, 99.

1959 " האט מען אים געהאט צוגענומען פאר א סאלדאט ער

2245 זאל דינען אין דער ארמיי פון אפרים יאסל (פראנץ יאזעף)".

וויגאדא, פער 155, IX/27.

4. אונטערטעניק אויספילן געוויסע פליכטן פאר עמעצן,

אויספילן זיין ווילן. % דינען דעם קיסר.

... " מענדעלע איז אבער קליגער פון דיר, ער וועט דיך

2325 אין א גוטער שעה איינשפאנען, און דו וועסט אים דינען

וו"א כשרה בהמה!". מענדעלע, 22א׳, 18.

1947 " דער אָרדענונגס־דינסט אין טשענסטאָכאָוו האָט
2344 אויסגעפירט זײַן טרויעריקע ראָלע, דינענדיק די
דײַטשישע מאַכט=אָרגאַנען". קושניר, יזב 8, 223.

5. אַרבעטן לטובת הכלל, פֿאַרן ווילזײַן פֿון עפּעס, ברענגען נוצן פֿאַר געוויסע אידעען.

1917 " אויב איר וועט טרײַער און איבערגעבענער דינען
2341 די אינטערעסן, איז אדרבה, קומט און זעצט זיך וואָס
גיכער אויפֿן קאָפּ פֿון דער רוסישער אינטעליגענץ".
זשיטלאָווסקי, 6, 180.

1928 " זי לאָזט איבער אין זייער רשות |...| נאָר די ווערק,
2320 וועלכע 'דינען דער רעוואָלוציע'". ניגער, 4, 475.
1953 " איך |...| וועל דינען טרײַ די צילן פֿון דער
2262 קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און אויספֿירן בלינד אירע באַפֿעלן".
לידאָווסקי, יזב 3, 470.

6. אויספירן די פונקציעס, צו וועלכע עפּעס איז באַשטימט
(וועגן קערפּער-אָרגאַנען, זאַכן, אינסטרומענטן א"א).

1875 " ס'דינען ניט די פיס אים, שטעלן אָפּט זיך אָפּ//,
אָבער ס'פּליט, ס'טראָגט אים האַסטיק ווי-יט דער קאָפּ".
מענדעלע, 10, 73.

1963 " דער זיכּרון האָט מיר נישט געדינט, ווי כ'וואָלט
2253 געוואָרן צו דרייַסיק יאָר טעניל". באַשעוויס, פּער 155, 10/V.

7. זייַן באַשטימט פאַר/צו עפּעס.

1869 " אפשר וועט דער אַטשאַט |=באַריכט| באמת דינען
2311 פאַר א מוסטער איך אַנדערע אנשטאַלטן". פּער 177, נ'20,
!!! - 229.

1920 " צו שלח-מנות האבן געדינט: א פלעדל, א מלכות
2227 ברויטל, א המן-טעשל |...|". עלזעט, 2ב', 48.

1934 " אין דער גרויסער שטוב, וואס דינט פאר עסן און
2249 האנדל, שטייט איצט זלאטע געליגס וויב". אש, 13.

8. אױסדריקן פאזיטיווע באציונג צו גאט דורך פארשידענע
פארמעס פון קולט (מצוות, תפילה, א"ע).

1848 "אונ' אז צו דעם וואס פלייסט זיך גאט צו דינין
2293 וועט זיך אוף זאמלין דער שכר וואס ער מאכט אנדרי לייט
גירעכט אין פרום, צו דעם שכר וואס ער איז אליין און
א צדיק". חובות הלבבות, 3, 382.

1922 " די שול לערנט לעבן און ניט דינען, אפילו ניט
2288 דינען גאט אדער דעם אידעאל אדער דער נאציע וכדומה".
י. מארק, 2.

... "מענטשן זאָגן ער איז אַן איש-אלוהים, דינט דעם רבונו=של=עולם מיט רחבות". אפּאטאשו, 151,10. 2340

9. (װעגן עבֿודה זרה) פֿאַרגעטערן, פֿעטישיזירן.

% דינען צום הזהב/צום גאָלדענעם קאַלב. דינען צו דער זון, צו די שטערן.

פֿפֿ: דינען װי דער פּויער דעם פּריץ, װי יעקב פֿאַר רחלען, װי דעם מלכות, װי אַ זעלנער | י.מארק, פֿער 90,V-4-6 |.

דינען צום עגל=הזהב - 1. ----> ב' 9.

2. װעגן גײַציקייט, יאָגן זיך נאָך רײַכקייט.

לאָזט אײַך/זיך דינען! - הערט! הערט זיך אײַן!

1899 " לאז זיך, זייט זשע מוחל, דינען - זאגט ר' שלמה,

2305 זעענדיק אַז מיר ווילן אים איבערשלאָגן די רייד".

מענדעלע, 8ב'.

|?|1909 " שאַט, ברידערלעך, לאָזט אײַך דינען".

2287 שלום=עליכם, 7ד', 132.

שור: דער ארעמאַן דינט, דער רײַכער פאַרדינט.

זאלן אים די הענט דינען - ווינטשעוואַניע.

שבועה: (גלש) די פרײַ זאל מיר אַזוי דינען!

קללה: די הענט זאלן אים ניט דינען.

ם דינען.

.1 ←----

1595 " ווען איינש עני או ענייה איז אלט י׳ שנים אונ׳
2237 זיא וויל זיא ניט לאזין דינן, נעמט ער אודר זיא
קצבה". קראקעווער קהלה תקנות.

.4 ←-----

1697 " |...| איז נוך שולדיג צו טון דער גיטרייא קנעכט//
2205 דער זיין הערן וויל דינן רעכט". ספר משלים, ל - ז.

1743 "|...| דען אלי דיא איך ניצרש פון ירושלים דיא וועלן
2326 אויך דינן צו דיר אונ׳ זיא וועלן אונטר טעניג זייך צו
דיא רומיים". יוסיפון, 3, קעב - 2.

.8 ←----

1544 " אונ׳ שטרק וויא דיא לייווערן צו דינן גוט און ענד".
2321 שמואל-בוך, סטר׳ 869.

1610 " דער דא דינט הקב"ה מאהבה אדר דער הקב"ה דינט
מיראה". טייטש=חומש – מדרש, דברים ו, ה.

10. ארבעטן, באארבעטן.

1610 " אונ' ער פר זענדט אין גאט פון גארטן זענפטיגונג
צו דינן דער ערדן דא ער וואש גינומן פון דנן". 2219
טייטש=חומש, בראשית ג, כג.

ד י נ ע ן II - טרוו. |סטוטש 211|. מאַכן דין,

פֿלאַך (בלעך, מעטאַל).

ם
דינען.

... " וירד - און׳ ער דנטא, כמ׳ לרד לפניו גוים.

2342 רייכלין 8, מלאכים א׳ ו, לב.

1610 " און׳ זיא דינטן בלעך דז גולד און׳ גישניטן ועדים

2233 צו מאכן איך צווישן דער בלוא זייד און׳ צווישן דר פירפיל

זייד". טייטש-חומש, שמות לט, ג.

(?ב?) ם |דינען ַַַ| ד י נ ן - דרינען,דערינען.

1544 " איין מזבח וויל איך <u>דינן</u> בויאן צו אונזרם גוט".

2291 <u>שמואל בוך, סטר' 1783</u>.

1610 " אל, וואז <u>דינין</u> אין אין טמא". <u>טייטש=חומש</u> -

2204 <u>רשי, ויקרא, יד, לב</u>.

דינער! - דער, =ס,/מצ דז. 1. א מענטש וואס באדינט עמעצן; באדינער, משרת.

1927 " ...| און איך צו גאט ווי איין דינער דארף צו |...
2376 זיין הערן זייך". עלזעט, 2ד', 25.

1957 " א באזונדער דינער |...| פלעגט אים געבן עסן און
2364 אפהיטן די צייטן ווען געבן אים טרינקען".
י.י. שנייאורסאן, 1, קס"ה.

2. (פיג) דער וואס ארבעט לטובת א געוויסער אידעע אדער פילט אויס עמעצנס ווילן.

1964 " אפילו דער פרעזידענט פון דער רעפובליק איז ניט
2365 קיין בעל=הבית איבערן פאלק, נאר א דינער פון פאלק".
ב.צ. גאלדבערג, פער 69, 4/11.

1968 " די אקופאנטן וועלן באקומען זייער באצאלונג - אויך
2356 זייערע דינער די פוילישע פאליציי וועלן הענגען אויף די ביימער". ב. ארענשטיין, יזב 2, 822.

|| אלטאר=דינער - |סטוטש 618|. איינער וואס באדינט דעם גלח ביים אלטאר בשעתן דורכפירן די מעסע.

[7 שוו: דינערס זיינען געטריי אן זיי זיינען ניי|סטוטש 468|.

ם דינר.

.1 ←----

1544 " אל דש קוניגש דינר דיא מוישן אם טיש זיין".

2352 שמואל בוך, סטר' 485.

|סוף 17 י"ה?| " דען איין פאר נעמיר הער |...| זיך זעלבירט

2359 צום קיסר אויף גיווארפין, אונ' זיך איך גרושין אן האנג גימאכט אל דיא קייזירליכי דינר אויף זייני זייט גיבראכט". זכרונות גליקל האמיל, ז' 95.

.2 <-----

1610 " יצרההו ער היט אין אז שוורץ אפיל זיין אויג

(במדרש תנחומא) הק"בה היט זייני דינר אז דער מענש 2370

דר דא היט שווארץ אפפיל זיין אויג". טײַטש=חומש - מדרש,

דברים לב, י׳.

ד י נ ע ר II - דער, =ס. (אמ) הויפּטמאָלצײַט פֿון טאָג; מיטאָג.

1928 " דער דינער קאָכט זיך". לייוויק, 3א', 102. 2377

1956 " די ווײַבער וואָלטן געהאַט פֿון וואָס צו פּלאַפּלען בײַם דינער". באַשעוויס, פּער 38, נ' 23, 114. 2360

437 די־

ד י נ ע ר י ן - <u>די, =ס.</u> <u>ווע פון</u> <u>דינער!</u> .

1914 " זי האט ערשט דעם ווינטער פארלאזן דא די שטעל פון

2383 א שטענדיקער <u>דינערין</u>". <u>מ. ריבקין, 1, 243</u>.

ם <u>דינרין</u>.

1610 " אונ׳ זיא קאמן יונק ורויאן (אסתר) אונ׳ איר <u>דינרין</u> ".

2382 <u>טײַטש=חומש, אסתר 3, 3</u>.

ד י נ ע ר י ש ק יי ט - די, בא. (פּעיא) הכנעהדיקייט, קנעכטישקייט.

1972 " ווי אַזוי דאַרף מען אויסטײַטשן דעם ייִדס פֿאַרעקשנטן, האַרטנעקיקן בליק, מיט דער שפּלות און דינערישקייט, וואָס איז געפּאַלן פֿון די שטאַרקע, זקנישע ליפּן". 2384

ראָזענפֿאַרב, 1, 517.

439

די-

דינערן - טרוו. מאכן דינער, דין|סטוטש 211|.

דינערשאפט - די, בא. דער כלל דינערס, משרתים.

1850 "פון יענעם טאג אן האט ער אנגעהויבן צו ווערן א בן-בית, זיך צו באקענען מיט די לאקייעס, און די גאנצע דינערשאפט האט אים ליב געקראגן". 2393
פער 177, נ' 50, 758.

1930 "איז אף פארשיידענע וועגן אלץ ווייטער געפירט געווארן דער פראצעס פון צונעמען בא די פויערים זייערע ערד. מערסטן טייל פלעגט עס דערגרייכט ווערן דורך אריבערפירן די פויערים אין די פריצישע הויפן אלס דינערשאפט". טייטש, 4, 11. 2386

1951 "די פאליאקן האבן געהאלטן ליטע פאר א 'קרעסן=לאנד', פאר א מין קארידאר וווּ מען דארף זיך ניט צו פיל צערעמאניען מיט די מענטשן דארט, גלייך ווי מיט דינערשאפט". 2390
קאצענעלנבאגען, פער 106, 381.

ד י נ צ ן – דיאל פון דונצן/דונסטן.

2402

ם ד י נ ק - דזוו דינג (זיך). מה"ד: dinc

.... "כרקב - אז אײך װיל דינק. כמ׳ שם רשעים ירקב."

2405 רייכלין 8, איוב יג, כא.

ד י נ ק יי ט - די, בא. 1. אייגנשאפט אָדער מצב

פֿון זײַן דין.

1938 " ער האָט געוואָלט ארויסראטעווען די ייִדישע שפּראך -

2410 און דערמיט דאָס ייִדיש=דענקען פֿון דער שפּינוועבס=דינקייט

און דער גאָסן=קלאָנגיקייט". קאראלניק, 1, 148.

1964 " אַזאַ דינקייט |...| אַזאַ דינקייט און עלעגאַנץ אין לשון".

2409 מ. דלוזשנאָווסקי, פֿער 155, XII 26/.

2. במ. די קלענסטע פּרטים, דעטאַלן.

1947 " אָבער אפשר לוינט זיך דאָ ניט צו פֿאַרנעמען מיט

2412 אַזעלכע דינקייטן פֿון דעם שרײַבערס שפּראַך".

גראָס-צימערמאַן, פֿער 54, 22.

Triticum spelta

ד י נ ק ל – דער, בא. סאָרט ווייץ, ווסנ
פּפּ דינקלווייץ.

1881 " ווייץ, גערשטן, דינקל און האָבער קענען יאָ חמצדיק
2418 ווערן". שאצקעס, 1, 35.

1883 " פֿון גרויפּן טרעפֿט מען אינעם האַנדל עטלעכע מינים:
2419 א) גרינע גרויפּן (דינקלווייצן אדער שפּעלץ, אויף רוסיש
פּאָלבאַ) – געטריקנטע און האַלבפֿאַרטיקע קערן |...|".
פּער 74, נ׳ 50, 781.

(?נ?) ד י נ ק ל אַ נ ג - די, =ען. (שנש) דינער קלאַנג, דינע קלאַנגען.

1974 " שטילקייט |...| האָט א שטילקלאַנג/דינקלאַנג".

2413 טוזמאַן, 1, 111.

446 די־

די נקלווייץ – דער, בא. <------ דינקל.

447

די־

דינקע | ווייער נ׳ | – די, =ס. 1. פּקפּ פֿון דיניע.

1954 " ליטווישע, פּוילישע און רייסישע יידן האבן ניט
פֿאַרמאָגט קיין ווערטער פֿאַר ׳קענטעלאָפּ׳, ׳עגפּלענט׳, 2416
סקוואַש׳. דרום=אוקראַינער און בעסאַראַבער יידן האבן
יאָ געהאַט: דינקע, פּאַטלעזשאַן, קאַבאַק". מ. שעכטער,
פֿער 38, נ׳ 66, 237.

2. דאָס קערעלע פֿון דיניע. % קנאַקן דינקעס.

ד י נ ק ע ן – טרוו, פד. באַטייט זען אין דער ציטאַטע.

1965 " כ׳בין געווען פאַרבליפט, ווען כ׳האָב אַ מאָל אין
וואַרשע געהערט אַ ייִדענע זאָגן: ער דינקט מיך. 2422
דער טייַטש דערפון איז: איך מיין, איך גלייב, מיר דאַכט
זיך". מכּוח דעם ׳דינקט מיך׳ האָב איך איבערגעפרעגט
נוח פּרילוצקין (הי"ד). האָט ער באַשטעטיקט, אַז דאָס
וואָרט געפינט זיך אין פּויליש ייִדיש". א. צייטלין,
פּער 29/I,69.

........................................................
רעד: 1) אפשר איז אַרייַנגעפאַלן אַ טעות:
ניט "ער דינקט מיך", נאָר "עס דינקט מיך"?
2) ס׳קומט פון "דענקען"?
........................................................

די ן - ת ו ר ה | טוירע | - די/דער תורות/תורהס [טוירעס].
א פראצעס פאר א יידישן געריכט (ביי א רב אדער דיין)
% האבן א דין-תורה. פירן דין-תורות.

1868 " ער האט מיט איר געהאט דין-תורות, משפטים,
2440 פסקים, קאם וואס ער האט פון יאר ארויסבאקומען
דאס ביסל צירונג". דיק, 32.

1919 " אפילו אויף א דין-תורה ביים רב האט ער געהאט
2447 א רעכט צו רעדן אויף זיין אייגענעם לשון".
זשיטלאווסקי, 10, 41.

1927 " אט דער ר' כתריאל איז אין שטעטל |...| געווען
2450 א בורר, צו אלע דין-תורות האט מען אים גענומען".
י.י. זינגער, 4, 37.

1944 " האבן די גרעסטע יידישע גבירים אין ווארשע ביי
2445 אים אויסגעטראגן זייערע דין-תורהס און סכסוכים".
י.י. טרונק, 3, 105.

0 דין=תורה=געלט - די. אפצאל פארן בית-דין פאר דעם דין-תורה |עלזעט, 2ד, 68|. 2459

□ פפ: גערעכט ווי דער/די דין-תורה |סטוטש 362|.

ד י ן - ת ו ר ה ו ו ע ן |דין=טוירעווען| - אוטוו. (איז)

האבן א סך דין-תורות אדער פארלירן צייט אויף בין-תורות.

1874 " מיין פאטער האט זיך מיט אים געדין=תורהט,

אלץ ארויסגענומען פסקים דאס ער זאל מיר געבן

מזונות". דיק, 75, 45.

ד י ס א י ל ו ז י אַ נ י ר ו נ ג - <u>די, =ען.</u>

דאָס פֿאַרלירן די אילוזיע |אה.וו ווב|.

ד י ס א י ל ו ז י אָ נ י ר ן   –   טרוו. מיאש זײַן,

צונעמען אַן אילוזיע בײַ עמעצן |אהוו ווב|.

454  די8

ד י ס א י נ ט ע ג ר י ר ן  -  אדי. צעטיילן,

צעשפּאַלטן אַ גאַנצקייט.

... "דאָס איז איינער פֿון די שטאַרקסטע דיסאינטעגרירנדיקע

2467 פֿאַקטאָרן אין גרופּע=לעבן". ל. לעהרער, 94א׳, XX, 52.

455 די-

ד י ס א י נ פ י צ י ר ן - ----> דעזאינפיצירן.

די-

ד י ס א י נ פֿ ע ק ט י ר ן - ---- דעזאינפֿעקטירן.

ד י ס א י נ פֿ ע ק צ י ע - ----> דעזאינפֿעקציע.

דיסאָנאנס - דער, =ן. 1. (מוז) דאָס ברעכן
די האַרמאָניע; אומהאַרמאָנישקייט, דיסהאַרמאָניע.

2. (פּיג) ניט=איינשטימיקייט, ניט=קאָאָרדינירטקייט,
דאָס וואָס פירט אַריין אַ מחלוקת, אַ צעצווייטקייט.

1938 " מאַני לייב האָט געהאַט דאָס פיינע אויער, וואָס
האָט דערשפּירט דעם קלענסטן דיסאָנאַנס, דעם מינדסטן 2479
קריץ, און ער האָט עס אויסגעמיטן". מאַנגער, 417,2.

1959 " מיר דאַכט זיך |...| אַז די דיסאָנאַנסן אין
טאָלסטאָיס לעבן און שאַפן זיינען גאָר ניט געווען 2488
אַזוי טיף און אַזוי שאַרף ווי ער אַליין און אַנדערע
האָבן גערעכנט". ניגער, 9, 173.

1963 " בערטאַ קאַלישס עלעגאַנץ און פרישקייט זיינען
געווען און געבליבן אַ דיסאָנאַנס אין אונדזער געטאָ= 2483
ווייבערישקייט אויף דער יידישער בינע".
פּער 110ד׳, 2453.

ד י ס א נ א נ ץ - ----< **דיסאנאנס.**

ד י ס א נ י ר ן - אוטוו. |סטוטש 282|.

ניט זייַן האַרמאָניש, ברעכן די האַרמאָניע; דיסהאַרמאָנירן.

461 די-

ד י ס אָ פּ ר אָ ב אַ צ י ע - די, =ס.

פֿאַרבראַקירונג, אומהספּם |אוּװו װוּב|.

462 די־

ד י ס אַ פ ר אָ ב י ר ן – טרוו. פֿאַרבראַקירן, אָפּוואַרפֿן

|אהוו ווב|

463 די-

ד י ס א ר ג א נ י ז א צ י ע - ----> דעזארגאניזאציע.

ד י ס אָ ר ג אַ נ י ז י ר ן - ------ <u>דעזאָרגאַניזירן</u>.

(?נ?) ם |דיסאָרדער| ד י ס א ו ר ד ר - אומאָרדענונג?

1732 "בקל יוכל להסיק אדעתיה אין וואש גישטאלט

דיס אורדר אונט קונפוזיאן בדברים כאלה גישטעלט". 2510

אגרת שלמה, ט/א.

דיסהארמאניע - די, =ס. 1. דזוו דיסאנאנס ב'1.

1930 " דער דזשעז=ארקעסטער ברעכט אויס: א געמיש פון
2514 אומדערוווארטעטע טענער, א הארמאניע פון דיסהארמאניעס".
איינהארן, 7, 154.

2. דזוו דיסאנאנס ב' 2.

1912 " אין דעם ערשטן פאל איז דער רעזאנאנס א הארמאניע,
2520 א סימפאניע, אין דעם צווייטן - א דיסאנאנס, א דיסהארמאניע,
א פראטעסט". זשיטלאווסקי, 3, 119.

1951 " עשירות אין א יידישער שטוב איז ליטע האט אפט
2515 געריסן די אויגן מיט א דיסהארמאניע".
קאצענעלנבאגען, פער 106, 375.

1959 " נישט נאר אין פערזן, אויך אין איינפאכער פראזע
2517 האבן שעפערישע מענטשן |...| אנגעוויזן אויף א
דיסהארמאניע צווישן איינעמס לעבן און זיין שאפן".
ניגער, 9, 178.

ד י ס ה א ר מ א נ י ר ן - **אוטוו**. זיין אין א מצב פון

דיסהארמאניע, ברעכן די הארמאניע.

ד י ס ט אָ נ י ר ן - אוטוו. (מוז) אָפּנייגן פון ריכטיקן טאָן בײַם זינגען אָדער שפּילן אויף אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט.

ד י ס ט אַ נ ס י ר ן - אוטוו, פּפּ דיסטאַנצירן.

1. האַלטן אין אַ דיסטאַנץ, פון ווייטן.

1953 " פֿריינדשאַפט מיט וואַגנערן האָט ארויפגעלייגט

2546 באַשטימטע פליכטן, און צווישן זיי איז אויך געווען

די פליכט זיך צו 'דיסטאַנצירן' פון יידן".

ח. גרינבערג, 2, 187.

1958 " פונקט ווי אין אַשס 'שטעטל', ווערט אויך ביי סטאַווסקין

2529 דאָס בילד פון יידישן לעבן דיסטאַנסירט, אידעאַליזירט".

ר. אויערבאַך, פער 47, !!/5.

2. איבעריאַגן.

1966 " איך וואָלט זיך ניט געלאָזט דיסטאַנסירן".

2532 צאַנין, 1, 143.

ד י ס ט א נ ץ - די, =ן. מרחק צווישן צוויי פונקטן.

% אויף א דיסטאנץ פון א קילאמעטער. פון א געהעריקן דיסטאנץ.

1924 " זיך אליין האט ער ווונדערבאר דערבליקט אין

2534 א דיסטאנץ". פער 100ב׳, 38.

1948 " ס׳איז בא זיין פאלק פון בוך ביז שווערד נאך

2537 קלענער דיסטאנץ". מארקיש, 9, 17.

1952 "קינסטלערישע שאפונג פארלאנגט אפווייטערונג, דיסטאנץ,

2536 אפגעקילטקייט, ישוב הדעת". פערשלייסער, פער 166, ז׳׳ז׳/19.

ד י ס ט אַ נ צ י ע - די. (סאַוו) אַדמיניסטראַטיווער =
טעכנישער אָפּטייל פון אַ ים=, וואַסער= און אײַזנבאַן=וועג.

1932 " מיר - די בריגאַדע - טאָרן ניט אָוועקגייען פון דער
דיסטאַנציע". מעדרעש, 1, 28. 2543

ד י ס ט אַ נ צ י ר ן - ---> דיסטאנסירן, ב׳ 1.

ד י ס ט י ק – <u>דער, =ן.</u> (פּאָעזיע) סטראָפֿע פֿון צוויי פֿערזן.

ד י ס ט י כ א ן - דער, =ען. |סטוטש 382|.

דזוו דיסטיק |?|.

ד י ס ט י ל אַ ט אָ ר - דער, =ן. מכשיר צו סאַטילירן, לייטערן פּליסיקייטן.

ד י ס ט י ל = אַ פּ אַ ר אַ ט - דער, =ן. דזוו דיסטילאַטאָר.

478 -די

ד י ס ט י ל אַ צ י ע - די, =ס. אַקט פֿון דיסטילירן.

479

די-

ד י ס ט י ל י ר ו נ ג - די, =ען. אַקט פֿון דיסטילירן;

דיסטילאַציע.

1920 " וואַסער וואָס זאָל זײַן פֿרײַ פֿון אַלע זאַלצן אָדער

גאַזן,|...| קען מען נאָר באַקומען דורך דיסטילירונג". 2561

פֿײַנסטאָון, 1, 53.

ד י ס ט י ל י ר ט - אדי. געריייניקט, געלייטערט
(וועגן פליסיקייטן).

1956 " מ'זאל פאר אייך קאכן אלץ מיט דיסטילירט וואסער ".
פער 38, נ' 25, 211. 2565

ד י ס ט י ל י ר ן - טרוו. רייניקן, לײַטערן אַ פליסיקייט דורך אויסדעמפן.

... " תמיד גרייט צוצושטעלן |...| בראַנפן דיסטילירט
2568 פֿון ווייץ". ליפשיץ, פער 94א, XV! 1.

ם דישטולירן.

1728 " דש אליז |די קרייטעכער| קליין גשניטן אונ׳
2562 גישטויסן |...| אונ׳ גיס דריבר איין האלב זיידיל גוטן בראנטויין אונ׳ שטעל עז אין דיא זון |...| דריי אודר פיר טאג דישטולירן, זוא גיס דש קלארי אויבן אב אונ קאנשט עז ברויכן וויא אויבן שטיט". סגולות ורפואות, כג - II.

ד י ס ט י ל י ר ע ר – דער, =ס. ספּעציאַליסט צו דיסטילירן פליסיקייטן.

2. דזוו דיסטילאַטאָר.

ד י ס ט י ל ע ר י ע - <u>די, =ס.</u> ברויהויז, ברײַהויז.

ד י ס ט י נ ג י ר ט - אדי/אדוו. אַנגעזען, חשוב.

1949 "די ווײַבער, אויסגעפּוצטע און דיסטינגירטע,

2579 זײַנען געזעסן בײַ די טישן". י.י. טרונק,6,97.

1971 " דו ביסט אַליין און דאַך אין פײַנער, דיסטינגירטער

2580 געזעלשאַפט". נאַדיר, 14, 24.

1975 " בײַדע האָבן אויסגעזען זייער דיסטינגירט,

2576 חשובדיק און מיט שיינע מאַנירן". מ. דלוזשנאַוווסקי,

פּער 155, II/6.

485 די-

ד י ס ט י נ ג י ר ן - טרוו. אויסטיילן, הויכשאַצן עמעצן.

~~(דועגן מענטשן).~~

2575 ם דישטינגוואירן |חנוך לנער, 1774, כא - ו|.

ד י ס ט י נ ק ט - |סטוטש 51|, ----> דיסטינקטיוו.

ד י ס ט י נ ק ט י וו - אדי. אויסגעטיילט, באזונדער,
פארשידן.

1961 " דריי דיסטינקטיווע פעריאדן זענען דא אין דעם
2587 פראצעס פון נאצישער גוואלדהערשאפט". איבז א. פינעס, א. אדר
א. פער 38, נ' 6,42.

1962 " יידן דארפן בלייבן עקסיסטירן אין אמעריקע ווי
2586 א דיסטינקטיווע גרופע". ל. לעהרער, 94א, !!XL, 71.

ד י ס ט י נ ק צ י ע - די, =ס. הילוק, אונטערשייד, אנדערשקייט.

2. חשיבות, אנזען, פראמינענץ.

ם דישטינקציאן.

2589 1774 " דישטינקציאן, אונטר שיידונג". חינוך לנער, כא -ז.

ד י ס ט ל - דער, =ען/=ער. זגאַל מיטטגראָז,

mhd: distel . Carduus וו ס ב

% ביי די פלויטן וואקסן דערנער און דיסטלען.

1867 " מייַן אָרט וואָס איז פֿאַרוואַקסן מיט |...|

2601 דיסטלען און דאָרן". אנ, ישרי לב, טז/ב.

0 דיסטל=דאָרן - דער, ~ דערנער - דזוו דפוו.

1953 " ווי אַ וואַלד פֿון גרינע מנורות מיט פֿאַרבויגענע

2593 אָרעמס, וואַקסט דער דיסטל-דאָרן איין גאַנצן באַדעקט מיט

דרייַעקיקע, שאַרף שפּיציקע שטעכערס". פֿוקס, פער 38,נ׳42,16.

דיסטל=קרייַטעכץ - דער, =ער. דזוו דפוו.

1957 " |...| האָט ער געטראַכט, גראַבניק צווישן די דעכער

2615 און דיסטל=קרייַטעכצער". ברוסילאָוו, 2, 81.

ם
דיסטל, טישטל.

... " וכגלגל – און אזא קרטן, י"א און אזא טישטל,
2599 מיני קוץ". רייכלין 8, ישעיה יז, יג.

1650 " עש זייא איין עם הארץ אודר לערנר. אין אים אייטל
2600 דיסטלן און׳ דערניר". דרכי ציון.

1764 " מיט דר צייט ווערן זי זיך שטערקין און׳ ווערן צו דיר
2571 זיין גלייך דערנר און׳ דיסטילן". יוסיפון 4, עד – ?? – ?.

די ס ט ר אָ פ י ע - די, בא. (מעד) קראַנקייט, וואָס
באַשטייט אין שטערונגען אין געהעריקן באַשפּײַזן די
געוועבן און אָרגאַנען.

1929 " נישט איין מאָל וואָלטן זיך געלאָזן אויסמײַדן פֿאַלן
פֿון שווערער דיסטראָפּיע אָדער דעקאָמפּאָזיציע, ווען 2616
ס'וואָלטן געוואָרן אָנגעווענדעט די געהעריקע מישונגען
פֿאַר זויגקינדער". פער 72.

(?נ?) ם |דיסטריבואירן| ד י ש ט ר י ב ו א י ר ן - פֿאַרטיילן,
פֿאַרשפּרייטן.

2618 1774 " דישטריבואירן, איין טיילן". חנוך לנער, כא - ז.

ד י ס ט ר י ב ו ט א ר - דער, =ן. |סטוטש 265|

(פּד, עלט) טאַבאַק=הענדלער, טאַבאַטשניק.

ד י ס ט ר י ב ו צ י ע - די, ס=. 1. |סטוטש 479|,

פאַרטיילונג, חלוקה, פאַרשפּרייטונג.

1953 "ביידע זיינען זיי באַשעפטיקט אין דיסטריבוציע,

2621 און וועלכער מיר קאָנען זיך ניט באַגייען".

ה. גרינבערג, 2, 213.

2. (עלט, פּד) אַ קליין טאַבאַק=געשעפט.

1907 " נעכטן האָט מיך אַ שדכן אָנגעקוועפּירט זען אַ כלה,

2622/1 טויזנט גילדן האָט זי און אַ דיסטריבוציע אויף דער

מאַרקגאַס". מ. ארנשטיין, 1, 10.

... " די מיידל, אַ שטילע אַלמנה נעבעך, נערט זיך פון

2622 שטיקל דיסטריבוציע, וואָס זי האָט, מיט אַ ביסל נאַפּט".

ווייסענבערג, 13, 178.

דישטריבוציא.

.1 <-----

2624 1774 " דישטריבוציא, דיא אויז טיילונג". חנוך לנער, פי.

דיסטריקט - דער, =ן. 1. אדמיניסטראַטיווער אײנס:ראַיאָן, קרײַז.

1947 " דרײַ וואָכן שפּעטער איז פֿאַרגעקומען דער צווייטער גירוש פֿון פּילץ, פֿון גאַנצן קראָקאָווער דיסטריקט". יזב 8, 202. 2625

1951 " אין 1628 |...| זײַנען געווען בלויז דרײַ ייִדישע דיסטריקטן - בריסק, גראָדנע און פּינסק". פער 106, 186. 2626

2. שטאָטקוואַרטאַל, ווינקוואַרטאַל.

1970 " די ענגשאַפּט איז געוואָרן נאָך גרעסער דערפֿאַר, ווײַל די דײַטשן האָבן יעדן טאָג צוגענומען גאַסן, הײַזערבלאָקן פֿון דעם ייִדישן דיסטריקט". יזב 15, 814. 2627

3. אַרטיקער אָפּטייל פֿון אַן אָרגאַניזאַציע, אינסטיטוציע.

1947 " אין דער זעלבער צײַט איז ער אויך דיסטריקט־סעקרעטאַר

2633 פֿון די פּועלי=ציון און מיטרעדאַקטאָר פֿון דער שיקאַגער

אָפּטיילונג פֿון 'יידישן קעמפער'". יזב 8, II (406).

1970 " עס זענען אין יאָר 1908 ענטגילטיק איבערגעריסן

2629 געוואָרן די אָרגאַניזאַטאָרישע פֿעדעם מיט די ציוניסטישע

דיסטריקטן". פער 382,15.

(?נ?) 0 דיסטריקט=אַטוירני – דער, =ס. (אַמ) ראַיאָנער פּראָקוראָר.

1962 " ווי עס גיט איבער דער דיסטריקט=אַטוירני, האָט

2630 פֿרומאַן צוגעגנבֿעט בײַ זײַן אייגענעם טאַטן |...| סערטיפֿיקאַטן

פֿון א שותּפֿותדיקן פֿאָנד אין ווערט פֿון 31,954 דאָלאַר".

פער 69, II/31.

ד י ס י ד ע נ ט - דער, =ן. אַנדערשדענקענדיקער, אָפּאָזיציאָנער.

1949 " פֿאַר די ייִדישע דיסידענטן האָט די פֿראַגע ניט געהאַט
2637 קיין שום אינטערעס". 94א׳, !!!XXX, 102.

1973 " דאָס קלויסטער, וואָס האָט געהערט צו די דיסידענטן,
2635 איז אין 16טן יאָרהונדערט אומגעקערט געוואָרן די
קאַטאָליקן". פֿער 18, 54.

499 די-

ד י ס י ד ע נ ט י ש - אַדי. שייכדיק צו דיסידענט.

1949 " דאס איז ניט קיין רעאַקציע |...| קעגן אומצופרידענע

2639 |...| אָדער קעגן געוויסע |...| באַוועגונגען און

שטרעמונגען פון דיסידענטישן געדאַנק".

איבז בירנבוים, 1, 14.

ד י ס י מ ו ל א צ י ע - די, =ס. אקט פון דיסימולירן.

ד י ס י מ ו ל י ר ן - טרוו. פֿאַרשוויַיגן, פֿאַרלייקענען

אַ קראַנקייט אָדער אירע באַזונדערע סימנים.

ד י ס ל אָ ק אַ צ י ע - די, =ס. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דיסלאָקירן.

1961 " פֿון איין סאָציאַל-עקאָנאָמישן איינשטעל צו אַן אַנדערן ווערן זיין פֿרידלעכע, אָן אויפֿטרייסלונגען און דיסלאָקאַציעס". פֿער 69, XI-27. 2644

ד י ס ל אַ ק י ר ו נ ג - די, =ען. |אַהוו ווב|.

דזוו דיסלאַקאַציע.

ד י ס ל אַ ק י ר ן - טרוו, פֿאַר דיסלאַקירט.

איבערשטעלן, איבעררוקן, פֿונאַנדערטיילן עפּעס/עמעצן פֿון

איין אָרט אויפֿן צווייטן אָדער אויף פֿאַרשידענע ערטער.

1970 " מיר האָבן אָנגעהויבן אויפֿצושטעלן באַראַקן, אין

2645 וועלכע מ'האָט אונדז דיסלאַקירט". יזב 7, 352.

ד י ס ס אַ צ י אַ צ י ע - די, =ס. צעשייד, צעפּאַל, צענעם.

% טערמישע דיססאַציאַציע |בעמיע, סטוטש 218|.

1927 " דער היפּנאָז איז אַ באַשטימטער צושטאַנד פון

אונדזער מוח, בשעת עס הערשט ווי אין חלום אַ פולקומע 2501

דיססאַציאַציע פון די מחשבות". פּער 151, נ׳ 8.

506 די-

ד י ס ס אַ צ ִי ִי ר ו נ ג - די, =ען. דזוו דיססאַציאַציע.

1935 " אויב די עלעמענטן זײַנען זיך גוט צונויפֿגעוואַקסן,

באַקומט זיך דאָס וואָס מען רופֿט 'האַרמאַנישע' אָדער

'אינטעגרירטע' פּערזענלעכקייט. אין עקסט אומגליקלעכע

פֿאַלן האָבן מיר אַ פּולקע דיססאַציירונג".

מ. ווײַנרײַך, 5, 126.

ד י ס ס י מ י ל אַ צ י ע - די. =ס. צעפאל פון צוזאמענגעזעצטע ארגאנישע שטאפן.

508

די־

ד י ס ס י מ י ל י ר ן - טרוו. (ביאלאגיע) גורם זײַן דאָס צעפֿאַלן פֿון צונױפֿגעזעצטע אָרגאַנישע שטאָפֿן אין פּראָצעס פֿון פֿאַרדײַען.

ד י ס ע נ ט ע ר י ע - די, בא. |אויוו ווב|.

----> דיזענטעריע.

ד י ס ע ר ט אַ נ ט - דער, =ן. דער וואָס שרײַבט אַ
וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט (דיסערטאַציע) צו באַקומען דעם
אַקאַדעמישן טיטל דאָקטאָר; דאָקטאָראַנט.

ד י ס ע ר ט אַ צ י ע - די, =ס. וויסנשאַפטלעכע אַרבעט צו באַקומען דעם אַקאַדעמישן טיטל דאָקטאָר פון וויסנשאַפט (אין סאָוועטן=פאַרבאַנד - פון אַ 'קאַנדידאַט').

1865 " שוין לאַנג האָט ער אָנגעשריבן זיין דיסערטאַציע, 2655 נאָר דורך זיין גרויסער התמדה אין אים אַלץ אַ שאָד געווען זיך צייט צונעמען זי צו פאַרטיידיקן". פּער 177, נ' 396,26.

1951 " זיין לאַטייניש דיסערטאַציע איז געווען די 2653 ערשטע מעדיציניש דיסערטאַציע וואָס איז בכלל געווען געדרוקט אין ווילנע". פּער 106, 693.

1970 " רינגעלבלום האָט באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פילאָסאָפיע 2656 אויפן סמך פון זיין דיסערטאַציע וועגן דער געשיכטע פון ייִדן אין וואַרשע בעת דעם מיטלעלטער". יזב 15, 648.

**ד י ס פ אַ ז י צ י ע** – <u>די.</u> 1. נייגונג, נטיה.

1953 " די מאַנו געזעצן באַשטראָפן ניט אַזוי פיל דעם |...|
מאַטעריעלן אינהאַלט פון דעם פאַרברעכן |...|, ווי 2671
דעם ווילן אָדער די **היספּאַזיציע** צו טאָן שלעכטס".
<u>ח. גרינבערג, 1, 18.</u>

2. פאַראָרדענונג, אָנווייזונג עפּעס צו טאָן.

◊ (~~מיט די ווערבן~~ <u>האָבן, זיין, שטעלן)</u> צו דער דיספּאַזיציע

**צו דער דיספּאַזיציע פון עמעצן** – אין רשות פון עמעצן, גרייט
צו טאָן עפּעס פאַר יענעם.

1968 " אַ יידישער דאָקטאָר פון לאָדזש האָט צו אונדזער
**דיספּאַזיציע** געשטעלט זיין אויטאָ". <u>יזב 2, 589.</u> 2670

1970 " די אַרבעט פון דעם יודנראַט איז באַשטאַנען |...|
אויף צוצושטעלן אַרבעטסקרעפטן **צו דער דיספּאַזיציע** 2669
פון די דערמאַנטע אָרגאַנען". <u>יזב 15, 810.</u>

ם

## דיספאזיציאן.

1732 " תוך כתבו מן דאטום הבי גערן גייני גוטי

2661 דיספאזיציאן פרנומן זיין וואול ער גיהן מיך ערפרייאט".

אגרת שלמה, יז/א.

514 די-

ד י ס פ̇ אַ ט ש ע ר - (אויוו ווב). דזוו דיספעטשער.

דיספּאַנירן - אוטוו. (מיט דער פּרעפּ מיט)

האָבן אין רשות, באַניצן זיך (מיט עפּעס).

% דיספּאַנירן מיט געלט.

1951 " די מעדיצין דיספּאַנירט הייַנט צו טאָג מיט אַ ריי

זייער ווירקזאַמע מיטלען |...|". פּער 152, נ' 1 - 2. 2694

1973 " די מאַטעריאַלן בנוגע דער אויסזידלונג פֿון ייִדן

פֿון פּשיטיק, מיט וועלכע מיר האָבן דיספּאַנירט, האָבן 2681

מיר איבערגעגעבן גלײַך נאָך דער באַשטעלונג".

יזב 18, 277.

ם דיספּאַנירן.

1732 " זוא וואול ענגלישי אלש אויך איטאליאנישי סחורות

|...| אין אן זעהנליכי קוואנטיטעטן אונט ביליכין 2686

פרייזן אן יעצא אצלי דיספאנירן קאן".

אגרת שלמה, ג/ב.

ד י ס פּ אַ נ ס ע ר – דער, =ן, פּפּ (אַם) דיספּאַנסערי.

אַ מעדיצינישע אינסטיטוציע וואָס פֿאַרנעמט זיך דער עיקר מיט דער פּראָפֿילאַקטיק פֿון קרענק (טובערקולאָז, ווענערישע קראַנקייטן א"א).

1915 " גיטל איז מיט אים גלייך אַוועק אין אַ נאָענטער

2756 דיספּאַנסערי, גענומען אַ רפואה און גענומען מיט מזל געבן דעם קראַנקן". ליבין, 1, 107.

1928 " ס'זיינען נאָך דערווייל נאָך ווייניק פֿאַרשפּרייט

2702 די טובערקולאָז=דיספּאַנסערן מיט זייערע הויפּ=פּאַטראָנאַזשן |...|". פּער 71, II/15.

1974 " אין יאָר 1934 |...| איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ

2692 פֿאָלקס=קליניק – אַ דיספּאַנסער, וואָס זאָל באַדינען |...| די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג פֿון פּאַריז". יזב 17, 451.

דיספוט - דער, =ן. וויכוח, דיסקוסיע, ס'רוב לגבי פּאָליטישע, רעליגיעזע, וויסנשאַפטלעכע מיינונג=פאַרשיידנהייטן.

% אַנהייבן א דיספוט. אַריינלאָזן זיך אין א דיספוט.

1905 " אונדזער דיספוט, ליבער ברודער, לאמיר אפלייגן אין א זייט". אלפעראוויץ, 1, 39. 2713

1932 " דער קלוב האָט דאָס הייַנט אָרגאַניזירט א דיספוט וועגן דער פֿאַרשטעלונג 'פֿאָן' ". פער 61, 61. 2706

1973 " דאָ איז נישט דער פּלאַץ פאַר רעליגיעזע דיספוטן". יזב 18, 226. 2715

□ דישפוט.

1743 " אונ' אך האב איך איין דישפוט גהאט מיט איין בישוף אויף די גאס". שארית ישראל, קיג. 2717

1774 " אונ׳ היפש אורדענטליך בוך הלט מיט הוצאה אונ׳

2711 קבלה דז דוא מיט דייני לייטן איך קיין דישפוט קומשט".

חנוך לנער, ט - יז.

519 די־

ד י ס פּ ו ט אַ נ ט - דער, =ן. דער וואָס פֿירט אַ דיספּוט.

ד י ס פּ ו ט א צ י ע - די, =ס. |סטוטש 324|.

דזוו דיספּוט.

דיספוטירן — **אוטוו.** פירן א דיספוט.

1894 " געבילדעטע לייט האבן זיך ווי פריער מפלפל געווען

2723 אין געזעלשאפטן און מיט פייער גערעדט, **דיספוטירט**

וועגן וויכטיקע זאכן". ב. גארין, 2, 3.

1926 " מיר פלעגן רעדן, דיספוטירן// און אפט מאל שווייגן

2740 זייער לאנג". סעגאלאוויטש, 8, 85.

1951 " וועגן צוויי תנאים פון דער משנה אדער אמוראים

2731 פון תלמוד **דיספוטירן** איבער א פראקטישער הלכה |...|,

מוז מען רעדוצירן זייער **דיספוט** צו א לאגישן יסוד".

פער 106, 607.

□ **דישפוטירן.**

1739 " אונ׳ לאזי ניט בייא דיר איין (חברותה) פון

לערנין |...| צווייא לייט די דישפוטירן נור איינר דעם 2735

אנדרן צו איבר ווינדן". ספר מבחר הפנינים, נד - ד!.

1743 " דאר האט ער צו זיך גרופין איין פליסוף |...|

אונ׳ האט מיט אים דישפוטירט". שארית ישראל, לב. 2726

דיספּליי – <u>דער, =ען.</u> <u>(קאָמפּיוטער=טעכניק)</u>

טייל פֿון קאָמפּיוטער=סיסטעם אין דער פֿאָרעם פֿון א טעלעוויזיע=עקראַן, וועלכער ווײַזט, וואָסער מאַטעריאַל מען פֿירט אַרײַן אין קאָמפּיוטער און וואָס דער קאָמפּיוטער גיט אַרויס.

ד י ס פּ ע ט ש ע ר – דער, =ס. פֿאַראָרדנער פֿון באַוועגונג אויף אַן אײַזנבאַן=סטאַנציע.

1961 " וועגן עשעלאָנען |...| וואָס שטייען בײַ אים אויף דער קנופּ=סטאַנציע: דיספּעטשער! פֿאַרוואָס נעמסטו ניט צו בײַ מיר די סאָסטאַוון?". בערגעלסאָן, 18, 660. 2748

די ספּענסאַציע - די,=ס. דאָס באַפרייען
פון געוויסע התחייבותן.

1974 "דאָס אַליץ קען זיין אַ התחלה פון אַ נייער דיספּענסאַציע
2752 און מיט דעם אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון
אונדזער לאַנד - לטובה". פּער 46, נ' 4, 46.

ד י ס פּ ע פּ ט י ש - אדי/אדוו. שייכדיק צו דיספּעפּסיע (אויך פיג).

1935 " ער איז יונג=פּאַרעלטערט, דין ווי אַ נאָדל און

2759 דיספּעפּטיש=זויער". נאַדיר, 8, 96.

1956 " דיין גאַנצע געשיכטע איז דיספּעפּטיש".

2760 גלאַטשטיין, 1, 22.

ד י ס פּ ע פּ ס י ע - די, בא. אויסטייטש זען אין דער ציטאַטע.

1929 " איין פאַרמע [פון מאַגן=און געדערים=קראַנקייטן ביי זויגקינדער], אַ לייכטע, באַשטייט פּשוט אין דעם, וואָס מען 'מאַכט קאַליע דעם מאַגן' מיט וועלכער עס איז שפּייז |...| אַזאַ קראַנקייט רופן מיר דיספּעפּסיע". 2762

פער 151, נ' 13.

ד י ס פּ ר אָ פּ אָ ר צ י ע – די, =ס. ניט=פּראָפּאָרציאָנעלקייט,

דאָס פֿעלן פֿון פּראָפּאָרציע.

דיספונקציע - די, =ס. דעפעקט אין דער טעטיקייט פון די אָרגאַניזם=פונקציעס.

1930 " ביי אַ |...| בײַ אַ דיספונקציע פון אַ פונקציאָנעלן (ניט-אַנאַטאָמישן) אָרגאַן טרעט אויף אַ' דיספונקציע 2742
פון אַן אַנדער פונקציאָנעלן אָרגאַן". פער 70, נ' 1 - 2.

ד י ס צ י פּ ל י ן ! - די, בא. א פעסטע אָרדענונג,
אַ באַשטימטע סיסטעם פון כללים, צו וועלכע עס דאַרפן
זיך אונטערוואַרפן אַלע מיטגלידער פון אַ געוויסן
קאָלעקטיוו. % שטרענגע דיסציפּלין. האַלטן עמעצן אין
דיסציפּלין.

1932 "די חברה |פּיאָנערן| וועלן זיך צולערנען צו שטענדיקער
דיסציפּלין און וועלן עס אַריבערטראָגן שפּעטער אין 2773
זייער אַרבעט". מעשטשינסקי, 1, 6.

1944 " אין יענער צייט איז דאָס געוועזן איינע פון די
גרעסטע רעוואָלוציעס אין דער רוסישער אַרמיי, שיער 2779
ניט אַיין איינברוך אין דער גאַנצער קאַזאַרמער דיסציפּלין".
שניאור, 8, 133.

531 -די

1970 "די גלחים איז נישט געפעלן געוואָרן מ'זאָל ברעכן די

2777 דיסציפּלין און זיי האָבן געדרוקט אויף מיר איך זאָל

זיך אויסטאָן און באָדן". יזב 7, 369.

/7 אייזערנע דיסציפּלין – זייער שטרענגע דיסציפּלין.

דיסציפּלין II - די, =ען. אַ צווייַיג פֿון וויסנשאַפֿט, אַ לימוד.

533 די־

ד י ס צ י פּ ל י נ אָ ר - <u>אדי</u>. פֿאַרבונדן מיט דעם ברעכן

פֿון דיסציפּלין <u>I</u>. % <u>דיסציפּלינאַרע</u> שטראָף.

ד י ס צ י פּ ל י נ אַ ר י ע – די, =ס. (עלט) שטראַפֿהויז, תּפֿיסה.

1972 " |...| בייטל=שניידער, וועלכער איז פֿאַר זיינע מעשים טובֿים אַריינגעפֿאַלן אין דיסציפּלינאַריע". 2789

קאַצײַזנע, 4ד', 24.

ד י ס צ י פּ ל י נ י ר ט - 1. <u>פּאַר פֿון</u> <u>דיסציפּלינירן</u>.

2. <u>אַדי/אַדוו.</u> צוגעוווינט צו היטן די כּללים פֿון דיסציפּלין.

1949 " צום ערטשן מאָל אַ יִידישע שטאַט נאָך צוויי טויזנט יאָר, און וויפֿל אָרדענונג, ווי <u>דיסציפּלינירט</u> מ'שטייט אין דער ריי אַרײַנצוגייען אין אויטאָבוס".

<u>סעגאַלאָוויטש, 10, 33.</u>

1961 " זי איז אַ <u>דיסציפּלינירטע</u> פּאַרטייערין".

<u>בערגעלסאָן, 18, 648.</u> 2794

ד י ס צ י פ ל י נ י ר ט ק י י ט – די, בא. אייגנשאַפט אָדער מצב פון זײַן דיסציפּלינירט.

1928 " ניט געקוקט אויף זײַן דיסציפּלינירטקייט, האָט ער דאָך אין דעם גענעראַלס אַנוועזנהייט נערוועז געצופּט זײַן לײַקענע הענטשקע". קושניראָוו, 3, 52. 2796

1930 " ווען איך זע צום בײַשפּיל א דיסציפּלינירטע מאַסע אין דײַטשלאַנד אָדער ענגלאַנד, דען פֿאַרשטיי איך עס – עס איז אַן אויסדרוק פון קולטור, פון דערציִונג, אַן אינערלעכע דיסציפּלינירטקייט". איינהאָרן, 7, 52.

537 די־

דיסציפּלינירן - טרוו. צוגעווינען צו דיסציפּלין.

ד י ס צ י פּ ל י נ ל אָ ז – אדי/אדוו. אומדיסציפּלינירט.

|| דיסציפּלינלאזיקייט – די, בא. אומדיסציפּלינירטקייט.

539 די-

דיסציפּלינירן זיך - אוטוו. צוגעוווינען זיך צו דיסציפּלין.

1927 " דער לייענער מוז זיך אַליין דיסציפּלינירן און, אַזוי צו זאָגן, אויסמושטרירן זיין אייגן לשון".

י. מארק, פּער 122.

2799

ד י ס ק – דער, =ן. 1. אַ פלאַכע רונדע פּלאַסטינקע
(פון האָלץ, מעטאַל, פּלאַסטיק אד"ג).

1964 " |...| האָט ער נאָכגערופן זײַן געהילף, וואָס האָט
געדרייט דעם דיסק פון טעלעפאָן". י. שיין, 1, 151. 2812/1

1972 "דער דײַטש האָט פאַרלאַנגט פון ד"ר לעווין, ער זאָל
אים דערלאַנגען דאָס דאָקטאַרסקע היטל, און האָט עס ווי 2804
אַ דיסק אַ שלײַדער געטאָן איבער די קוסטעס".
ראָזענפאַרב, 3, 275.

2. אַ מאַגאַזין מיט פּאַטראָנען אין אַן אויטאָמאַטישען ביקס
אָדער אין אַ לײַכטן קוילן=וואַרפער.

1947 " קוילן דרעבענזשען אין די דיסקן". דאַבין, 1, 264. 2812

1948 " און דאָ, אין סאַמע נײַטיקן מאָמענט, – סטאָפּ:
דער דיסק פונעם קוילן=וואַרפער האָט זיך פאַרהאַקט". 2810
פער 44, נ' 2, 41.

3. (אמ) שדרה, וואַרבל.

1968 " איין דאקטאר נאגט, אז ס'איז ביי מיר א דיסלאקירטער

2806 דיסק אין רוקנביין". באשעוויס, פער 169, מערץ-אפריל,

!!/~~41.~~ 125.

4. (פאטעפאן) =פלאטע.

5. (ספארט) א שווערער מכשיר אין פארעם פון א דיסק,
געניצט צו ווארפן אין דער ווייט.

0 דיסק(זס) =ווארפער - דער, =ס. (ספארט) א ספארטסמאן,
וואס פארנעמט זיך מיט דעם ספארט פון ווארפן א דיסק/דיסקוס.

ה הארטער דיסק - טייל פון קאמפיוטער אויף צו האלטן,
אפהיטן די פראגראמען און די אינפארמאציע.

540 די-

ד י ס ק אָ ט ע ק - די, =ן. 1. מיט מוזיק פון [crossed out]
גראַמאָפאָן=פּלאַטעס.

2. ביבליאָטעק פון גראַמאָפאָן=פּלאַטעס.

1970 " ווו איז זי נאָר, די פּלאַטע? זוכט זי אויס, זי
דאַרף זיך געפינען אין זיין דיסקאַטעק". זוהר, 1, 20. 1816

541 די-

ד י ס ק אָ ל אַ ר י ר ן - טרוו. אַוועקנעמען דעם קאַליר, אויסבלייכן.

דיסקאַנט - דער, =ן. 1. הויכע קינדערשע שטים, בערך ווי פֿון אַ סאָפּראַן בײַ פֿרויען.

2. דער וואָס זינגט מיט אַזאַ שטים.

דיסקאַנט - דער, בא. 1. דאָס קויפן אָדער נעמען פאַר א משכון א וועקסל.

1900 " ווען ה"ו די סחורה ווערט פאַרקויפט אויף א וועקסל, רייַסט נאָך דער פראַצענטניק אָפּ די הויט פאַר דיסקאַנט". 2819
איש יהודי, פער 37, נ' 2.

1923 " |פון אַן אַנאַנס|: מאַכט אַלע באַנק=אָפּעראַציעס:|...| אַנווייַזונגען און אַקרעדיטיוון אויף אַלע שטעט, דיסקאַנט". 2821
פער 151, נ' 1.

1956 " דערווייַל איז יעדער פויער דאָ ביַי אים אין פּויסט, און יעדער פויערטע ביַי אים אויפן דיסקאַנט זיך צאַפּלט". 2822
מארקיש, 10, 236.

2. הנחה, רעדוקציע |סטוטש 503|. % געבן א דיסקאַנט

~~|סטוטש 503|.~~

|| **דיסקאנטבאנק** - די, ~, בענק. א באנק, וואס פארנעמט זיך מיט דיסקאנטירן וועקסלען.

**דיסקאנטא=באנק** - דזוו דפוו.

1884 " און דאך גייען נאך דווקא רוסישע סוחרים געלטגעשעפטן מאכן מיט דעם באנקהויז ג... און דער דיסקאנטא=באנק". 2825

פער 74, נ' 23, 360.

די סקאַנטיאַר - דער, =ן. (רוס) דזוו דיסקאַנטירער.

1887 " |די וועקסל=סומעס| זענען געוואַקסן ווי אויף

2828 הייוון ביז די דיסקאַנטיארן איז נימאס געווארן בייטנדיק

|דעם טערמין| און וואַרטנדיק, און זיי האָבן געלאָזט

פּראָטעסטירן די וועקסלען". פער 74, נ' 52, 927.

1936 " קיין האַנטווערקער=וואַרשטאַט, קיין האַנדלס=

2829 אונטערנעמונג איז ניט געווען ביכולת צו באַצאָלן |...|

די גרויסע פּראָצענטער, וועלכע ס'האָט געפאָדערט דער

פּריוואַטער דיסקאַנטיאַר אָדער וואַכערדיק". ב. האַלפּערין, 10,2.

546 די-

דיסקאַנטיראַווסשטשיק - דער, =עס. (רוסיש)

דזוו דיסקאַנטיר; זען אויך ציטאַטע.

1885 "דאָס איז |...| דער דיסקאַנטיראַוושטשיק, אַ מענטש

פֿון אַ באַנק וואָס צאָלט אָפּ געלט אויף וועקסלען איידער 2831

טערמין (סראָק) ענדיקט זיך און נעמט פֿאַר דעם אַ געוויסן

פּראָצענט". איבז ראַווינסקי, 1, 6.

ד י ס ק אַ נ ט י ר ן - טרוו. 1. קויפֿן אָדער נעמען
ווי אַ משכּן אַ וועקסל, וואָס איז אויסגעשטעלט אויף אַ
שפּעטערדיקן טערמין, אַראָפּרעכענענדיק דערבײַ אַ געוויסן
פּראָצענט פֿאַר באַדינונג.

1885 " זײַט אַזוי פֿיל גוט און קומט מיט מיר צום מענטשן
2843 וואָס האָט אײַך דעם וועקסל דיסקאַנטירט".
איבז ראַווינסקי, 1, 9.

1922 " צי קאָן אַ לײַ=און שפּאָר=קאַסע דיסקאַנטירן וועקסלען
2835 ניט פֿון מיטגלידער? בשום אופֿן ניט". ב. האַלפּערין, 1, 38.

1952 " די האַנטווערקער=באַנק |...| האָט דיסקאַנטירט
2839 די וועקסלען פֿון די בעלי=מלאָכות פֿאַר אַ נידעריקן צינז".
יזב 12, 286.

2. נעמען אין אכט, אין באטראכט.

1933 " פארוואס האסטו ניט דיסקאנטירט די דאזיקע
2836 ענדערונג אין די מוחות?". גאדינער, 2, 221.

1954 " דער אויפגעלעבטער אינטערעס צו פועלי-ציון אין
2832 שטאט און אין ראיאן |...| איז ווי געהעריק דיסקאנטירט
געווארן". יזב 10, 154.

549 די-

דיסקאַנטיר (ער) – דער, =ן. דער וואָס פֿאַרנעמט

זיך מיט דיסקאַנטירן וועקסלען.

דיסקאנטע - די,=ס. 1. דזוו דיסקאנט ב' 1.

1949 " רב ייד, א וועקסעלע, דיסקאנטע דריי פראצענט". 2844

י. רובינשטיין, 1, 178.

1970 " די באנק האט זיך פארנומען מיט פארשיידענע באנק=

אפעראציעס, ווי אינקאסע, דיסקאנטע און נאך אנדערע". 2846

יזב 7, 159.

2. דזוו דיסקאנט ב' 2.

1961 " מיר |די גמילות-חסד קאסע| באקומען פון דער

מלוכה-באנק |...| גרעסערע דיסקאנטעס אויף א קורצן טערמין". 2845

יזב 13, 228.

ד י ס ק ו א ל י פ י צ י ר ו נ ג - די, =ען.

אקט פון דיסקוואליפיצירן.

552 -די

דיסקוואליפיצירן - טרוו. אפנעמען די קוואליפיקאציע, בארויבן עמעצן פון געוויסע רעכט.

% דיסקוואליפיצירן א יוריסט.

ד י ס ק ו ו אַ ל י פֿ י ק אַ צ י ע – <u>די, =ס.</u>

אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דיסקוואַליפֿיצירן.

**דיסקוטאַנט** - דער, =ן, פֿפֿ דיסקוסאַנט.

דער וואָס נעמט אָנטייל אין אַ דיסקוסיע.

1964 " גראַד דאָ איז ער אַ קענער פֿון רמב"ם, וועלכער האט
געשטרעבט מיט געוואַלד אַריינפּרעסן |...| פֿילאָסאָפֿישע 2866
סיסטעמען פֿון די אַשעריטן און אַריסטאָטעלעס אין די איינצלע
געשפּרעכן פֿון די דיסקוסאַנטן". יזב 19, 468.

1973 " הגם די דיסקוסיעס זענען געווען גאַנץ ליידנשאַפֿטלעכע,
זענען די דיסקוטאַנטן געבליבן גוטע פֿריינד". 2855
יזב 18, 127.

ד י ס ק ו ט י ר = ט י ש - <u>דער, =ן.</u> <u>(אזהרו ווב)</u>

עפנטלעכע באהאנדלונג, דיסקוסיע.

דיסקוטירן – אוטוו, פּפּ דיסקוסירן.

פירן אַ דיסקוסיע. % דיסקוטירן אַן ענין.

1932 " ווען מען קומט אַרויף אין קלוב, טרעפט מען אים מיט עמעצן דיסקוסירן". פער 61, 120.

1968 "איך אונדזער ׳בערזע׳ האָט נאָך דער געשיכטע מיט

2859 דער פּאָליציי געהאַט וועגן וואָס |...| צו דיסקוטירן און אַרומרייסן צווישן זיך". יזב 2, 332.

1970 " אַ שושקען זיך, אַ טייטלען מיט די פינגער, און

2860 שוין פּאַרמירן זיך גרופּלעך, מען דיסקוטירט". יזב 7, 157.

557 די-

ד י ס ק ו ס אַ נ ט - דער, =ן. -----> דיסקוטאנט.

ד י ס ק ו ס י אַ נ ע ל - אדי. |סטוטש 324|.

פּאָלעמיש, אַרגומענטאַטיוו.

ד י ס ק ו ס י ע – <u>די, =ס.</u> דאָס אַרומריידן אַ געוויסן ענין, טעמע, אַרויסברענגענדיק פֿאַרשיידענע מיינונגען.

% באַטייליקן זיך אין אַ **דיסקוסיע**. פֿירן אַ **דיסקוסיע**. איבעררייסן די **דיסקוסיע**. לעבעדיקע **דיסקוסיע**.

1917 " די איבעריקע רעדנערס אין דער **דיסקוסיע** האָבן
2887 ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אָפּצוגרענעצן זיך אויפֿן
שאַרפֿסטן אופֿן פֿון ערוועס קאָסמאָפּאָליטיזם". <u>זשיטלאָווסקי,</u>
<u>7, 183.</u>

1940 " דאָס ערשטע וואָרט אין דער **דיסקוסיע** האָט גענומען מרדכי
2885 קאַפּלאַן |...|". <u>קאַראַלניק, 2, 199.</u>

1960 " און טאַמער פֿאַרגלוסט זיך אים אָפּצושטעלן דעם גאַנג
2875 פֿון זיין ראָמאַן 'אַראַנזשירט' ער אַ דיסקוסיע וועגן
פּראַוואָסלאַוויע". <u>גלאַטשטיין, 2, 118.</u>

0 דיסקוסיע=אוונט – דער, =ן. אַן אָוונט, אַן אסיפה
ווו מען פירט דיסקוסיעס.

1968 " מיטן אָנקום פון הערבסט איז אויך געוואָרן אינטענסיווער
2890 די קולטור=טעטיקייט, האָבן זיך דערוואַרעמט די דיסקוסיע=
אָוונטן אין די לאָקאַלן". יזב 2, 408.

ד י ס ק ו ט י ר ן- --> דיסקוטירן.

ד י ס ק ו ר אַ ז ש י ר ן - טרוו. |סטוטש 396|.

אַראָפּשלאָגן פֿון מוט, אַנטמוטיקן.

563 

ד י ס ק ע ט – <u>דער, =ן.</u> (<u>קאמפיוטער=טעכניק</u>) א רונדע פלאסטינקע פון עלאסטישער פלאסטמאסע; געניצט צו האלטן אינפארמאציע.

ד י ס ק ר י מ י נ אַ ט י װ  –  אַדי. |סטוטש 12|.

אַנדערשדיק, אויסטײלנדיק, ס׳רוב צום שלעכטן.

דיסקרימינאַציע — די, ס. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דיסקרימינירן. % ראַסן=דיסקרימינאַציע.

1947 "די סיבה איז געווען די דיסקרימינאַציע מצד די פּוילישע פֿאַבריקאַנטן |...|". יזב 8, 55. 2905

1965 "די אַנטי=ייִדישע רדיפֿות און דיסקרימינאַציעס, פּאָגראָמען און עקאָנאָמישע שווערוקייטן אין תּחום=המושב האָבן געבראַכט צו אַ מאַסן=עמיגראַציע פֿון די רוסישע ייִדן". 2906
פּער 107, 846.

ד י ס ק ר י מ י נ י ר ן – טרוו. באגרענעצן, מינערן די רעכט אין פֿארגלייך מיט אַנדערע, באַציִען זיך צו עמעצן ערגער, ווי צו אַנדערע.

1954 " ס'איז נישט געווען קיין איין פֿאַל, אַז עמעצער זאָל מיט עפּעס שיקאַנירט ווערן אָדער דיסקרימינירט צוליב דעם וואָס די מיטגלידער פֿון פֿאַראיין האָבן געהאַט זייער אייגענע פּאָליטיש=פּאַרטייִשע אידעאָלאָגיע". יזב 167,10. 2912

1970 " ניט געקוקט אויף דעם האָט פֿינלאַנד ניט דערלאָזט, אַז מען זאָל דיסקרימינירן קעגן פֿינלענדישע ייִדן". פּער 155, ?/30. 2910

567 די-

**די סקרעדיטאַציע** - <u>די, במ.</u> אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון דיסקרעדיטירן.

ד י ס ק ר ע ד י ט י ר ן – טרוו. אונטעררייסן דעם

צוטרוי צו עמעצן, באשמוצן עמעצנס פרעסטיזש.

1937 " סיי ווי סיי וועט מארגן דערפון וויסן די גאנצע

2918 שטאט. אלץ איינס זענט איר דיסקרעדיטירט, מיין פריינד".

ווייסענבערג, 10א', 176.

1948 " דערפאר איז אזוי שווער צו דיסקרעדיטירן די

2919 מיטלמעסיקייט |...|". ז.שניאור, פער 118,1/X.

1953 " רעליגיע איז דיסקרעדיטירט געווארן ביי געוויסע

2916 שיכטן פון דער מאדערנער געזעלשאפט". ה. גרינבערג, 358,2.

דיסקרעט

~~דיסקרעט~~ - אדי/אדוו. 1. סודותדיק, קאנפידענציעל.

1936 " |...| זיך איבערגעוווּנקען זייער דיסקרעט
איינער צום צווייטן". י.י. זינגער, 6, 222. 2932

1947 " |...| דאס איז אזוי דיסקרעט, וואס מען קען אלע
איינצלהייטן נישט אויספרעגן". שניאור, 10, 67.

1951 " מחמת דעם וואס מיין ארבעט האב איך געמוזט פירן
אויף א זייער דיסקרעטן אופן, זיינען די גרעסטע טייל 2928
צונויפקומען געווען אומלעגאל". פער 106, 1337.

2. איינגעהאלטן, באשיידן.

... " מיר האבן זיך באקענט. מיין נאמען האט איר עפעס געזאגט,
זי האט געשמייכלט דיסקרעט, געבעטן זיצן". 2923
א. קאגאנאווסקי, פער 23, 536.

1924 " א ביסל צו געדיכט און ניט דיסקרעט פאר א יונג
פרוי. אבער איר, אסתרקען, איז דאס אויך געווען פאסיק". 2922
שניאור, 8, 131.

ד י ס ק ר ע צ י ע - די, בא. |סטוטש 351|.

דיסקרעטע, קאָנפידענציעלע אויפפירונג.

ד י ע ג ע כ ץ - די/דאס, בא. ---> דזשעגעכץ.

572 די־

דיעגעכצן – טרוו. באַשמירן מיט דיעגעכץ, דזשעגעכץ.

2949 1939 "די אַקסן ~~זייך~~ געדיעגעכצט". שניאור, 4, 201.

לײַנאַן

573 די־

(?ב?) ד י ע וו י אַ ט י וו אַ ל – |סטוטש 516|. מיך קאַרטנשפּיל.

574 די-

ד י ע ז - דער. (מוזיק) נאָטע=צייכן וואָס מערקט אָפּ 2959
די העכערונג פֿון קלאַנג אויף אַ האַלבטאָן.

ד י ע ט - <u>די, =ן.</u> <---- <u>דיעטע</u>.

576 די–

ד י ע ט... – איך צונויפהעפטן מיטן באטייט דיעטעטיש.

1973 " נאר ווען מ'האט געטיילט דיעטזופ (מאנע=קאשע מיט

ראזשינקעס) |...| האבן זיי געגעסן זייער פארציע". 2967

פרייבערג, 1, 400.

ד י ע ט י ס ט - דער, =ן. |סטוטש 422|. ----> דיעטעטיקער.

578 -די

ד י ע ט י ק - די, בא. |סטוטש 422| .---← דיעטעטיק.

ד י ע ט י ש - אדי. שייכדיק צו דיעטע.

1923 " די דאזיקע געריכטן האבן זייער א וויכטיקע

2974 דיעטישע באדייטונג". פער 151, נ' 11.

דיעטע - די, =ס, פּפּ (עלט) דיעט. ~~זיך אויף א דיעטע~~.

~~דיעטע~~ 1c 1. געוויסער רעזשים פֿון באַשפּייזונג.

% מילכיקע דיעטע. באַגרענעצטע דיעטע. דער קראַנקער איז
אויף אַ שטרענגער דיעטע.

1836 " דאס ווארט דיעטע באדייט ניט נאר ווי מען זאל זיך
באגיין מיט דאס עסן און טרינקען אבער דאס גאנצע אויף 2981
פירן זיך אין דעם טראגן". בערלאנט, 1, 4.

1928 " מיט אַן ענלעכער דיעט פֿון פּליסיקייט=אַפּציונג האָבן זיך
באַנוצט אייניקע דאַקטוירים=אַקושערן בנוגע צו שוואַנגערע 2961
פֿרויען". פּעקער, 1, 19.

1956 " גיי אַך אויך ניט צו דאַקטוירים, מיט זייערע
דיעטעס, איך גיי אַוועק אויף וואַקאַציע". 2982
מילער, פּער 38, נ' 25, 202.

2. (שגל) פֿאַרציע, צוטייל פֿון ברויט אין לאַדזשער געטאָ.

% "געמאַכט אַ געטאָ מיט אַ דיעטע". | בלומענטאַל, פֿער 90, XX - 3|.

ד י ע ט ע ט י ק - די, באָ, פֿפּ דיעטיק. וויסנשאַפֿט וועגן ראַציאָנאַלער דערנערונג.

1929 "אין דער צווייטער אַרבעט: עטוואָס וועגן טעראַפּיע, דיעטעטיק און די היגיענע בײַ די ייִדן אין אַלטערטום". פֿער 70, נ' 8, 9. 2987

ד י ע ט ע ט י ק ע ר - דער, =ס, פּפּ דיעטיסט.

1. ספּעציאַליסט פֿון דיעטעטיק.

2. דער וואָס איז אויף אַ דיעטע.

1968 " ביי גענייען אין פּענסיאָנאַט |...| איז געווען אַ

2989 ספּעציעלע קיך פֿאַר זאַצעלבע דיעטעטיקער".

יזב 2, 398.

ד י ע ט ע ט י ש - אדי. שייכדיק צו דיעטעטיק.

1929 " |...| ביים אנווענדן אנדערע דיעטעטישע מעטאדן,

2990 ווי די פארבעסערונג מיט דער הילף פון פוטערמילך

|...|". פער 72.

585 די-

ד י ע י ס ט ע ו ו ע ן - <u>אוטוו.</u> "זײַן ווילד, צעלאָזן,

2993 פֿאַרשײַט, איבערקערן די שטוב ׳מיטן קאָפּ אַראָפּ׳ |<u>קטוו</u>|.

**586** די־

ד י ע כ ט י אַ ר נ י ע – <u>די, =ס.</u> אַ וואַרשטאַט, אַן

אונטערנעמונג ווו. מען באַקומט אַרויס דזשעגעכץ, סמאָלע. 2994

ד י ע ל א - ---> דיעלע.

588 -דו

(?נ?) ד (י) ע ל א נ ק ע - די, =ס. (רוס,) באַשטימטער טייל פון אַ שטח, ס׳רוב וועגן אַ טייל וואַלד באַשטימט צום אויסהאַקן.

R: деля́нка

641 1931 " איסר משהס, וואָס האַנדלט מיט דעליאַנקעס, איז איצטער אַ גאַנצער קנאַקער". ברעגמאַן, 1, 359.

645 1947 " מע גייט דורך אויסגעהאַקטע און זוניקע דעליאַנקעס, ווו. עס שטייען בלויז שטאַמען". דאַבין, 1, 154.

ד י ע ל י א נ ק ע - די, =ס. פפ דיליאנקע.

3005 א טייל וואלד, וואס מען דארף אויסהאקן |פער 90,VI - 2-1|.

% ער האט באקומען פונעם וואלד-סוחר א נייע דיעליאנקע.

ד י ע ל י א נ ק ע ס ו ו י י ז - אדוו. לויט דיעליאנקעס (→-).

3005 % "מען האקט א וואלד דיעליאנקעסווייז" |פער 90, VI- 1 - 2|.

דיעלע - די, =ס. (רוס). פפ דיעלא (עלט).

1. געריכט=ענין, פראצעס.

1876 " די דיעלא שטייט זייער שמאל, מען דארף נאך א פאר
טויזנט רובל". ליניעצקי, 1, 12. 2999

... " מען האט אנגעהאנגען אן דער דיעלע א מטבע, איז זי
צוריק פארזונקען געווארן". פרץ, 6, 130. 3020

1914 " זיי ווילן, די דיעלא זאל זיין פסח |...| בכדי מע זאל
קאנען מאכן דעם פאגראם אויף פסח אקוראט". 2996
שלום=עליכם, 4ג, 98.

1957 " ענדלעך איז די 'דיעלא' אנגעקומען צום מינסקער
גובערנאטאר |...|". ה. צייטלין, 1, 142. 2995

2. זאך, ענין, געשעפט.

1870 " האבן דיעלעס מיט די גבאים |...| פארוואס מען
גרייט נאט אן קיין גוטן וויין |...|". פער 177, נ', 22, ד, 163. 3016

1909 " דיר חלומט זיך גאר ניט, וואסארא גוטע און

קלוגע מאמע דו האסט, זי פארשטייט א דיעלא". 2998

מילטאן, 1, 53.

593     די-

ד י ע ל ע ק ט ר י ק - די, =ער. |פּיז, סטוטש 104|

אַ שטאָף, וואָס לאָזט ניט דורך עלעקטריע; איזאָליאַטאָר.

ד י ע נ ש ט ש י ק - דער, =עס. (רוס) פערזענלעכער באדינער פון אן אפיציר אין דער צארישער ארמיי.

1957 " געוועזן בין איך דעמאלט א 'דיענשטשיק', א באדינער

3027 ביי א גאר געהויבענעם אפיציר". ברוסילאוו, 2, 192.

1973 " די קליינע שוועסטער |...| האט געשפילט אין קארטן

3026 מיט איוואנען, א רוסישן סאלדאט, א באדינער, דיענשטשיק

פון די רוסישע אפיצירן, וואס זענען ביי אונדז איינגעשטאנען".

בלומענטאל, 1, 104.

ד י ע ס י אַ ט י נ (ע) – די, =עס. (רוס, עלט)

אַ רוסישע מאָס פֿון ערד-שטח (1,09 העקטאַר), געניצט

ביז דעם אַרײַנפֿיר פֿון דער מעטרישער סיסטעם.

1951 " אין 1881 האָט מײַן פֿאָטער געהאַט געקויפֿט |...|

אַ 40 דיעסיאַטין ערד (אַן ערך 110 אַקער)". 3030

פער 106, 952.

1957 " |...| קאָן מען קריגן אַ צען-פֿופֿצן דיעסיאַטינעס ערד".

ברוסילאָוו, 2, 184. 3031

ד י ע ס י אַ ט נ י ק - דער, =עס. (רוס) עלטסטער, פֿאַראַנטוואָרטלעכער אויף אַ גרופּע אַרבעטער(בײַ בויאַרבעטן).

1968 " מיט אַ הוילער און הײַזעריקער שטים טוט ער דורך די גרויסע, געלע ציין אַרײַנהילכן אַ באַפֿעל דעם דיעסיאַטניק אין די אויערן". האָפֿער, פּער 38, נ' 64, 57. 3038

597 די־

די=פּי – דער, =ען. אַ פּליט, אַ מענטש אָן אַ לאַנד.
% די=פּי=קינד. (פֿון דעם ענגליש „Displaced person")

1947 "די ייִדן אין די לאַגערן ווערן אָנגערופֿן ׳די־פּי׳".
3081 לייוויק, 9, 22.

1961 "|די שארית־הפּליטה| קאָנצענטרירט זיך |...| אין
3085 די די=פּי=לאַגערן, וואָס זיינען געווען צעוואָרפֿן איבער
אַלע עקן פֿון דייטשלאַנד". יזב 13, 564.

די=פֿיניק – דער, =עס. |סטוטש 432|, (אמ)

דזוו די-פּי.

ד י פּ ל אָ ם – דער, =ען. 1. דאָקומענט וואָס באַשטעטיקט דאָס באַקומען העכערע אָדער ספּעציעלע מיטלע בילדונג און אויך דאָס צוטיילן אַ געוויסן טיטל אָדער וויסנשאַפֿטלעכע מדרגה.

1866 " נאָר ביי אונדז |...| שפּילט נאָך דער "מורנו" אַ ראָל. מען איז שוין ניט אַזוי שטרענג נאָכצופֿאָרשן אויב דער האָט אַ דיפּלאָם פֿון דעם רב אויף "מורנו" אָדער "חבר"". פּער, 177, נ' 8, 122. 3097א'

1910 " און אויב דאָס איז אַ מענטש אַ געבילדעטער מיט דיפּלאָם, איז וואָס טוט ער?". פרוג, 3, 67. 3101

1970 " צו 21 יאָר האָט מיין פֿאָטער געענדיקט די אוניווערסיטעט און באַקומען דעם דיפּלאָם". יזב 15, 625. 3107

2. דאָקומענט וואָס באַשטעטיקט דאָס געבן רעכט אָדער באַלוינונג אַ פּערזאָן אָדער אַן אינסטיטוציע.

1951 "אין יאר 1713 באקומט אהרון גארדאן פון פוילישן
קיניג אויגוסט דעם צווייטן אן אימוניטעט=דיפלאם, 3106
וואס פריוויליגירט אים ווי א רופא צו וווינען מחוץ
דער יידישער גאס און פראקטיצירן אומגעשטערט מעדיצין".
פער 106, 693.

1953 "ווער האט ביי אוסישקינען אדער ביי עמעצן אנדערש
געבעטן א דיפלאם פון א נאציאנאלן דיכטער?". 3102
ח. גרינבערג, 2, 248.

דיפּלאָמאַט – דער, =ן. 1. אַ מענטש, וואָס האַלט אַן פֿאַרבינדונגען און/אָדער פֿירט אונטערהאַנדלונגען צווישן מדינות.

1930 " מיר דאַרפֿן דורך דער פּרעסע פֿון יאַפּאַניע, אַמעריקע,
מיט אונדזער ווירקונג צווישן די דיפּלאָמאַטן, אַנטרייבן 3114
אַ שרעק, און יאַפּאַניע וועט אָפּלאָזן די לייצעס".
איבן מקאַגאַן, אַמעריקאַנער.

1963 "דער רוס האָט געערדט מיט דער גאַנצער חוצפּה און
אַרויסרופֿערישקייט, אויף וועלכע עס זענען פֿעיִק די 3116
דיפּלאָמאַטן פֿון מאָסקווע". פֿער 69, I/27.

2. (פֿיג) אַ מענטש וואָס קען זייער ראַפֿינירט און געניט פֿירן אונטערהאַנדלונגען.

1966 " זאָגט אַ פֿאַלקסמענטש וועגן אַזאַ איינעם: ער איז אַ
דיפּלאָמאַט – איר וועט שוין ביי אים קיין קלאָרן אמתן 3113
ענטפֿער נישט קריגן". וואַלאַך, פֿער 69, VI/12.

דיפּלאָמאַטיע – די, בא. 1. די באַשעפטיקונג
פון א דיפלאמאט.

1902 " די רוסישע <u>דיפלאמאטיע</u> האָט געהאט די אויפגאבע
אפצוציען פראנקרייכס אויפמערקזאמקייט פון דייטשלאנד". 3122
<u>פער 8, נ' 13, 79.</u>

2. (<u>פיג</u>) ראפינירטקייט און געניטקייט אין פירן
אונטערהאנדלונגען.

1947 " מיטן פאליציי-מייסטער און זיינע ארויסהעלפערס,
מיט וועלכע עס איז איר זייער אָפט אויסגעקומען צו קעמפן 3119
פאר אירע ארעסטירטע קינדער, האט זי אנגעווענדעט אן
אנדער מיטל: '<u>דיפלאמאטיע</u>'". <u>יזב 8, 370.</u>

דיפּלאָמאַטיש - אַדי/אַדוו. 1. שייכדיק צו

דיפּלאָמאַט(ב׳ 1) און דיפּלאָמאַטיע (ב׳ 1).

% אַנקניפּן דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען. דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס.

1863 " דאָרט |אין בוך| ווערן איינגעטראָגן אַלע דיפּלאָמאַטישע

אַקטן". פּער 177, ב׳ 41, 646. 3128

1917 " ניט דורך פּייַער, שווערד און מענטשלעכן כּוח,

אַפילו ניט דורך דיפּלאָמאַטישע אָפּמאַכונגען". 3127

זשיטלאָווסקי, 5, 102.

2. (פֿיג) ראַפֿינירט, אויסגערעכנט, געניט אין אונטערהאַנדלונגען,

אין דורכפֿירן אַן עניין.

1970 " דער גלח |...| האָט גערעדט צו די ייִדישע פֿאָרשטייער

דיפּלאָמאַטיש". יזב 7, 166. 3130

ד י פּ ל אָ מ אַ נ ט - דער, =ן. אַ סטודענט וואָס שרײַבט

אַ דיפּלאָם=ארבעט.

דיפלאָמאַציע – די, באַ, דזוו דיפּלאָמאַטיע ב׳ 1.

1866 " הלוואי די הײַנטיקע דיפּלאָמאַציע זאָל באַגליקן
3142 און עס זאָל ניט קומען צו קיין שרעקלעכן קריג מיט די
הײַנטיקע מענטשנפֿרעסערישע געווער". פּער 177, נ׳ 33, 521.

2. דזוו דיפּלאָמאַטיע ב׳ 2.

1973 " גרויסע קענען דעם סוד פֿון מאַכן סודות און האַלטן
3143 סודות, זיי רופֿן דאָס דיפּלאָמאַציע, אָבער נישט קינדער".
בלומענטאַל, 1, 110.

ד י פ ל אָ מ י ר ט - **אַדי.** וואָס האָט אַ דיפּלאָם(ב׳ 1).

1951 " די **דיפּלאָמירטע** ייִדן=אינטעליגענטן, האָט אַטעסטירט

3148 אַ הויכער רוסישער באַאַמטער, ווילן גאָרניט ניט האָבן צו

טאָן מיט זייערע אָפּגעשטאַנענע אמונה=ברידער, זיי חבֿרן

זיך נאָר מיט געבילדעטע קריסטן". שאַצקי, פּער 106, 743.

607 די-

דיפלאקאק – דער, =ן. מין קיילעכפארמיקע באקטעריעס וואס צעשטעלן זיך פארנווייז.

1929 "חוץ דעם דארף מען וויסן, אז א לונגען=אנצינדונג איז קלעפיק; די קראנקייט ווערט ארויסגערופן דורך א באזונדערער באקטעריע (דיפלאקאק)". פער 151, נ' 7. 3157

608 די־

דיפּסאָמאַניע - די, באַ. פּעריאָדישער שיכּרותדראַנג.

די פּאַמירן – <u>טרוו</u>. אַרויסטרעטן עפּנטלעך קעגן עמעצן
מיט באַשולדיקונגען, כדי אַרונטערצורייסן יענעמס
פּרעסטיזש, אויטאָריטעט, מאַכן אַ שלעכטן נאָמען.

... "<u>דיפּאַמירן</u> אַנדערשגלייביקע פֿאַר כּישוף=מאַכערס איז
נישט קיין ספּעציאַליטעט פֿון קריסטן. אויך מאַכמעדאַנער 3047
טוען דאָס זעלביקע לגבי אַנדערשגלייבקע".

<u>פּער 94א׳, נ׳ 1–2.</u>

ד י פֿ ו ז י ע – די, =ס. דער קעגנזײַטיקער דורכדרינג
פֿון שטאָפֿן אײנער אין צווייטן; אויך פֿיג.

1929 "די דיפֿוזיע צווישן דער פּסיכאָלאָגיע איז אין אַ היפּשער
מאָס שוין אײַנגעשטעלט מיט אַלע גענויע וויסנשאַפֿטן בכלל 3054
און באַזונדערס ספּעציעל מיט די אַלע אָפּצווײַגונגען
פֿון דער מעדיצינישער וויסנשאַפֿט". פער 70, נ׳6.

ד י פ ו ז י ר ט - אדי. צעשפרייט, צעזייט.

1931 " דאס ליכט פון די שטערן פליסט דורכן טאפלטן

פענצטער צו אים אין שלאפצימער, און די נאכט אליין איז 3055

דורכגעווייקט מיט א ווייסן, ווייכן, דיפוזירטן

ליכט - מוז זיין דער שניי אויף דער גאס".

שאפירא, 2, 29.

ד י פ ו נ ד י ר ן - טרוו. דורכמאכן דעם פראַצעס פון דיפוזיע.

1922 " הויט און פלאַנצן=געוועב און אנדערע פאַרייזע [= פּאָרעס, מיט פּאָרן] קערפער האבן די אייגנשאפט דיפונדירן פליסיקייטן". 3056

וואלאך, 1, 25.

דיפּטאָנג - דער = ען. (לינגוויסטיק) אַ באַהעפט פֿון צוויי וואָקאַלן, וואָס ווערט אַרויסגערעדט אין איין טראַף.

1938 " |...| דאָ איז **u**, דאָס צווייטע, אומגעקוועטשטע (אומבאַטאָנטע) גליד פֿון דיפֿטאָנג". פּער 91, נ׳ 1. 3062

1978 " ביים אַרויסרעדן באַטאָנטע וואָקאַלן און דיפֿטאָנגען דינט געוויינטלעך ווי דער אָנווייזער דער אויסלייג". 3062 א׳

י. מארק, 3, 29.

די פּ ט אַ נ ג י ר ן - טרוו. (לינגוויסטיק)

פֿאַרוואַנדלען אין אַ דיפֿטאָנג.

1918 " דער יינגערער סופּיקס ia |...| מיט לאַנגן און

געקוועטשטן i, איז אין דייטש אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין ie, 3065

וואָס איז דיפֿטאָנגירט געוואָרן אין ei". פֿער 92, נ' 2.

ד י פ ט ע ר י ט - דער, בא. אַן אַנשטעקנדיקע קראַנקייט, ס'רוב ביי קינדער, דריקט זיך אויס אין אַנצינדונג אין די שליימהייטלעך פון האַלדז, נאָז און טראַכעע.

1887 " דער דיפטעריט |...| קען זיך אויך אַנהייבן אויף דעם קליינעם צינגעלע און אויך טיפער אויף דער אונטערוואַנט פון שלונד". זוסמאַנאָוויטש, 1, 6. 3076

1903 " דער דאָקטאָר: ער האָט א דיפטעריט אין העלדזל, אָבער ס'שאַדט נישט: ס'איז נאָך גאָר אין אָנפאַנג". 3069
י. האַלפּערן, 1, 51.

1951 " אין יאָר 1891 האָב איך מיין ברודערל שמערל פאַרלאָרן, ער איז געשטאָרבן פון דיפטעריט". פער 106, 963. 3073

ד י פ ט ע ר י ט י ש - אדי. שייכדיק צו דיפטעריט.

1924 " |...| די דיפטעריטישע הייטלעך, דער באלייג

פארשווערט מעכאניש דאס שלינגען אדער דאס אטעמען". 3078

פער 151, נ׳ 3.

617. די-

ד י פּ ט ע ר י ע - די, בא. דזוו דיפּטעריט.

1948 "פֿאַרנדיק האָט ער |ניידוס| זיך פֿאַרקילט, איז קראַנק

3079 געוואָרן אויף דיפּטעריע |...| און אויסגעהויכט זיין לעצטן

אָטעם". פער 44, נ' 3 - 4, 39.

618 -די

ד י פ י ר א מ ב - -----> דיטיראמב.

ד י פ נ ע - אדי |?|. בנב. % "איך האב געקויפט ביים קצב א דיפנע קישקע"|קטור|.

| |
|---|
| רעד: דיפנע צי דופנע? |

ד י פ ע ן - (פד). ------> דופען.

ד י פ ע ר ע נ ץ - די, =ן. 1. אונטערשייד.

1958 " איך תּוך האַנדלט עס זיך בלויז וועגן ניואַנסן

3191 און ניט וועגן אַנזעעוודיקע דיפערענצן אין דער טעמפּעראַטור

פון סטיל". ביקל, 1, 245.

1970 " טראָץ די סאָציאַלע דיפערענצן |...| האָט זיך איבער

3185 אַלע קעגנזאַצן אַרויפגעהויבן דער דאָמינאַנטער כאַראַקטער=

שטריך פון בשותּפותדיקן גורל". יזב 7, 49.

2. (מאַט) רעשט, דאָס וואָס בלייבט פון אַראָפּנעמען איין צאָל

פון דער צווייטער. % די דיפערענץ פון פינף מינוס דריי

איז צוויי.

3. (ספּעצ) אונטערשייד אין די פּרייזן פון אַן אַקציע אויף

דער בערזע.

1892 " הייַנט באַדאַרף איך אָפּנעמען 'דיפּערענצן' עטלעכע
3188 הונדערט קערבלעך". שלום=עליכם, 7ג', 21.

□ דיפּערענטץ.

---> 2.

1775 " איר מושט אבער אלי מאהל ווען איר 1 ציפר פון
3186 אובן ארונטר נעבן דעץ דיפּערענטץ שרייבט, עטליכה פונקטין
פון דעץ זעלביגן ציפר ארונטער מאכן". מלאכת מחשבת,3ב.

די פ ע ר ע נ צ י א ל I - דער, =ן. 1. (מאט)

א פרייער צוזאמענ־ווּקס פון אן אומאפהענגיקער בייטעוודיקער גרייס.

1938 " אויף יידיש לערנט מען וועגן אינטעגראלן און

3197 דיפערענציאלן אין לעצטן קלאס גימנאזיע". י. מארק, פער 176.

2. (טעכנ) א מעכאניזם אין אויטאמאבילן, טראקטארן א"ע, וואס גיט א מעגלעכקייט דעם רעכטן און לינקן טרייבראד זיך צו דרייען מיט פארשידענע גיכקייטן.

1932 " לערן אויס די מאגנעטא, דעם קארבוראטאר, דאס שנעלקייט=

3194 קעסטל, דעם דיפערענציאל". מעדרעש, 1, 22.

0 דיפערענציאל=רעכענונג - די, =ען. |סטוטש 54|.

טייל פון העכערער מאטעמאטיק וואס שטודירט די אייגנשאפטן און מעטאדן אויסצורעכענען דיפערענציאלן.

דיפערענציאל=וואג - |סטוטש 206| . בנב.

דיפערענציאל=טערמאמעטער - |סטוטש 254| . בנב.

דיפערענציאל=פאמפע - |סטוטש 436| . בנב.

דיפערענציאל=שרויף - |סטוטש 205| . בנב.

ד י פּ ע ר ע נ צ י אַ ל II - אדי. שייכדיק צו דיפערענציאל I.

% דיפערענציאלע געאמעטריע. דיפערענציאלע גלייכונג.

די פ ע ר ע נ צ י א צ י ע - די, =ס. דזוו דיפערענצירונג.

1930 " ביי פסיכאנעווראזן, |...| מאטארישן אינפאנטיליזם

3208 מיט און אן אינטעליגענץ דעפעקטן |...| ווייזט די ארכיטעקט

ארכיטעקטאניק פון די קאפילארן א שוואכע דיפערענציאציע".

פער 70, נ׳ 1 - 2.

1951 " עוואלוציע אין גענויעם זינען איז א צווייזייטיקער

3211 פראצעס פון אינטעגראציע און דיפערענציאציע ".

שטיינבערג, פער 106, 407.

1972 "עס האבן זיך ביי אונדז דאך געשאפן קלאסן פון א

3209 געפערלעכער דיפערענציאציע, ווי קיין מאל וואלט ביי אונדז

אין לאנד נישט געווען קיין אידעאליזם". צאנין, 109ב׳,

IV/28.

ד י פ ע ר ע נ צ י ר ו נ ג - די, =ען, פּפּ דיפערענציאציע.

אקט אדער רעזולטאט פון דיפערענצירן.

% סאציאלע דיפערענצירונג.

1912 " די אויטאנאמיע פון דער נאציאנאלער קולטור=געמיינשאפט

3217 באדייט |...| אן אלץ גרעסערע דיפערענצירונג פון גייסטיקע

נאציאנאלע קולטור". זשיטלאווסקי, 4, 23.

... " פארשט אויס די ראלע פון וויסיקייט און אונטערוויסיקייט

3222 פון קלאנגען אין פארשיידענע שפראכן". פער 94א, XIV, 1 - 2.

1951 " אונטער דעם פאליטישן און עקאנאמישן דרוק קומט

3218 פאר א פארשארפטע דיפערענצירונג פון דער יידישער

געזעלשאפט". ווישניצער, פער 106, 71.

דיפערענציִרט - אדי. צעטיילט, צעגלידערט.

1919 "ווי קאַנט איר, איך אונדזער דיפערענציִרטער צײַט,
3224 געפינען צוויי מענטשן וואָס זאָלן זײַן איינשטימיק אין
אַלע פּרטים?". ששיטלאַווסקי, 9, 122.

|| דיפערענציִרטקייט - די, בא. אייגנשאַפט פון זײַן
דיפערענציִרט.

1960 "אַשס אויפטו דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס אין
3227 דער כלל=ישׂראלדיקער טעמע האָט ער אַרײַנגעבראַכט מער
דיפערענציִרטקייט". ניגער, 10, 365.

ד י פ ע ר ע נ צ י ר ן - טרוו, פאר דיפערענצירט.

אונטערשיידן, צעגלידערן, צעטיילן אַ צוזאמענגעזעצטע זאך אויף פשוטע עלעמענטן.

1953 " האבן אַט די משכילים שוין געמוזט זיך דיפערענצירן און צעטיילן לויט די אינטערעסן פון די פארשיידענע שיכטן און קלאסן אינעם יידישן פאלק". מרמר, 2, 24. 3230/2

1958 " די דאָזיקע כוחות זיינען געווען שטארק דיפערעצירט". ניגער, 8, 208. 3226

דיק I – אדי/אדוו. 1. גרויס אין קווערשניט; גראָב;
דער היפּוך פֿון דין.

1899 " די לעצטע שטראַלן אירע רייסן זיך אַריין אינווייניק
3241 אין דער ישיבה דורך די דיק פֿאַרפֿרוירענע פֿענסטער".
מענדעלע, 8ב׳, 56.

1914 " פֿון אויסער דער דיקער רויכיקער |?| איבער=דעקע
3251 |אויפֿן שליטן| האָט אָנגעהויבן שווער אַרויסקריכן מירקע".
מ. ריבקין, 1, 155.

1948 " אַ געזעצט מענטשל, אַ גאַנץ יונגער אויפֿן אויסזען,
3251א׳ מיט העלע דיקע וואָנצעס". פֿאַליקמאַן, 2, 581.

2. פֿעטלייביק.
1920 " דרייען זיך אום גראָבע, דיקע הערן און דאַמען,
3283 געשמאַקלאָז און רייך". איינהאָרן, 4, 60.

1963 " ס'רוב פאננאס זייִנעץ קורץ און דיק, און די

קליידער וויינעץ פון זיי אראפ". באשעוויס, 4, 281. 3255

פפ: דיק: ווי א יוון, ווי יורקע, ווי יורע, ~~ווי יורקע~~

ווי יורקעס הונט, ווי יעקע, ווי דער שור הבר,

ווי א רוסישער אקס, ווי א דבר-אחר, ווי א חזיר,

א קאבאן, ווי א (געשטאפטע)גאנדז, ווי אן אינדיק,

ווי א סלופ, ווי א קלאץ, ווי א בוים, ווי אן אויוון,

ווי א פאס, ווי א פעסל, ווי א בעטשקע, ווי א צעבער,

ווי א פעמפיק, ווי דער בעל-טאקסע, ווי געלע די גבאיטע

|סטוטש 117|.

דיקע זופ |סטוטש 258|. געדיכטע זופ.

האבן א דיקע הויט - זייִן אומפילעוודיק, ניט=סענסיטיוו.

פּוּל: |סטוטש 117| קורץ און דיק און איין שטיק -

ווענן א בעל(ת)= גוף.

ם דיק.

1. ---->

1544 " ער נאם איין גרושיא שטאנגן דיא וואש דיק

3263 אונ׳ לאנג". שמואל בוך, סטר׳ 313.

1625 "אודר קאנשטו בינטן דאש וויזן טיר (בחלם עבותו)

3288 מיט דען דיקן שטריק דז מן דען אוקס אן בינט|...|".

ספר המגיד, 1, לט - י.

1724 " ער שרייבט דיא חזנים האבן דיקי העלז".

3262 ריח ניחוח, 190.

2. ---->

1602 " שמנו זיא זיין גיפייסט אונ' דיק זיא גין מיט

3284 ביזן שטיקן |...|". ספר ירמיה, ה, כח.

3. געדיכט.

1716 " זיא זיינן קומן איך דען דיקן וולד וואו פיל דערנר

3289 זיין צו פר ברגין זיך הין". ספר המגיד, 3, ירמיה,3,כט.

1723 "אונ' אזו דיק פליהן די נשמות פון הינן אנויף

3295 אז וויא דא גיט איין רויך פון איין קאליק אובן".

ספר מעשה ה', יג/ד.

4. שטענדיק, אפּט |?|.

|?|1544 " איך זול דעם נייגין דער מיר ור לייהט וושר

3250 אונ' ברוט// אונ' דער מיר דיק הילפט אויש גרושר נאט".

מגילה ליד, ש' 326:325.

ד י ק II — די, בא. (זך) דיקייט, גרעב.

1930 " דאס ווייב האט זיך באלד נאך דער חתונה אנגעהויבן

3287 צו פארשפרייטן אין דער דיק". אש, 11, 191.

635 די־

ד י ק א ר |ווייכער ר׳| - דער, =עס. (רוס, נא)

וועגן אַן אומקולטורעלן מענטש, עם=הארץ.

1895 " |...| און איבערן הונדערטן פֿאַל חלילה זיך

3303 אַרויסכאַפּן מיט ניט אַזאַ=נאַ=אידל וואָרט, הייסט ער שוין

באַלד ביי זיי ״ניוועזש, גראַביאַן, דיקאַר״ וכדומה".

ליניעצקי, 9, 92.

636 די־

ד י ק ב ל א ט - דער, ער|סטוטש 249| . בנב.

ד י ק ד ו ק |דיקדעק| - דער, =ים. 1. גראמאטיק (איבער הויפּט וועגן דער העברעיִשער).

1866 " ווער עס לערנט דיקדוק איז שוין געכאַפּט, ער

3310א' ווייסט שוין אַוודאי |...| לייענען לשון=קודש ספרימלעך פון די בערלינער |...|". פער 177, נ' 10, 155.

1951 " יהושע שטיינבערג (1918-1830), א גוטער לעקסיקאָגראַף,

3310 שפּעטער צענזאָר, דער 'אוטשאָני יעווריי' פון גראָף מוראַוויאָוו, איז געווען דער לערער פון תנ"ך און דיקדוק". שאצקי, פער 106, 738.

1916 " דער חסרון איז געווען, |...| מאַניש הויבט ניט אָן צו וויסן וואָס דיקדוק איז". שלום=עליכם, 3ג, 166.

1960 " ער האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצווווישן דעם שטעטלשן

41 שטויב פון זיינע שיך, ער האָט נאָך ניט באַהערשט דעם אינסטרומענט פון יידישן אָדער העברעיִשן דיקדוק". ניגער, 10, 363.

637/1 ד-

2. במ. פרט, דעטאל.

1832 " |...| אלי דקדוקים וואש דיא תלמידי חכמים

46 האבן מדקדק גיוועזן איז אלץ מרומז אין דער תורה".

מחזור, 2א, דף קנד/א.

1866 " איין אויסרייד געפינט מען |...|.מען האט איינעם

53 פארטיילט אדער שפעטער אויפגערופן |...| און נאך

אזעלכע דיקדוקים ביז עס ווערט א מחלוקת". פער 177, נ׳87,6.

0 דיקדוקי=דיקדוקים - מצ. עמפאטיש צו דיקדוק, ב׳ 2.

1957 "ער |דער רב| האט געוווּסט יעדן מקצוע שבתורה,

51 |...| יעדע זאך מיט אלע פרטים=פרטים און דיקדוקי=

דיקדוקים". ה. צייטלין, 1, 43.

ד י ק ד ו ק י=ע נ י ר ת|דיקדוקע=ענ:עס| - מצ. |אוירו רוב|.

(לל) פעדאנטיזם.

ד י ק ט - דער, =ן. דין האַלץ געמאַכט פון עטלעכע
צונויפגעקלעפּטע שיכטן פּאַניר.

1948 " אונדזער אַמאַליקע פאַבריק איז אָבער געשטאַנען
3323 גאַנץ און נאָר די הילצערנע **דיקטן** אַנשטאָט שויבן האָבן
אויסערלעך עדות געזאָגט וועגן דעם שטאַרקן שטורעם, וואָס
איז דאָ פאַרבייגעגאַנגען". פ. רעמס, פער 44, נ' 5 - 26,6.

1958 " |...| און דאַרטן געזוכט אין די אייזן=געוועלבער
3316 א פּונט טשוועקלעך, אַ ביסל שרייפלעך |...|, א שטיקל
**דיקט** |...|". דעמבלין, 5, 283.

1961 " |...| באַלקנס און לייסטן, שטאַכעטן און דילן, |...|
3325 **דיקט** ('פלאַיוווּד') און פּאַנירן". וואַלאַך, פער 69, 26/XI.

0 דיקטנהאלץ - דאס, בא. (צווב) דזוו דיקט.

דיקט(ן)=פאבריק - די, =ן.

1948 " דארטן זיינען געשטאנען |אויפן מארקפלאץ| די
שטיינערנע תבואה=שפייכלערס, דער טארטאק און שפעטער די 3390
דיקטן=פאבריק". פער 44, נ' 2, 25.

641 די-

ד י ק ט א ו ו ק ע - די, =ס. (רוס, נא) דזוו דיקטאט, ב׳2.

1887 " ...| אוך האט אנגעפאנגען צו שרייבן די צוואה,

3329 נאך דעם אלטנס דיקטאווקע". צימבלער, 1, 23.

ד י ק ט אַ נ ד ע - די, =ס. (פּויליש, נאַ) דזוו דיקטאַט ב'2.

1966 "מיט אונדז, מיידלעך, האָט זי געמאַכט א דיקטאַנדע

3350 צוויי מאָל אַ וואָך. דיקטירט האָט זי ניט פון בריוונשטעלער,

נאָר פון אויסנווייניק". באַשעווויס, פּער 155, !!!V/19.

643 די-

ד י ק ט אַ נ ט  – דער, =ן. דזוו דיקטאַט ב׳ 2.

דיקטאט - דער, בא. 1. דאס ארויפצווינגען, דאס אנהענגען באדינגונגען, פאדערונגען אויף עמעצן.

1919 " דעם בריוו און דעם דעפעש האט ער געשריבן אונטער הערצעלס דיקטאט". זשיטלאווסקי, 9, 22. 3323

2. געניטונג אין ארטאגראפיע, באשטייט אין פארשרייבן קארעקט א טעקסט, וואס ווערט געזאגט אדער פארגעלייענט.

ד י ק ט אַ ט אָ ר - דער, =ן. אַ מענטש וואָס האָט אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט אין אָנפירונג פון אַ מדינה, פּאַרטיי, אינסטיטוציע א"ע.

1863/1862 " ער איז אויך געווען דיקטאַטאָר אין עמילי און ~~אויך~~ אויבערנאַמעסטניק אין נעאַפּאָל". פּער 177, נ' 146,10. 3335

1955-1949 "ער איז ווי דער אומבאַשרענקטער דיקטאַטאָר נאָך דער רעוואָלוציע אַרומגעגאַנגען אין אַן אָפּגעריבענעם רעקל". מוקדוני, 3 - 6, 164. 3336

ד י ק ט א ט א ר י ש - אדי. ווי א דיקטאטאר.

1970 " די האלב דיקטאטארישע רעגירונג, וואס האט

געהערשט איך פוילן, האט נישט געדולדעט קיין שום 3337

ווידערשפעניקייט". יזב 7, 167.

|| דיקטאטארישקייט - די, בא. אייגנשאפט פון זיין

דיקטאטאריש.

1922 " |...| באטייט ביוראקראטישקייט, דיקטאטארישקייט

און דאס ניט רעכענען זיך מיט דעם פאלקסווילן". 3340

י.מארק, פער 120.

דיקטאטור – **די, =ן.** אומבאגרענעצטע הערשאפט
פון א פערזאן אדער א גרופע.

1930 " די איטאליענישע __דיקטאטור__ איז אן צווייפל רוסיש".

3342 __איינהארן, 7, 11__.

1965 " די כינעזישע __דיקטאטור__ איז פאר אט די יארן געווארן

3343 שווערער |...| און מאאס פאליטיק ערגער". __ב.צ. גאלדבערג,__

__פער 12/X,68__.

648 - די

ד י ק ט אַ פ אָ ן - דער, =ען אַפּאַראַט צו פֿאַרשרײַבן רייד כּדי צו קענען זיי ווידעראויפֿשטעלן ווען ס'איז נייטיק.

ד י ק ט אָ ר - דער, =ן. (סאָון) ראַדיאָ=רעדנער, ספּיקער.

1960 " פּלוצלינג הערט מען אין דעם ראַדיאָ ווידער דעם

3355 דיקטאָר מעלדעט: אונדזער חיל האָט א מַטאַט פאַרלאָזט".

י. רובינשטיין, 2, 145.

(?נ?) ד י ק ט ו ם - דער, בא. פעסטשטעלונג, אַנטשלאָסענער זאָג, פּסק.

1919 " דער פאַרפאַסער האָט דאָ געטאָן פאַרפאַסן אַ פאַרפאַסונג. זיין דיקטום: וואָס ערגער אַלץ בעסער". נאַדיר, 184,1. 3359

ד י ק ט י ר ו נ ג - די, =ען. אַקט פון דיקטירן (ב"ב 1, 2).

ד י ק ט י ר ן – טרוו, פאר דיקטירט. 1. ארויסרעדן/
לייענען עפעס אויפן קול, כדי די צוהערער זאלן עס
פארשרייבן.

1870 " ער האט געלערנט יונגלעך און מיידלעך שרייבן,
3365 רעכענען און אויסלייגן-דיקטירן". פער 177, נ' 7, ד - 50.

... " ער האט ארויסגענומען פון בוזעם א פעדער מיט
3371 טינט און חנה האט אים דיקטירט די נעמען |...|".
אפאטאשו, 5, 59.

2. פארארדענען, באפעלן, ארויפצווינגען דעם אייגענעם
ווילן אויף עמעצן.

1919 " די נייע לאגע דיקטירט א נייעם שריט". זשיטלאווסקי,
3368 9, 139.

1959 " באריישא אליין וואלט געוועזן צופרידן, וואס
3372 נישט די אמאליקע און נישט די היינטיקע |...| דיקטאטארס
דיקטירן אונדז דאס אפקלייב פון ליטעראריש ווערק". ניגער, 234,9.

0 דיקטיר=מאשין - די, =ען. |סטוטש 377| .דזוו דיקטאפאן.

ם -----> 1.

1774 " דיקטירן, איינם עטוואז פר זאגן, אין דיא פערד

683 רידן". חנוך לנער, כא - ז.

654 די-

ד י ק ט י ר ע ר - דער, =ס. דער וואָס דיקטירט (ב'1).

ד י ק ט ן - אדי. געמאַכט פֿון דיקט.

1930 " מע הערט דעם געלעכטער// דורך דיקטענעם ווענטל".

3379 פֿײַנבערג, 2, 146.

ד י ק ט ע וו ע ן - טרוו. (פּטמ) דיקטירן, ב׳ 1.

1893 " ער אליין קאָן ניט שרייבן, נאָר ער האַלט נעבן זיך

3382 אַ מין פּיסמאָוואַדיטעל, ער דיקטעוועט און יענער שרייבט".

גוידאָ, 1, 18.

1944-45 " סרייבט, סרייבט, ר׳ חיים! - האָט אים דער גאון

3386 גענומען דיקטעווען מיט אַ ווילנער סמכדיקער אויסשפּראַך".

שניאור, (?9?8), ז׳ 87.

ד י ק י י ט - די, בא. (זן) גרעב.

1926 " מעסט אויס מיט דער סאַנטימעטרישער מאָס און

פֿאַרשרייַבט אין העפט די מעכטיקייט (דיקייט) פון יעדער

שיכט | אין דער באָדן=סטרוקטור|". יאָכינסאָן, 2, 132.

דיקלעך – אדי/אדוו. אפשוואך=פארמע פון דיק. א ביסל דיק.

1944 "ער איז געוועזן א קליינער דיקלעכער ייִד". 3400

טרונק, 3, 29.

1955 "א דיקלעכע טרער האט פלוצעם אראפגעקאפעט איבער זיין פארבויגענער אדלערנאז". שפיגל, 30, 95. 3401

1968 "ער איז געוועזן א קליינגעוויקסיקער, עטוואס דיקלעך". יזב 2, 447. 3399

ד י ק ן - אוטוו. (זן) ווערן דיק. % ער דיקט פון
עסן פעטע שפייז.

דיקן.

3405 ... " עבית - דו דיקטשט", ל' עובי"דייכלין 8, דברים לב, טו.

ד י ק ס י - (אינט) כ'האב געזאגט! דאס איז עס!

Lat: dixi

1894 " ער האט געשוויגן ביים גוסען - ער האט געשוויגן

3409א' ביים שטארבן... קיין ווארט קעגן גאט, קיין ווארט קעגן

לייט! - דיקסי! פרץ, באנציע שווייג, 45.

ד י ק ע – די, =ס. נאַפּל פון אַן אײטער בײַ אַ קו, אַ ציג, אַ שאָף. % די מילך רינט אויס בײַ די בהמות פון די דיקעס.

1881 " בײַ וואָסער אַ קצבטע ווידער קויפט די פלייש? וואָס פאַר אַ מילך די בעל=הביתטע האָט ליב, יונגע צו יאַלעווע? אויף וויפל דיקעס מעלקט זיך היינט די קו אירע?". דלוגאַטש, 2, 44. 3423

1935 " זי פלעגט אים ברענגען אַלע טאָג אַהיים// אַן אײטער מילך מיט פינף צאַפּלדיקע דיקעס". מאַרקיש, 6א׳, 30. 3425

662 די-

ד י ק פֿ ל יי ש - <u>דאס, בא.</u> דער הינטן, דער הינטערהלך
פֿון קערפּער.

דיקציע – די, =ס. ארויסרייד, אויסשפראַך.

1963 " בערטאַ קאַליש האָט געהאַט אַ דיקציע, וואָס איז געווען זעלטן אויף דער יידישער בינע". 3431

פּער 110ד', 2431 – 2432.

1958 " קיין דער גרויסמייסטער פון דער בינע האָט מיט זיין דיקציע, מיט זיין אופן ריידן באַפרייט דאָס ענגלישע וואָרט פון זיינע קלאַנג= און פאַרב=פאַלשונגען". 3434

ביקל, 1, 413.

ד י ר – 1. דאטיוו פון פערזאניקן פראנאם דו.

" קריינעלע, הארצעלע, וואס איז דיר געווארן?". פל. 3450

... " האב הנאה, מענטש, די וועלט איז באשאפן געווארן

נאר צוליב דיר". מענדעלע, 21א', 62. 3443

1941 " זאלסט ניט האבן אנדערע געטער פאר מיין פנים,

זאלסט דיר ניט מאכן א געשניץ". יהואש, שמות כ – 4. 3446

2. דיאל אנשטאט דיך.

1851 " גאט וועט דיר שלאגן |...| מיט געשווילעכץ |...|".

חומש עם עברי-טייטש, דברים כח, כב. 3441

3. פארטיקל צו באצייכענען פארוואונדערונג, פארדרוס א"א.

1873 " גיי דיר גיי, זיי מוכל אויב דיר געפעלט ניט דא

ביי מיר!". מענדעלע, 9, 140. 3459

665 די־

1892 "אַט איז דיר אַ פֿאַרבײַסן נאָך די אַלע צרות!".

3458 בלאָשטיין, 3, 101.

3457 1916 "עס איז דיר אַן אַנטיק מיט דעם ייִדן!". שלום-עליכם,8ב,28.

7 דיר=נישט מיר=נישט - פּלוצעם, אומגעריכט.

1936 "|...| געפּלייסט זיך ווי אַזוי צו אַ פֿאַרמעגן

3576 צו קומען, און מען נעמט עס אים דיר=נישט מיר=נישט

צו און מען הייסט אים גייִן". י.י. זינגער, 6, 553.

ד י ר ה |דירע| – די, דירות |דירעס|. אַ צימער אָדער מער צימערן, ס׳רוב מיט די נייטיקע באַקוועמלעכקייטן, באַשטימט צום וווינען. % דינגען אַ **דירה**. אַרויסקלייַבן זיך/ אַרויסציִען זיך פון אַ **דירה**. איבערציִען זיך/אַרייַנקלייַבן זיך אין אַ נייַע **דירה**. מעבלירטע **דירה**.

1864 ~~1864~~ 1911 " טשאַפּניק קאָן אָפּזיצן אַ קײַלעכיק יאָר אין דער שענסטער **דירה** און פאַרגעסן אַז פאַר אַ דירה דאַרף מען צאָלן דירה־געלט". שלום־עליכם, 6ג׳, 129. 3464

1935 " ער האָט אַריבערגענומען די מוטער צו זיך אין דער הויפּטשטאָט, זי באַוואָרנט מיט אַן אָפּגעטיילטער **דירה**, זי זאָל זיך קענען פֿראַווען באַזונדער איר כשרע קיך". ~~נאַיעב~~ לוריע, 2, 156. 3468

0 **דירה־געלט** – דאָס. אָפּצאָל פאַר דינגען אַ דירה.

1844 „איין אונטערשטע **דירה** פון 7 צימער, ליכטיקע, אויסשפּאַלירטע 3 צימער". פאַ 177, נ׳ 17, 272. 3503

1881 " זי צאלט אפילו ניט קיין דירה=געלט, אבער דערויף איז

3513א' מען דאך יידן". שאצקעס, 1, 43.

... " קומט אריין דער סטרוזש, // נעמט ער אראפ דאס

3520 היטל.// און אז מע צאלט קיין דירה=געלט // הענגט ער

ארויס א קוויטל". פל.

[מאלוכע]

דירה=מלוכה - א שיינע, גרויסע דירה.

1916 " מע גייט און מע גייט |...| ביז מע קומט אריין

3523 אין א דירה=מלוכה". שלום=עליכם, 8ב', 81.

האבן א דירה מיט ברויט - זיצן אין תפיסה.

א קאלטע דירה ביי מיר! - ס'הארט מיר נישט, ניט מיין דאגה.

שון: דירה=געלט און קבורה=געלט מוז מען באצאלן.

3510 דריי זאכן וואקסן איבער נאכט: רווים, דירה=געלט און מיידן |קטון|.

ם 1732 " פון דיין עסין און טרינקן זאלשטו דיר אפברעכן
3474 און אפשעמן, און זאלשט וואש מער אוישגעבן אויף איין היפשע דירה אז זאלשט דיך קעגן לייט ניט דרפן שעמן".
עיון יצחק, ו/65.

ד י ר ו ת = ה ו*י ז |דירעס...| - דאָס, ≈ הײַזער.

|אהוו ווב|. (אמ) אַ בנין מיט אַ סך דירות.

678

-די

ד י ר י ג י ר ו נ ג – <u>די, =ען</u>. דער אקט פון דיריגירן.

ד י ר י ג י ר ן - אוטוו, פּפֿ דירידזשירן.

1. אַנפֿירן מיט אַן אַרקעסטער, כאָר.

1970 " נאָך אים האָט דיריגירט אַ געוויסער שער |...| מיט

3538 דעם כאָר אין זלאָטשעוו". יזב 7, 230.

2. אַנפֿירן, אַנווייזן, אינסטרויִרן.

1974 " ער האָט קאָמאַנדעוועט און דיריגירט מיט די

3534א' קלייטמענטשן, צו וועלכן קונה זיי זאָלן צוגיין פֿריִער".

גראַדע, פּער 155, ![!]3/.

ם ---> 2.

1774 " דיריגירן, אורדנן, אין ריכטיגקייט ברענגן".

3534 חנוך לנער, כא - !.

ד י ר י ג ע נ ט - דער, =ן, פפֿאַ דיריזשאָר.

אַ פּערזאָן, וואָס פֿירט אָן מיט אַן אָרקעסטער, כאָר.

1909 " זײַ |די גבאים| שיקן אַרויס דעם חזן, דעם דיריגענט,

3551 דעם באַס, דעם שמש אָפּצורײַדן קינדער פֿון אַנדערע סינאַגאָגן

|...|". מינקאָווסקי, 1, 236.

1970 " דער דיריגענט |...| איז אויך געווען אַ פֿידלער,

3549 שפּעטער סאָליסט אין פֿראַנקפֿורטער אָפּערן=אָרקעסטער".

יזב 15, 685.

ד י ר י ז ש אַ ב ל - דער, =ען. אַעראָסטאַט וואָס ווערט [illegible]

באַוועגט דורך אַ מאַטאָר.

דירידזשאַר - דער, =ן, דזוו דיריגענט.

1908 "שטעלט איַיך פֿאַר דעם באַרימטן דירידזשאַר אַליין,

3553 רחמיאליק בכּבֿודו ובעצמו |...|". יעקב גאָרדין, 3א', אקט 1.

1955 "בערעזאָווסקי - דער זון פֿון געוועזענעם דירידזשאַר

3555 אין גראַדנער שטאָטישער שול |...|". פֿער 44, נ' 8, 54.

0 דירידזשאַר=שטעקעלע - דאָס, =ך. קליין דין שטעקעלע מיט וועלכן דער דירידזשאַר העלפֿט זיך אַרויס ביַים דיריגירן דעם אָרקעסטער/כאָר.

ד י ר י ז ש י ר ן — אוטוו, דזוו דיריגירן ב׳ 1.

1928 "אויסגעצויגן די מאַרדעטשקע פּונקט ווי ר׳ יוסל חזן,

3565 געוואָרפן אַ בייזן בליק אויפן אַלט, אַ שטורכע געטאָן

דעם טענאָר און דיריזשירט מיט זיינע הענטלעך".

אַפּאַטאַשו, 5, 137.

1940 "אין בעלץ האָט ער דיריזשירט מיט אַן אָרקעסטער פון

3570 צוואַנציק מאַן". דרוקער, 1, 169.

676 די־

(?נ?) ם ד י ר ן - דאַרן, טריקענען.

אַה"ד: dürre (Sub. adj.); מה"ג; duri (Sub)

... "ויבשו - און דרנט, ל' יבשה הארץ".

3573 רייכלין 8, איוב יב, יד.

(?נ?) ם דיר (ע) - טריקעניש, טרוקנקייט. מה״ד: dürre, durre.

... "בחרבוני קיץ - אין דר דרי דיש זומרש, ל׳ קיץ וחורף".

3581 רייכלין 8, תהילים לב, ד.

... "חרירים - דרא, כמ׳ ועצמי חרה, ל׳ שממה".

3580 דצוו, ירמיה, יז, ו.

ד י ר ע ק ט - אדי/אדוו. 1. וואס גייט גלייך, מיטן גלייכן וועג.

1912 " די יידישע פּאָעזיע איז ליריק - א לשון, וואָס גייט דירעקט פונעם האַרצן אין האַרץ אַרייַן". זשיטלאָווסקי, 2, |?|, 163 3606

1947 " דאס זייַנען געווען די, וועלכע מען האָט געפירט דירעקט צו די וואַגאָנעס". יזב 8, 209. 3587

1956 " און ברייוו אַהיים מיט צוגעזאגטע רוסישע פּאַרמעגנס,// מיט אַדרעסן קיין מאָסקווע אויף צוריק - דירעקט". 3586
מאַרקיש, 10, 233.

2. אומפּאַרמיטלט, אָן צווישנדיקע שטאַפּלען. % דירעקטע וואַלן.

1919 " מען ווענדט זיך דאָ ניט צו דער טערקיי, ניט דירעקט, ניט אינדירעקט". זשיטלאָווסקי, 9, ז' |?|. 3601

1953 " אַ סך העברעישע עלעמענטן האָבן אַריינגעשטראָמט אין ייִדיש

3600 ניט דירעקט פֿון תּנך, נאָר פֿון דער גמרא און פֿון

מדרש". שטאַרקמאַן, פֿער 90, XIII-4.

1968 " דער שעף פֿון דער זשאַנדאַרמעריע |...| האָט דירעקט

3584 און אומדירעקט אויסגעמאָרדעט די ייִדישע באַפֿעלקערונג

פֿון אָטוואָצק". יזב 2, 842.

3. אָפֿנהאַרציק, אָפֿנטלעך, אויפֿריכטיק.

... " און מיטן ברודער איז מיר אַנומלט אויסגעקומען

צו רעדן, האָב איך אים נישט דירעקט, נאָר אַזוי אַ פֿרעג

געטון, צי ס'גייט אים אײַן ס'לעבן |...|".

אָפּאַטאָשו, 13, 244.

4. בפירוש, אָפֿן, ניט-פֿאַרשטעלט.

1958 " אין קליינער פון די דאזיקע זאכן, אחוץ אין 'אן אבלאווע' , איז יעדן פאלס ניטא קיין דירעקטע סאוועטישע פראפאגאנדע". ניגער, 8, 226. 3588

דירעקטער אביעקט - (גראמ) אן אביעקט צו א טראנזיטיוון ווערב אין אקוזאטיוו אן א פרעפאזיציע.

דירעקטער שטייער - (געגומען פון דעם באלער, פערזענלעך, הכנסה=שטייער.

דירעקטער שטייגער - (גראמ) דזוו אינדיקאטיוו.

ד י ר ע ק ט א ר - דער, ~ארן, וועֵ דירעקטאַרשע.

1. אַן אָנפֿירער פֿון אַן אונטערנעמונג, אינסטיטוציע, אַמט.

... " פֿאַראַן נאָך דירעקטאָרן, וואָס שטיצן די סקול".

3616 אפאטאשו, 7, 119.

1947 " ער איז געווען באַליבט ביי די תלמידים, ווייל ער

3618 האָט געסריי דערפֿילט זיין פֿליכט אַלס דירעקטאָר".

יזב 8, 78.

2. (אַמ) רעזשיסאָר.

1970 " דער דירעקטאָר וואָס האָט געשטעלט די דראַמאַטישע שפּיל

3614 א׳ דעם ערשטן מאָל אויף בראָדוויי |...|". פֿער 38, נ׳68, ז׳ |?|.

ד י ר ע ק ט אָ ר אַ ט - דער, בא. 1. קאָלעגיע פֿון דירעקטאָרן.

2. דזוו דירעקציע.

683 די־

ד י ר ע ק ט אָ ר י ו ם – דער, =ס. 1. אַ קאָלעגיע, אַ ראַט פֿון דירעקטאָרן מיט אַ הויפּטדירעקטאָר בראָש.

2. דזוו דירעקציע.

684 די־

ד י ר ע ק ט א ר י ע – די. בא. די קאלעגיע פון מלוכה־פירער
אין פראנקרייך בשעת דער רעוואלוציע אין די יארן 1795–1799.

685 די־

ד י ר ע ק ט א ר נ ש א פ ט — <u>די, ־ן.</u> <u>(אויו וו ב)</u>

דירעקטארנראט, גרופּע דירעקטארן (פֿון א באנק א"א).

ד י ר ע ק ט אַ ר ש אַ פ ט - די, =ן. 1. |סטוטש 459|.

דזוו דירעקציע.

2. אַרבעט, טעטיקייט פון אַ דירעקטאָר. % זיין דירעקטאַרשאַפט

האָט געדויערט ניט לאַנג.

ד י ר ע ק ט י וו - די, =ן. אַנווייז, אינסטרוקציע, פֿאַראָרדענונג.

1917 " די רעוואָלוציעס פֿון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל זענען מאָטיווירטע דירעקטיוון". זשיטלאָווסקי, 7, 175. 3635

1973 " און דאָס זיינען די דירעקטיוון פֿון הויפּטפּונקט: באַלד ביים ערשטן סיגנאַל זאָלן אַלע הייסן אויפֿשטעלן פֿייערע באַריקאַדעס". לייוויק, 15, 234. 3636

688 די-

ד י ר ע ק ט י ר ן - טרוו. |סטוטש 462|. אינסטרוקטירן,

אנווייזן.

ד י ר ע ק ט ק י י ט  –  די, בא. אייגנשאַפט פון זײַן דירעקט (אין אַלע בב).

1937 " איז די נײַע פּאעזי, לויט מײַן השגה, מיט

3646 איר דירעקטקייט, מיט איר אומגעפּוצטקייט, מיט איר

דראַנג נאָך עטישן אינהאַלט א דערנענטערונג צו דער

פּאעזי פון תנך". ריבקינד, פער 169, פעברואר, 85.

696

ד י ר ע ק ט ר י ס ע I - די, =ס. |סטוטש 459|

פארוואלטעריך פון א לערן=אנשטאלט.

ד י ר ע ק ר י ס ע !! – די, =ס. (מאט) אַ גראַדע ליניע מיט דער אייגנשאַפט, און די פֿאַרהעלטעניש צווישן די מרחקים פֿון יעדן פּונקט פֿון דער קרומער ביז דער גראַדער ליניע איז אַ באַשטענדיקער גרייס.

דירעקציע - די, =ס. די אַנפירערשאַפט פון אַן אונטערנעמונג, אַנשטאַלט בראָש מיט אַ דירעקטאָר.

% שול=דירעקציע.

1954 " עס איז אויך געשטיגן די קריסטלעכע באַפעלקערונג צוליב דעם, וואָס קיין כעלם איז אריבערגעפירט געוואָרן די ראַדאַמער באַן=דירעקציע". יזב 10, 103. 3653

1970 " עס איז געשיקט געוואָרן אַ בריוו צו דער דירעקציע פון דער אַלגעמיינער רעגירונגס=שול". יזב 7, 193. 3650

ד י ש – <u>דער, =עס.</u> (<u>אמ, געניצט איבערהויפט אין מצ)</u>

געפעס.

1927 " אזוי אַ דערציט מען עס קינדער, אַ חזנס אַ טאַכטער!

3664 א׳ מ׳ברעכט <u>דישעס.</u> מ׳פאַרקלאַפּט זיך הינטער טירן".

<u>מאטעס, 1, 14.</u>

ד י ש=וו א ש ע ר – דער, =ס. (אמ) געפּעס=וואַשער.

1959 " משה |...| הערט זיך באַלד געמוזט נעמען אַרבעטן, 3667
פּריער אַ דיש(געפּעס)=וואַשער אין אַ רעסטאָראַן |...|".
זילבערצווייג, פּער 110 ג׳, 2408.

||דיש=וואַשערין – די, =ס. ווע.

1963 " אַ פּרווי איז נישט קיין מומיע, – אַלאַרמירט מר"ס 3669
פּרידען, – נישט קיין סעקס=אָביעקט און נישט קיין
אונטערבאַצאָלטע דיש=וואַשערין". פּער 69, 15/XII.

ד י ש ל - ---→ דישעל.

ד י ש ל י אָ וו ע - אדי. שייכדיק צו דישעל/דישל |הווב|.

697      די-

די ש = נ י ע = ד י ש – אדוו. (פּטמ) ווו=ניט=וווּ |?|, וועך=ניט=וועך |?|.

1935 " אַז דו ביסט פֿאַרבײַגעפֿאָרן אין אַ שטויביק 'געלעגנהייט' 3705
און געזען ווײַטע בליענדיקע פֿעלדער און גערטנער און
דיש=ני=דיש אַ מענטשן, האָסטו געטראַכט: ווו זענען די
מענטשן?". נאַדיר, 8, 76.

דישע – <u>די, =ס.</u> "רער, דורך וועלכער ס׳גייט אַרײַן

3709 אין הוטע=אויוון די לופט פון בלאַזזאַק" |<u>מארק װוב 169</u>|.

ד י ש ע ל |ווײַער ל| - דער, ~ שלען/~ שלעס, פֿאַ דישל.

דראַנג, וואָס געפֿינט זיך אין דער פֿאָדערשטער טייל פֿונעם וואָגן און צו וועלכן מען שפּאַנט צו דאָס פֿערד/די פֿערד; האַלאַבליע. % אַ וואָגן קען האָבן צוויי דישלעס, צווישן וועלכע מען שפּאַנט איין אַ פֿערד. אַ צעבראָכענער דישעל.

1866 " די גאַסגײַערס |...| זאָלן ניט סקאַליטשעט און ניט
געלעכערט ווערן פֿון דישלעס אין דער פֿינסטער בײַ נאַכט". 3716

פּער 177, נ' 12.

1947 " טייל מאָל ווערן אויך געלאָזט אין גאַנג יאַטקעהעק,
פֿליישער=מעסער און דישלעס פֿון וועגענער". פּער 41,8. 3687

1972 " פֿאַווראַלינקע לויפֿן אין דישל די פֿערד".

טעלעסין, 1, 228.

ד/ אויסדרייען (פאַרקערעווען, אויסקערעווען) דעם דישעל -

1. פאַרן צוריק.

1888 " ר' אַלטער איז באַלד טאַקע אַרויף אויף זײַן וואָגן,

3674 |...| אויסגעדרייט דעם דישל און זיך גענומען אויף דעם

אַנדערן טראַקט". מענדעלע, 17, 45.

1920 " צוריקדרייען און צוריקפאַרן הן פון א וועג, הן פון

3713 א געשעפט זיך צוריקציען הייסט 'פאַרקערעווען דעם דישל

און פאָרן אהיים'". עלזעט, 2, 29.

1947 " האָב איך גלײַך געהייסן אויסקערעווען די דישלעס

3727 און נאָכגעפאָרן נאָך אײַך". שניאור, 10, 114.

2. חרטה האָבן, צוריקציען זיך.

אַרײַנפאָרן מיטן דישל אין שבת אַרײַן (אין לכו נרננה אַרײַן) -

אין דער שיסל לאָקשן) - קומען פון א נסיעה האַרט פאַר

אָדער נאָך ליכטבענטשן.

1920 " ווען איינער קומט צופארן פרייטאג שוין שפעט אין
אוונט, זאגט מען: 'ער איז אריינגעפארן מיטן דישל אין דער
שיסל לאקשן', ד"ה, ער איז געקומען צו פארן ווען מ'האט 3678
שוין געהאלטן ביי די לאקשן, דעם פרייטאג צו נאכטס פלעגט
מען עסן לאקשן". עלזעט, 2, 29.

אריין מיטן דישל – 1. |סטוטש 537| .קומען אומגעריכט,
אומדערווארט.

2. איבערשלאגן די רייד, אריינפאלן אין די רייד.

1920 " ווען איינער קומט און גיט א פאר אריין אין די רייד
מיט לגמרי גאר עפעס אנדערש, זאגט מען: 'אריין מיטן דישל'". 3683
עלזעט, 2, 29.

ליימענער דישעל – אומגעראטענער, אומגעניטער; ען אויך די
ציטאטע.

די-

1920 " אַ שלים=מזל, אַ לא=יוצלח, אַ 'טראַפּקע' |=שמאַטע|

3712 הייסט 'אַליימענער דישעל'". עלזעט, 2, 29.

פּפּ: (שפּל) ווייך ווי אַ ליימענער דיש(ע)ל |סטוטש 212|.

וועגן אַ האַרטער זאַך.

לעדערנער דישעל – וועגן אַ ניט=סטאַבילן מענטש.

די צונג איז ווי אַ לעדערנער דישל – וועגן אַ ליגנער;

זען די ציטאַטע.

1920 " די צונג איז ווי אַ לעדערנער דישעל, ד"ה מען קאָן

3715 מיט איר דרייען און ריידן היינט אַזוי, מאָרגן אַזוי".

עלזעט, 2, 28.

1920 " מענטשן אָן פעסטער דעה, וועלכע בויגן זיך לויט יעדן

3711 ווינט, רופט מען אויך 'לעדערנער דישלעס'". עלזעט, 2, 29.

קרומער דישעל – (לאקל, סאניק) איינער וואס טוט אלץ פארקערט|קטוו|.

ווי קומט דער דישעל צו דעם וואגן? – (לאקל, סאניק) וועגן א נישט=צוגעפאסטן שידוך.

די ש ע ן – אוטוו/טרוו. 1. אָטעמען שווער, סאָפּען.

1875 " ער האָט אַראָפּגענומען זײַן ביקס און האָט |...| 3744
אויסגעשאָסן אויף דעם רויבער און האָט געהרגעט ווירקליך
ווי עס איז איינער געפֿאַלן פֿון דעם שאָס און דישעט
זייער שטאַרק". דיק, 17א', 21.

1939 " רײַסט ער זיך אָפּ פֿון פּלעשל, קוים וואָס ער דישעט". 3742
שניאור, 4, 51.

2. שטיקן, וואַרגן.

1850 " ווען עס דושיט איך דער ברוסט מכח א פּאר קיילינג 3739
וואַרימט דאס |די שטיקלעך כרייך, איינגעוויקטע אין ווייך|
און שטילט דאש דושיך". אנ, תעלה ארוכה.

1974 " דער געפּגרטער היטלער האָלט זיך נאָך אָלץ בײַם האַלדז 3735
און דישעט זיי". עלבערג, 2, 306.

3736 3. דעמפֿן, דושען, טושען (פּליש) |קטוו|.

4. אומפֿערזאַניק. (שנש?) שמעקן.

3746 1935 " עס דישעט מיט טאַבאַקע". מ. דייטש, 3, 69.

5. (פֿיג, עלט) אונטערדריקן, שטיקן.

1867 " דאַרף ער מלחמה פֿירן מיט |...| באַוואָפֿנטע העלדן,

3733 בעסער וועט ער דישען די פֿרידלעכע בירגער".

פער 177, נ׳ 21, 163 - !!!.

|| דישען זיך - אוטוו. שטיקן זיך.

3750 1938 " אירע נאַזלעכער דישען זיך אינעם וואַסער".

שניאור, 3, 146.

// פפ: |סטוטש 219| . דישען ווי א גאַנדז.

ד י ש ע נ ע ן – אוטוו. (לד) דזוו דישען.

1920 " |...| די מאסע וועט מיט איין אטעם דישענען,

3752 מיט איין הארצן וועלן און מיט איין קול פארלאנגען

פרייהייט און רעכט". ווינטשעווסקי, 1, 271.

ד י ש ק ע - די, =ס. (רעג, בעסאראביע) " א פעסל ווו׳
מ׳האלט וואסער פאר שטוב=באדערפענישן"|קטוו|; דיאל
פאר דייזשקע.

מיטן 19טן י"ה|?| " א דישקע אויף וואסער, א פעסיל פון
בארשט, א גלעזערנעם סלוי פון פסחדיק שמאלץ |...|". 3759
וואכשטיין, וועלוועלע זבארזשערס בריוו, פער 162, 34.

1893 " דארט גייט איין וואסער=טרעגער מיט צוויי דישקעלעך
וואסער". ארנשטיין, 2, 65. 3757